STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01628

OYF FREMDER ERD

Alter Kleiman

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Lawrence Selter
in memory of
Chana & Jesse Selter

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלטער קליימאַן

אויף פרעמדער ערד

אַרויסגעגעבן פון מחבר

תש״ל — 1970

ALTER KLEIMAN
OYF FREMDER ERD

אַלטער קליימאַן
אויף פרעמדער ערד

©

נדפס בישראל, תש״ל

Printed in Israel 1970

דפוס „אורלי״, תל־אביב



אַלטער קליימאַן

אַרײַנפֿיר

דער מחבר פֿון דאָזיקן ספֿר „אויף פֿרעמדער ערד” האָט געהאַט פֿאַר אַ ציל צו באַווײַזן, אַז פֿרעמדע ערד האָט אין זיך אַן אויפֿרײַסערישן באַציל, בײַ אַלע אומשטענדן און אין אַלע לענדער, ווען עס איז נוגע ייִדן. אָט למשל ווערן אין ספֿר דערמאָנט אָפֿט צוויי לענדער: פּוילן און בעלגיע. זײַ זענען צוויי קאָנטראַסטן וואָס שייך זייער אַנטוויקלונג. פּוילן איז זײַט דורות אָפּגעשטאַנען, די מאַכט דעספּאָטיש, דאָס לעבן פֿול מיט אַבערגלויבן, פֿאַראורטיילן און אַנטיסעמיטיזם. דאַקעגן בעלגיע איז געווען אַ דעמאָקראַטיש און ליבעראַל לאַנד. אין פּוילן איז דער ייִדישער עלעמענט געווען אַן איבעריקער, אומגעוווּנטשן און פֿאַראַכטעט. אין בעלגיע איז אַמאָל דער זעלבער ייִדישער עלעמענט געווען אַ נוצלעכער, אַ געוווּנטשענער און נייטיקער. ווען עס איז אָבער אָנגעקומען אַ כמורנער שוואַרצער טאָג פֿאַר ייִדן איז דער רעזולטאַט געווען כמעט דער זעלבער.

דער מחבר האָט זיך באַמיט אין די ראַמען פֿון זײַנע כּוחות צו געבן דעם לייענער אַ לעבעדיק, אינטערעסאַנט בילד, מיט פֿאַקטן אויטענטישע, אויסגעפֿאָרשטע, אָן שום גוזמאות. דערבײַ האָט דער מחבר זיך געמיט אָפּצוהאַלטן איבערצוגעבן טרויעריקע, בלוטיקע געשעענישן, האַלטנדיק פֿון כּלל: „כּל המוסיף הרי זה גורע”, באַזונדערס אין אַזאַ צײַט ווען די חושים ווערן פֿאַרטעמפּט און דאָס האַרץ פֿאַרשטיינערט. דאָס וועט אפֿשר העלפֿן גיכער צו באַנעמען און פֿאַרשטיין יענע אַטמאָספֿער און צו אָטעמען מיט יענע געשעענישן.

אין געוויסע שטעלן האָט דער מחבר געהאַט דאָס געפֿיל ווי ער וואָלט אַריבערגעשפּרונגען איבער אַ ברענענדיקער בריק מיטן ווילן וואָס שנעלער אַריבער אויף יענער זײַט. דאָס איז געשען דערפֿאַר, ווײַל דער מחבר לעבט צוריק איבער די אַלע געשעענישן, ווערט קראַנק דערפֿון, און ווייל וואָס

אַריינפיר

גיכער אַוועק פון די פּאַסירונגען. עס לײדט אפשר דערפון דאָס ספר, אָבער...

דער מחבר מיידט אויס צו ברענגען נעמען פון מענטשן צוליב געוויסע סיבות. ער וויל אויך זיין אָביעקטיוו, סיי צו פריינד, סיי צו שונאים.

אויף ווי ווייט עס איז דעם מחבר געלונגען דאָס אַלץ דורכצופירן וועט דאַרפן משפטן דער לייענער לויט זיין שכל און געשמאַק.

דער מחבר אַליין פילט, אַז ער האָט זיך באַפרייט פון אַ חוב, וואָס איז אים געלעגן אויפן האַרצן. דאָס הייסט נישט, אַז ער האָט שוין אַוועקגערוקט די געשעענישן פון זיך אויף אַ וויטן מרחק. ניין! דאָס קען נישט געשען. צופיל איינגעקריצט איין זכרון און געמיט זענען די פּאַסירונגען. דער מחבר האָפט צוזאַמען מיט אייך אַלע, אַז מער וועט זיך אַזעלכעס נישט איבערחזרן.

באַהאַלטן אין אַ נאָרע

נאָוועמבער 1942

„שאַרלערואַ" פאַרשטאָט־לאַדינסאַרד, בעלגיע. אונטער דער אָקופּאַ־ציע פון דער ריינער אַרישער דייטשער ראַסע.

מיר האָבן אַ מאָל געלערנט אין „משלי" „דאגה בלב איש ישחנה". דער תלמוד איז דאָס מפרש אַלס עצה „ישיחינה לאחרים" דערצייל עס אַנ־דער'ע, רעד זיך אַראָפּ פון האַרץ, אַנדערש דריקט עס דיך און דו ווערסט צעבראָכן. אגב מיין איך, אַז ס'איז כדאי צו שרייבן צוליב דעם, וואָס לויט אַלע סימנים פון דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר מיט מיר, וועט פון מיר קיין זאַך נישט איבערבלייבן אויסער אפשר בלויז דאָס, וואָס כ'וועל אָנ־שרייבן. כאָטש דער נאַרישער אָפּטימיזם רוימט מיר איין אין אויער אַ סוד: אפשר יאָ? אָבער ווי אַזוי? איך בין אָפּגעשניטן פון דער גאַנצער וועלט פון מענטשן (אויסער איינעם), אפשר אויך פון גאָט? אַ שוואַכע שיין פון דרויסן באַקום איך דורך אַ געדיכט פאַרהענגל. ווי איך בענק און לעכץ, פּשוט עס גייט מיר אויס דאָס חיות, כאָטש איין מאָל צו קענען אַוועק־רוקן דאָס פאַרהענגל, כדי צו זען די נאַטור אָן דעם שלייער, אָבער ס'איז אַ סכנה. דו קאָנסט זיך נאָך, חלילה, אַליין פאַרראַטן...

איך קלאָג איבער דער קללה פון דער וויסטער אָפּגעשניטנקייט, אָבער אין איצטיקן מאָמענט איז דאָ אין דעם אויך אַ ברכה, ווייל ווען נישט דאָס, וואָלט איך גאַנץ באַשטימט געווען דאָרט... ווי אַלע.. גאָט ווייסט צי עמיצער פון מיין משפחה וועט זיך נאָך צוריקקערן? איך מוז לעבן איצט ווי אַ פלעדערמויז, וואָס די ליכטיקייט איז איר גרעסטער שונא. אויך ביי נאַכט, ווען איך שאַר זיך אַרויס שטילערהייט דורך דעם פינצטערן קאָרידאָר כדי אייַנצוזאַטעמען אַ ביסל לופט, און קוים באַוויזט זיך די

שיינע לבנה, און פּרובירט זיך דורכרייסן דורך אַ פינצטערער כמאַרע, דעמאָלט בין איך מיט איין שפּרונג צוריק אין מיין קעלער־וווינונג. איך לעב מיטן „קול עלה נדף". יעדער ריר פון אַ בלעטל מאַכט מיך אויפּצי־טערן. און ביי יעדן שאָרך אין דרויסן בלייבט מיר דאָס האַרץ שטיין, אָבער ביי מיר אין מיין קאָנספּיראַטיוון קעלער, האָב איך אַן ערגערן און ביטערן שונא, וואָס צעברעכט דעם שטאַרקסטן מענטשן אין דער וועלט, דאָס איז דער הונגער, ער באַוויזט שוין אָפּצוטעמפּן אין מיר כמעט אַלע חושים. צווישן זיי אויך דעם גייסט און די געדאַנקען. ער מאַכט צונישט אַלע בענקשאַפטן.

מען זאָגט, אַז צו צרות געוווינט מען זיך צו, אָבער צו דער צרה איז דאַכט זיך מיר אוממעגלעך זיך צוצוגעוווינען. איצט קען איך שוין יאָ פאַרשטיין דאָס קלאָג־ליד פון ירמיהו הנביא: „טוב חללי חרב מחללי רעב", וואָס איך האָב אַ מאָל נישט פאַרשטאַנען. ווען דו פילסט ווי דו כוחות גייען דיר אויס, די קישקעס אינעווייניק דרייען זיך איבער פון ווייטיק, און דערליידיקער מאָגן קורטשעט זיך פון יסורים — פּרוווסט דאַן זיך לייגן און אויפשטיין אָן אַ צוועק, עס באַהערשט דיך נאָר איין געדאַנק: דער פאַרלאַנג עפּעס צו נעמען אין מויל אַריין, אויב נישט קיין ברויט איז כאָטש אַ קאַרטאָפל, אַפילו די שאָלן פון די קאַרטאָפל. דער געדאַנק און דאָס באַוווסטזיין, אַז דו האָסט דאָס אַלץ נישט, פאַרדאָפּלט און פאַרשטאַרקט נאָך מער דעם הונגער.

באַגיין זעלבסטמאָרד? נישטאָ מיט וואָס. איבערגעבן זיך די באַר־באַרן, זיי זאָלן דיך דערשיסן? און ביזן שיסן? פּייניקונגען און חרפות־בושות, וואָס זענען ערגער ווי דער טויט. און די בלינדע נאַרישע האָפע־נונג, וואָס ליגט דיר נאָך אין די ביינער פון דעם אַמאָליקן אַריינהאַמערן אין קאָפּ „אַל תתייאש מן הפורעניות", זיך האַלטן ביזן סוף. יאוש איז דאָך בכלל קעגן דער רעליגיע. דער תלמוד זאָגט נאָך אין דעם זין ברייטער און שטאַרקער: „אַפילו חרב חדה מונחת על צווארו אל ימנע אדם מן הרחמים".

מיין גאַנץ עסן היינט באַשטייט פון אַ לעפל האָבערפלאָקן. איינגע־טיילט איין לעפל אין דער פרי, איין לעפל מיטאָג און איין לעפל אין אָוונט (אויך דערמיט מוז איך זיין שפּאָרזאַם צוליבן פעלן פון געלט) אויפגעקאָכט

בלויז אויף וואַסער, אַן צוקער און אָן פעטקייט. ביים עסן איז עס ביטער ווי גאַל. איך האָב דאָס אויסגעקליבן צום עסן, ווייל עס איז אַמנאַרהאַפט־סטן און אַמביליקסטן ביי מיין איצטיקן מצב. באַלד נאָך אַזאַ עסן, ווען איך האָב נאָך נאָכגעטרונקען אַ פּאָר גלעזער וואַסער און אויך פאַררויכערט אַ פּאָר פּאַפּיראָסן, ווען איך האָב אַביסל פאַרלאַטעט דעם מאָגן אויף אַ קורצער צייט, דעמאָלט זעץ איך זיך אַוועק שרייבן. איך שרייב אויף גרין־געל קריגס־פּאַפּיר, וואָס האַלט אין איין קלעקן. ווען עס איז שטיל, גיב איך מיר נאָך אַן עצה מיט מיינע נערוון, אָבער ווען עס דערהערט זיך עפּעס פאַרדעכטיקס אין דרויסן ציטער איך אויף מיטן גאַנצן קערפּער, און דאָס שרייבן ווערט איבערגעריסן. און דאָס אָנגעשריבענע מוז באַהאַלטן ווערן, כדי ביים ערשטן אַריינקום, זאָל מען אין מיר נישט דערקענען דעם ייד, אָדער גאָר אָננעמען מיך אַלס שפּיאָן. דאָס חזרט זיך איבער כמעט יעדן טאָג. אַמאָל אין אַ שוואַכערער פאָרם, און אַמאָל אין אַ שטאַרקערער פאָרם. אַ טאָג ווייניקער מאָל, און אַ טאָג מערער מאָל. ווען דער אָוונט קומט אָן, מוז איך זיצן אין דער פינצטער ביז צוועלף אַ זייגער אין דער נאַכט, ווען מיין באַלעבאָס קומט אַהיים פונעם קוילנגרובן. כ׳טאָר נישט אָנצינדן קיין ליכט, ווייל אַלע שכנים ווייסן, אַז מאַרקאָ, מיין איצטיקער באַלעבאָס, איז נישט אין דער היים ביז שפּעט אין אָוונט.

אַזוי זעט אויס ביי מיר מיין איצטיקע לאַגע.

ווען איך כאַפּ אַ בליק אויף צוריק פון דעם מאָמענט אָן, ווען כ׳האָב פאַרלאָזט מיין אַלטע היים אין פוילן, לויפן די פאַרגאַנגענע געשעענישן פאַרביי פאַר מיינע אויגן ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ. די יאָרן לויפן אין מיינע געדאַנקען איינס נאָכן אַנדערן, אַזוי ווי מען מישט בלעטלעך פון אַ נאָטיץ־ביכל. אָט דערזע איך זיך אין דער אַלטער היים ווי אַ געפּענטעטער. די לופט שטיקט מיך, איך האָב מורא דערשטיקט צו ווערן. דו שטויסט זיך אָן, ווו דו קערסט און ווענדסט זיך אויף פאַרשיידענע דיסקרימינאַציעס, כאָטש דו ביסט אַ בירגער, געבוירן אין דעם לאַנד און דיינע אור־אור־עלטערן, ווער ווייסט וויפל דורות צוריק, מיט הונדערטער יאָרן, געפינען זיך אין דעם לאַנד. נישט נאָר דו פילסט זיך אַלס פרעמדער, נאָר אַפילו

אַלטער קליימאַן

אַלס איבעריקער און אָפּטמאָל טרעפסטו זיך אָן אויף אַזאַ שנאה, וואָס גרענעצט זיך מיט זאָאָלאָגיע. און טיילמאָל שטייגט עס אַפילו אויך דאָס איבער, ווען עס האַנדלט זיך ביי דעם אַלטן „הבה נתחכמה לו״ און זיי ווערן דעמאָלט „חכמים להרע״.

בעלגיע און פוילן

ווען איך בין דעמאָלט אַוועק פון פוילן, אין דעם יאָר 1926, האָב איך אָפּגעאָטעמט אַנקומענדיק אין נייעם לאַנד בעלגיע. וואָס איז געשען? צי איז דען די לופט אין בעלגיע בעסער ווי אין פוילן? ניין. די לופט איז דאָ ערגער, באַזונדערס אין אַנטווערפּן צוליב די אַרטיקע קלימאַטישע באַדינגונגען, און צוליב דער גרויסער ליכט־פאַבריק, וואָס איז דאָרט געווען און געהאָלפן פאַרפּעסטן די לופט, ווי אויך צוליב דעם שמוציקן שטייענדיקן שטינקענדיקן קאַנאַל, וואָס גרענעצט זיך מיט אַ צאָל פון גאַסן און געסלעך.

נאָר ווען איך זאָג אָפּגעאָטעמט מיין איך נישט די קלימאַטישע לופט, ווייל אָט די קלימאַטישע לופט קאָן איך נישט און דאַרף עס נישט האָבן אַנדערש ווי די אָרטיקע איינוווינער. איך האָב דאָ בלויז אין זינען די לופט, וואָס איז שייך יידן...

שוין ביים ערשטן אָנקום אין בעלגיע האָסטו גלייך געפילט אַן אַנדערע פרייע לופט. קודם כל ביים איינמעלדן זיך אין פרעמדן־ביוראָ פון דער פּאָליציי, האָב איך געפילט אַ מענטשלעכע באַציונג צו מיר, צום אויסלענדער, וואָס איך בין. מען האָט גערעדט צו מיר טאַקע אין אַ געבראָכענעם יידיש, אָבער מען האָט זיך באַמיט דערמיט מיר לייכטער מאַכן מיין פרעמדקייט. אויך שפּעטער ווען איך בין אָנגעקומען זיך איינצומעלדן אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט פון מיין קוואַרטאַל, אויף דער פעסטונג־סטראַט, זע איך ביים אַריינגאַנג אַ שילד אויף וועלכן ס׳שטייט מיט קידוש־לבנה אותיות אין יידיש: דאָ איז דער איינגאַנג צו דער פּאָליציי.

ס׳גייט פאַרביי אַ קורצע צייט, איך פאַרשטיי שוין צו ביסלעך די היגע שפּראַך (פלעמיש). איך שטיי אין אַ קאָלאָניאַל־געשעפט און הער זיך צו צו אַ שמועס פון בעלגישע פרויען. איינע באַקלאָגט זיך דערויף, וואָס עס

קומען אין לאַנד אַריין אַזוי פיל פּרעמדלינגען (זי מיינט יידן). ענטפערט אַן אַנדערע, אַז מען דאַרף זיין צופרידן דערפון, ווייל די פּרעמדע ברענגען אַריין אַן אויפלעבונג אין האַנדל, באַזונדערס אין דער דיאַמאַנטן־בראַנזשע. איך דערמאָן זיך טאַקע וואָסערע געוואַלטיקע ראָל יידן האָבן אַמאָל געשפּילט אין דער דיאַמאַנטן־בראַנזשע. ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז עס געווען. איך דערמאָן זיך ווי די דיאַמאַנטן־בערזע איז געווען געשלאָסן שבת און אָפן זונטיק. אַ פּועל־יוצא דערפון, וואָס אין שבת האָבן יידישע סוחרים זיך נישט געפונען אויף דער בערזע און דאַקעגן זונטיק יאָ, מחמת דער איבערוויגנדיקער צאָל פרומע יידישע דיאַמאַנטערס, וועלכע האָבן נישט געהאַנדלט אָדער געאַרבעט אין שבת און אַן יידן האָט נישט געהאַט קיין צוועק אויפצומאַכן די בערזע. יעדע דיאַמאַנטן־טראַנזאַקציע, אַפילו ביי נישט יידן, איז פאַרענדיקט געוואָרן מיטן טראַדיציאָנעלן יידישן ווונטש: מזל און ברכה. יידן האָבן פאַרשפּרייט דעם נאָמען פון בעלגיע איבער דער גאַנצער וועלט דורך דעם שאַפן אין אַנטווערפּן דעם גרעסטן דיאַמאַנטן־צענטער אין דער גאָרער וועלט. דערמיט האָבן זיי נאַטירלעך נישט ווייניק מיטגעהאָלפן אין די בעלגישע פינאַנסן. אַ גרויסער טייל פון דער אַנטווערפּענער באַפעלקערונג האָבן געלעבט דירעקט און אומדירעקט פון דער דיאַמאַנטן־בראַנזשע.

מיינע זכרונות שטעלן זיך אויך אָפּ ביי דער גרויסער דיאַמאַנט־אויסשטעלונג, וועלכע איך האָב געזען אין אַנטווערפּן אַ פּאָר יאָר פאַר דער מלחמה. די מאָדעלן דאָרט זענען געווען פאַרשידנאַרטיק. אָנגעהויבן פון ריזן שטיקער האַלב־קוילן, האַלב־דיאַמאַנט, און געענדיקט זיך ביז די קלענסטע מיניאַטור־ברילאַנטן. מ׳האָט אויך געוויזן מיניאַטור־שיפן און פאַרשידנאַרטיקע בלומען געפּאַסט אין דיאַמאַנטן. די גרעסטע אַטראַקציע איז געווען אַ טויב אין דער נאַטירלעכער גרויס, זי האָט געהאַלטן אין שנאָבל אַ בריוו פון שלום, געפּאַסט אין ברילאַנטן. און זי האָט טאַקע באַקומען דעם ערשטן פּרייז. דער קעניג לעאָפּאָלד האָט דערפאַר געדריקט די האַנט פון דעם אייגנטימער און דעם אויסשטעלער פון דער טויב. ער האָט געהייסן מענדל לאַנדאַ. אַזוי ווי ער, זענען זיבעציק אָדער אַכציק פּראָצענט פון די אויסשטעלער געווען אונטערגעצייכנט מיט עכט יידיש־

קלינגענדיקע נעמען. נאָכן ענדיקן דאָ די אויסשטעלונג זענען אַלע עקס־פּאָנאַטן אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין שיקאַגאָ אויף דער דאָרטיקער וועלט־אויסשטעלונג.

אַזוי אויך ביים בויען הייזער. דער גרעסטער טייל פון די גרויסע הייזער אין אַנטווערפּן זענען געבויט געוואָרן דורך יידן. אויך אַנדערע האַנדלס־בראַנזשעס (ווי למשל, די פוטער־בראַנזשע) זענען איינגעשטאַנען אין יידישע הענט. איך קען זיך דערמאָנען די פּוסטע פּאַררויכערטע מאַגאַזינען לעבן וואָקזאַל, וואָס האָבן ביינאַכט אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די פּאַרבייגייער. זיי זענען שפּעטער באַלעבט געוואָרן דורך יידן און זענען געוואָרן אַן אַנגראָ האַנדלס־צענטער פון פאַרשידענע סחורות. אַזוי ברייט און טיף איז געווען דער יידישער איינפלוס דאָרט אין אַנטווערפּן. בעלגיער וייזן נישט אַרויס קיין שאָוויניזם. זיי מאַכן אַ לעבן און האַנדלען צוזאַמען מיט יידן. בעלגיער און יידן פּאַסן זיך צו איינער צום אַנדערן. און עס מאַכט נישט קיין מחיצה די רעליגיע, טראַכט אָדער מנהגים. דער עיקר איז געווען פון וואָס און מיט וועמען מען קען מאַכן אַ לעבן. יידן האָבן אין אַנטווערפּן מער קיין מורא געהאַט אַזוי ווי אין דער אַלטער היים. זיי זענען געגאַנגען איבער די שמאָלע האַלב פינצטערע קרומע געסלעך פון דער אַנטווערפּענער פּאָרט און מער נישט געציטערט פאַר שיכורים, אָדער אַזעלכע וואָס מאַכן זיך כלומרשט פאַר שיכורים, כדי צו קענען אין דער פינצטערניש אָדער אַפילו ווען עס איז ליכטיק און ווען קיינער זעט נישט, אַריינרוקן אַ יידן אַ מעסער אין די פּלייצעס. דו קענסט גיין רויק אַפילו, ווען מען ברוקירט די גאַסן און נישט באַקומען קיין שטיין אין קאָפּ. דו מעגסט אויך געלאַסן אַדורכגיין ווו מען בויט אַ נייעם קוואַרטאַל און נישט טראַכטן, אַז אָט־אָט ווערסטו באַוואָרפן מיט אַ מבול פון ציגל, וואָס זענען נעבעך, מכלומרשט צופעליק, אַראָפּגעפאַלן פון די רושטאָוואַניעס גלייך אויף דיין קאָפּ. דו דאַרפסט אויך נישט טראַכטן, אַז עס קען אַמאָל זיין אויך אַ געפאַר ווען דו פאָרסט אינדערפרי מיט טראַמווייען, וואָס זענען געפּאַקט מיט אַרבעטער, וואָס פאָרן צו דער אַרבעט. אַזוי ווי עס האָט מיט מיר פּאַסירט אין יאָר 1919 בעת איך בין געפאָרן מיטן טראַמווי, וואָס פאָרט פון וואָקזאַל אין וואַרשע קיין וואָליע. די אַרבעטער, וואָס זענען געפאָרן צו דער

אַרבעט, האָבן דעמאָלט נישט געהאַט מער צו טראַכטן (בעת זיי האָבן אין מיר דערקענט דעם ייד) ווי מקיים זיין די מצווה פון טשעפּען. איינער אַ קלאַפּ פון דער זייט, דער אַנדערער איבערן קאָפּ, דער דריטער גלאַט אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל, נאָך אַן אַנדערער אַ שטויס און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטופּן און אַ שטויסן ביז צו דער טיר פונעם טראַמוויי. ביז איך האָב באַמערקט, אַז די זאַך ווערט מער ווי ערנסט. פּשוט, זיי גרייטן זיך מיך אַראָפּצוּוואַרפן פונעם טראַמוויי בעת ער איז אין פולן גאַנג. איך האָב מיך געוועהרט מיט אַלע כוחות, ביז איך האָב באַוויזן שוין נאָענט פון דער סטאַציע אַליין אַראָפּצושפּרינגען.

דעמאָלט האָב איך מיר אָפּגעגעבן אַ קלאָרן דין וחשבון פון דער יידישער לאַגע אין פּוילן. איך האָב מיר געטראַכט: דאָס איז אין דער צייט, ווען עס איז שלום. וואָס וועט זיין, ווען עס וועט זיין מלחמה? אויך האָב איך געטראַכט: אין אַזאַ פול געפּאַקטן טראַמוויי, מיט עטלעכע הונדערט אַרבעטער, געפינען זיך דאָך זיכער נישט נאָר בלויז אַרבעטער פון רעכטע, אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען, נאָר זיכער אויך פּעפּעסאָווצעס און אפשר אויך קאָמוניסטן? און קיין איינער פון אָט די אַלע זאָל זיך נישט אָנרופן מיט אַזאַ וואָרט: „וואָס ווילט איר פון אים? ער איז דאָך אַ מענטש גלייך מיט אייך?״

דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון פּוילן.

איך דערמאָן זיך אויך ווי אין די ערשטע וואָכן פון מיין אָנקומען אין אַנטווערפּן האָט מען מיר געראָטן צו גיין זען אין דער האָלענדישער שול אַ חתונה, וואָס איז פאָרגעקומען פון אַ בעלגישן גענעראַלס אַ זון (דער גענעראַל איז געווען דער קאָמאַנדיר פון אַ פעסטונג, דאַכט זיך, נאַמיר). אויך דער חתן, אַ הויכער אָפיציר (זיי זענען קריסטן) איז אָנגעטאָן אין אַ מיליטערישן אוניפאָרם. שטייט ער, דער חתן, אין אַ טלית, אונטער דער חופּה מיט אַ טאָכטער פון אַ יידישן סוחר מיטן נאָמען באַש, וואָס האָט געהאַט אַ געשעפט אויף דאַמבורגער סטראַט און דער ראַבינער, ד״ר ווינער, גיט דעם יונגן פּאָרל זיין ברכה.

איך דערמאָן זיך דאָס אַלץ איצט זיצנדיק אין האַלב פינצטערן קעלער ביי מיין יוגאָסלאַווישן באַלעבאָס מאַרקאָ. מיין באַלעבאָס איז נאָר וואָס

אַוועק צו דער אַרבעט אין קוילנגרוב (ער דאַרף נישט זען, אַז איך שרייב). היינט אין דער פרי, ווען מאַרקאָ איז צוריקגעקומען פון דער גאַס, ווי ער האָט עפּעס איינגעקויפט, האָט ער מיר דערציילט, אַז מען האָט נעכטן געפונען אין מיטן גאַס אַ זאַק, אין וועלכן עס איז געלעגן אַ טויטער ייִד. וואַרשיינלעך איז ער אין דער פאָריקער נאַכט געשטאָרבן און דער בעלגיער ביי וועלכן ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן האָט נישט געוואָלט האָבן צו טאָן מיט די דייטשן, האָט ער אים אַרייַנגעלייגט אין אַ זאַק און אים אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס ; אַזוי ווי אַ געפּגרטע קאַץ... מיין מאַרקאָ האָט צוגעגעבן אין שפּאַס, אַז אויב דאָס וועט געשען מיט מיר, וועט ער אויך טאָן דאָס זעלבע (אגב האָב איך דעם ייִד געקענט ; ער האָט געהייסן קריווין און געוווינט אין שאַרלערואַ). מילא, איך וויל נישט קלערן, וואָס וועט זיין שפּעטער, ווייל דער איצט שטופּט אַוועק דעם שפּעטער.

דאָס יאָר 1937 און 1938

איך קער זיך צוריק צו מיינע זכרונות פון פאַר דער מלחמה. כ'דערמאָן זיך דאָס יאָר „1937". ביז צו דעם יאָר זענען אָנגעקומען יידישע פליכט־לינגען פון דייטשלאַנד קיין אַנטווערפּן אין קלענערע צאָלן. אָבער אין יאָר 1937 איז שוין געווען צו זען אַ גרעסערע אָנזעבאַרע צאָל פון יידישע פליכטלינגען אין אַנטווערפּן, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון היטלער־רישן גיהנום. אין דעם זעלבן יאָר, אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט זיך באַוויזן די ערשטע שוואַרצע כמאַרע אויפן אַנטווערפּענער יידישן הימל, דעם אמת געזאָגט אַ קליינע כמאַרע, וואָס האָט נאָך נישט אָנגעזאָגט קיין געוויטער פון דונערן און בליצן, אָבער אַ יידיש געניט אויג האָט דאָ אויך געקענט באַמערקן, אַז דאָס איז נישט קיין איינצלנער פאַל, נאָר אַן אָנהויב פון שפּעטערדיקע מער דרייסטערע און פילבאַרע שריט קעגן יידן. דאָס איז געווען דער פאַרבאָט צו האַלטן אָפן די דיאַמאַנט ־ בערזע זונטיק און זיין פאַרמאַכט אום שבת. אייגנטלעך אויבערפלעכלעך איז דאָס פון זייער שטאַנדפּונקט, דאָס הייסט פון דער שטאַט־פאַרוואַלטונג, געווען רעכט צו פאַרלאַנגען, אַז אַ מינדערהייט פון דער באַפעלקערונג מוז זיך אונטער־וואַרפן די געזעצן פון דער מערהייט. אָבער דער אמת איז דאָס, אַז דאָס אָפן זיין פון דער בערזע זונטיק און דאָס פאַרמאַכט זיין אום שבת איז קיינמאָל נישט געווען קיין אויסדרוק פון פּריווילעגיע אָדער סתם אַ זשעסט לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, נאָר בלויז אַן אויסדרוק פון רעאַליזם, ווייל יידן אין אַנטווערפּן זענען געווען שטאַרק טראַדיציאָנעל און באַין אופן נישט געהאַנדלט אָדער געאַרבעט אום שבת. און אָן יידן אין דער דיאַמאַנטן־בערזע איז געווען ווי צו גיין כאַפּן פיש אין ים המלח.

איך בין אַ פּאָר מאָל פאַרבייגעגאַנגען די בערזע און אויך אין איר אַריינגעגאַנגען אין די שבתים, ווען די בערזע איז געוואָרן אָפן. איך האָב

דאָרט געזען סוחרים, וואָס מען האָט זיי געקאָנט ציילן אויף די פינגער. און אויך די וויניק געציילטע האָבן נישט געהאַנדלט, נאָר געשפּילט אין קאָרטן. דאָס האָט געקאָנט זיין אַ קליינער אָנהויב פון צופּאַסן זיך צו דעם גרויסן בייזן שכן, אַן אויסדרוק פון אַ געוויסן טייל פון דער אַנטווערפּע־נער באַפעלקערונג, וועלכע ציט און בענקט צו דעם אַמאָליקן וויגעלע פון דעם פריש אויפגעקומענעם ברודער דייטשלאַנד. אין יאָר 1938 אויף שאַר־לאָטן 5 אין אַנטווערפּן עפנט זיך אויף דאָס אַזוי גערופענע ברוינע הויז. אין דעם הויז זאַמלט זיך יוגנט, וואָס טראָגן ברוינע העמדלעך, הויכע שוואַרצע שטיוול, האַקנקרייצן אויף די אָרעמס. ווען א ייד גייט דאָרט פאַרביי ווערט ער דערוויל נישט פאַרטשעפּעט. עס ווערן אָבער אויף אים אָנגעשפּיצט אויגן פול מיט האַס און שנאה. אַ צייט שפּעטער ווערט אַרויס־געהאָנגען איבער דעם הויז אַ ריזיקע פאָן מיט אַ האקנקרייץ און עס ווערט שוין אַ סכנה פאַר אַ יידן — אַפילו אין מיטן טאָג — דאָרט פאַרביי־צוגיין, ער קאָן קריגן מיט עפּעס איבערן קאָפּ. דאָ און דאָרט לויפן שוין איבער די גאַסן ביינאַכט איינצלנע אָדער עטלעכע יוגנטלעכע מיט אויסגע־שרייען: „פוילע יידן קיין פּאַלעסטינאַ". די בעלגישע מאַכט הויבט אָן צו ווערן נייטראַל. זי וויל — ווייזט אויס — זיך נישט איינרייסן מיטן שכנישן טיגער. זי ווייזט אַפילו אַרויס אַ פריילעך פּנים צום טיגער, דערמיט וואָס זי באַרגט כלומרשט די היטלער־רעגירונג צענדליקער טויזנטער פּראַכט־באַן - וואַגאָנען, מיינענדיק אַזוי אַרום צו קענען אָפּראַטעווען זיך פון זיינע נעגל. די לופט האָט אָנגעהויבן צו ווערן ענלעך צו יענער לופט פון וואַנען איך בין אַמאָל אַנטלאָפן. די סיבות זענען דאָ אַנדערע ווי פון דאָרטן. אָבער דער רעזולטאַט דערפון ווערט באַלד ענלעך. די אָנפאַנגס־סיבה דאָ האָט נישט געהאַט קיין שום שייכות מיט יידן. אין בעלגיע איז פאַראַן אַן אַלטע פלעמישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וואָס ציט זיך נאָך פונעם ערשטן וועלט־קריג. בעלגיע באַשטייט פון צוויי באַפעלקערונגס־טיילן: אַ גרעסערע פלעמישע באַפעלקערונג, וואָס רעדט אַן אוראַלטן פּלאַט־דייטש, און אַ קלענערע באַפעלקערונג, וועלכע רעדט צווישן זיך וואַלאָניש, אַן אַלטן פראַנצויזיש. אין לאַנד איז דאָ צוויי אָפיציעלע שפּראַכן: איינע פלעמיש און איינע פראַנצויזיש. אין פלעמישן טייל פון לאַנד ענטפערט מען אויך

אויף פראַנצויזיש אין אַלע אָפיציעלע אַמטן. אָבער אין וואַלאָנישן טייל פון לאַנד ווערט נאָר געענטפערט אין פראַנצויזיש, ווייל זיי קענען דאָרט נישט פּאַקטיש קיין פלעמיש.

אויך גרויסע טיילן פון דער פלעמישער באַפעלקערונג אַסימילירן זיך אויף פראַנצויזיש. דאָס און נאָך אַנדערע פאַרשידענע מיינונגס־קעגנזעצ־לעכקייטן צווישן די ביידע באַפעלקערונגס־טיילן פון בעלגיע ברענגען תמיד צו פאַרשידענע רייבונגען צווישן זיך. ביי דעם ערשטן וועלט־קריג, זענען שוין געוויסע טיילן פון די אַזוי גערופענע פלעמיגאַנטן צוגעשטאַ־נען צו די דייטשן, און האָבן פאַקטיש פאַרראַטן זייער אייגענע מדינה אַלס אויסדרוק פון שנאה צו דעם אַנדערן טייל פון דער באַפעלקערונג: דער אַנפירער זייערער (דאַכט זיך באָרמס) איז נאָכן קריג פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. און שפּעטער האָט מען זיין שטראָף פאַרביטן אויף 25 יאָר טורמע. אין יאָר 1938 (דאַכט זיך) האָט מען אַלס זשעסט צו דייטשלאַנד אים ווידער פריי געלאָזט. ביים היטלער־רעזשים אין דייטשלאַנד האָבן די פלעמיגאַנטן וועמענס הויפּט־צענטער איז אַנטווערפּן, אָנגעהויבן די ערשטע צו רייטן אויפן יידישן פערדל. אין דעם זעלבן יאָר 1938 האָב איך געהאַט דעם ערשטן קליינעם אינצידענט מיט מיינעם אַ בעלגישן אַדוואָקאַט פון יאָרן, ביי וועלכן איך האָב געבעטן, אַז ער זאָל מיר אָנשרייבן אַ ביטע צום שטייער־אַמט. ווען דער אַדוואָקאַט האָט געענדיקט שרייבן מיין ביטע און מיך געהייסן אונטערשרייבן, האָב איך אים געבעטן מיר דאָס פריער דורכצולייענען. ער האָט אָנגעהויבן: דער באַטרעפנדיקער, וועלכער וווינט אויף דער גאַס, און האָט אַ קליין „יידישעס" געשעפט... איך האָב אים דערביי אָפּגעשטעלט און אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם וואָרט „יידישעס", צו וואָס ער האָט עס נויטיק געהאַט דאָס וואָרט ספּעציעל אָנצו־מערקן? צי מיינט ער דען, אַז דאָס קאָן מיר עפּעס פאַרלייכטערן? האָב איך אים געפרעגט, און אויב נישט צו וואָס האָט ער עס געשריבן? ער איז רויט געוואָרן איבער די אויערן, געפּרוווט זיך אַרויסדרייען, אַז בכלל האָבן יידן קליינע געשעפטן. און אַז איך האָב אים אָנגעוויזן אויף די גרויסע יידישע געשעפטן אין אַנטווערפּן, באַזונדערס אונטער דער בריק, דעמאָלט איז אַרויס די אָל פון זאַק. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז

אַ גרויסער אַנטיסעמיט. ער האָט געטענהט גאָר פּאַרקערט, אַז די יידן מיט זייער האַנדל דאָ אין בעלגיע „פּאַרדרענגען די בעלגישע סוחרים״. ער האָט געבערענגט באַווייזן אין ציפערן, וואָס האָבן געפּאַסט פּאַר אַ שילער פון ערשטן קלאַס, און נישט פאַר אַן אַדוואָקאַט: די יידישע באַפעלקערונג אין בעלגיע איז אין זיין פאַנטאַזיע אויסגעוואַקסן אין אַזאַ צאָל, וואָס אָט אָט וועט זי זיך באַלד אויסגלייכן מיט דער בעלגישער באַפעלקערונג. און אפשר גאָר זי איבערשטייגן, און דעמאָלט וועט זי מן הסתם אַרויסטרייבן די בעלגישע באַפעלקערונג, וווהין? אפשר קיין פּאַלעסטינע?

דאָ רייס איך איבער מיינע זכרונות. מיר האַלטן שוין היינט ביי סוף נאָוועמבער 1942; איך געפין זיך שוין דאָ אין דעם האַלב פינצטערן קעלער באַלד צוויי חדשים. מיין באַלעבאָס מאַרקאָ איז נעכטן אַהיימגעקומען פון גאַס אַן אויפגערעגטער און דערביי טרויעריק. ער דערציילט מיר, אַז אין דרויסן איז זייער שלעכט. מען כאַפּט כסדר באַהאַלטענע יידן. ער רעכנט מיר אויס אַ פּאָר ערטער ווו מען האָט יידן אַרויסגענומען. עס גייט מיר אַדורך אַ ציטער און אַ פּחד אַ חוץ אַלעמען, טאָמער וועט אים, חלילה, נמאס ווערן דאָס גאַנצע עסק: כ׳מיין מיין באַהאַלטן זיך ביי אים; ווו וועל איך גיין? קוים וואָס עס איז מיר געלונגען — מיט גרויס יסורים — צו באַקומען דעם פּלאַץ ביי אים.

איך הייב אָן צוריק פון מיינע זכרונות. כ׳דערמאָן זיך ווידער אין יאָר 1938. די בעלגישע רעגירונג הויבט אָן צו באַשרענקען טיילוויז די רעכטן, וואָס עס האָבן ביז דעמאָלט געהאַט די אויסלענדער. אויסלענדער (לייען יידן) טאָרן נישט באַזיצן קיין קאַפעען, און נאָך אַנדערע קלענערע באַ־גרענעצונגען. באַלד דערויף איז אָנגעקומען אַ גרעסערע גזירה: אויסלענ־דער (לייען יידן) קענען מער נישט קריגן קיין נייע דערלויבענישן צו שטייך מיט סחורות אויף די מערק. אַלע מאַרק־סוחרים, אויך בעלגיער, מוזן טראָגן אָפּצייכענונגען אויף זייערע לאַצן, בעת זיי שטייען אויף די מערק מיט זייערע סחורות. אָבער די אויסלענדער (לייען יידן) מוזן זייערע אָפּצייכענונגען טראָגן אין אַן אַנדערן קאָליר, מיט דער כוונה די בעלגיער

זאָלן וויסן און קאָנען אונטערשיידן ווער ס׳איז אַ בעלגיער און ווער ס׳איז אַן אויסלענדער. אַ פאַרקליגלטער אַבטיפּוס פון דער שפּעטערדיקער געלער לאַטע פאַר יידן. ווייזט אויס, אַז גיפטיקע באַצילן קענען אויך אָנשטעקן דעם געזונטסטן קערפּער. עס הויבן אָן צו שטראָמען פון דייטשלאַנד יידן, אויך פון ווין קומען אָן מאַסן יידן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון דעם נייעם דאָרטיקן היטלערישן גן־עדן. די גרויסע מאַסן דאָ זענען שוין אויסגעוואַקסן צו ריזיקע ציפערן, מען רעכנט זיי שוין אין די צענדליקער טויזנטער.

צווישן די עמיגראַנטן האָבן זיך געפונען אויך פאַמיליעס, וואָס זייערע מענער, פאָטערס און ברידער זענען אומגעקומען אין דאַכאַו, אָדער אין בוכענוואַלד. פון דאָרט באַקומען זיי זייער איינציקן אָנדענק: „אַ קעסטעלע אַש״. און אויך פאַר דער הומאַניטעט האָבן זיי געדאַרפן באַצאָלן. אַ טייל פון די עמיגראַנטן האַלטן זיך דאָ נאָר אויף צייטווייליק און רעכענען צו פאָרן מעבר לים. אָבער דער גרעסטער טייל פון די עמיגראַנטן זענען איי־בערגעבליבן אין בעלגיע. הויפּטזעכלעך אין אַנטווערפּן. צווישן זיי אַזעלכע וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט אויף הוצאות צו פאָרן ווייטער. אָבער די הויפּטזאַך פון זייער בלייבן אין בעלגיע איז געווען דערפאַר, ווייל זיי האָבן געהאַט צוטרוי צו די גרויסע וועלט־מאַכטן און האָבן געמיינט, אַז דאָס דייטשע געשפּענסט איז נאָר אַ זייפנבלאָז, און אַזוי גיך ווי עס איז אויפגעקומען אַזוי גיך וועט עס פּלאַצן, און זיי וועלן קענען גלייך צוריק־פאָרן אהיים. דערווייל איז געוואָרן די נויט גרויס סיי פון די, וועלכע זענען בכלל געקומען אָן מיטלען צום לעבן, און אַפילו פון די אַנדערע, וואָס האָבן טאַקע יאָ געהאַט געוויסע געלט ־ מיטלען צום לעבן. אָבער ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס וועט באמת אָנהאַלטן דאָס נע־ונד זיין? צי וועלן זיי קענען אַזוי לאַנג אויסהאַלטן, נישט צו פאַרדינען און לעבן פון גרייטן געלט? ווייל אין בעלגיע האָבן זיי נישט געהאַט קיין רעכט צו האַנדלען, אָדער אַרבעטן. זיי מעגן בלויז געלט אויסגעבן. עס האָט זיך געגרינדעט אין אַנטווערפּן אַ הילפס־קאָמיטעט פון די דאָרטיקע אנטווער־פּענער יידן, וואָס האָבן געמאַכט אַ קיך, וועלכע האָט אויסגעטיילט ביליקע מיטאָגן פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל. אויך האָט דער הילפס־קאָמיטעט געגעבן

די עמיגראַנטן אַ קליינעם חודש־געהאַלט, וואָס האָט געקלעקט — זיכער ווייניקער פון דער העלפט — פאַר דעם אויסקומען פון די עמיגראַנטן־פאַמיליעס. אין הקומץ משביע את הארי. אויך איז געווען די אויפגאַבע פון דעם הילפס־קאָמיטעט צו פאַרריכטן שיך און צו טיילן מעדיצינישע הילף אומזיסט.

צווישן די אַלע וויכטיקע אויפגאַבן פון דעם הילפס־קאָמיטעט איז אויך געווען דאָס, וואָס די עמיגראַנטן האָבן באַקומען פונעם קאָמיטעט אַ צעטל, אַז זיי זענען אונטער דער אויפזיכט פון קאָמיטעט. ווען זיי האָבן אַזאַ צעטל נישט געהאַט, האָט זיי געדראָט צוריקגעשיקט צו ווערן צו דער דייטשער גרענעץ דורך די בעלגישע זשאַנדאַרמען. און מיטן אָנקומען פון די מאַסן עמיגראַנטן האָבן אָנגעהויבן צו שטייגן דירות. מאַנסאַרדן, סוטע־רין־שטובן אַפילו ספק בוידעמס — ספק שטובן, ספק סוטערינען, ספק קע־לערס, וואָס קיין מענטשלעכער פוס האָט דאָרט ווער ווייסט ווי לאַנג נישט איבערגעטרעטן — איז געוואָרן מיט גאָלד גלייך. אַבי מען זאָל האָבן ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. אַלטע מלבושים, הויפּטזעכלעך אַלטע מעבל, וואָס פריִער האָבן מענטשן דערויף נישט געוואָלט קוקן, זענען געוואָרן חשובע גאַנגבאַרע פאַרקויפס־אַרטיקלען. איבערגעבליבענע אין די געשעפטן פרוכטן, גרינוואַרג, פליישן, איבערהויפּט ביליקע פלייש־סאָרטן זענען גע־וואָרן פאַרצוקערט. עס האָט זיך געמאַכט אַ פּראָספּעריטי, וואָס אין אַנט־ווערפּן האָט מען ביז דעמאָלט דאָס נישט געקענט. די בעלגישע באַפעל־קערונג האָט צו דעם עסק נישט צוגעלייגט. פון איין זייט אויפלעבונג אין מסחר און גוטע רווחים, און פון דער אַנדערער זייט נויט, פּיין און עלנט.

דער אָנהויב פון יידישער עמיגראַציע פון בעלגיע

יידישע דיאַמאַנטן־סוחרים האָבן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. קודם כל די אַמעריקאַנער בירגער. אויך אַנדערע יידישע דיאַמאַנטערס, וואָס זענען נישט קיין אַמעריקאַנער בירגער האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן אַוועקצו־פאָרן. עס זענען אויך אַוועקגעפאָרן דיאַמאַנטערס, פוילישע בירגער קיין בראַזיליע. ווייל אַנדערע לענדער זענען פאַר פוילישע בירגער נישט געווען אָפן. אָבער קיין בראַזיליע האָבן זיי געקענט אַריינקומען נאָר אַלס קאַטאָליקן, יידן האָבן זיך דערמיט אָן עצה געגעבן. פאַר גוט געלט האָבן זיי אַרויסבאַקומען פון דער קאַטוילישער היעראַרכיע טויף־צעטלען, און אַזוי אַרום געקומען קיין בראַזיליע אַלס כשרע קאַטאָליקן.

דער באַוווסטער יידן־פריינד קאַמיל הויסמאַנס, דער בירגערמייסטער פון אַנטווערפּן, סעקרעטאַר פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל און אויך רעדאַקטאָר פון דער פלעמישער סאָציאַליסטישער צייטונג „פאָלקס גאַ־זעט" האָט געשיקט רופן די פאָרשטייער פון דער יידישער באַפעלקערונג און זיי געזאָגט, אַז פאַר זייער טובה איז געווונטשן, אַז זיי זאָלן זאָגן די יידן: ערשטנס, אַז זיי זאָלן וואָס ווייניקער באַזוכן די פּאַרקן, און אָנזאָגן די קינדער, אַז זיי זאָלן אויפפּאַסן ביים אַוועקוואַרפן דאָס אָפּפאַל פון עסן אין די פּאַרקן, ווייל זיי שטעכן צופיל אויס די אויגן פון דער בעלגישער באַפעלקערונג; איך מיין, האָט ער געזאָגט, אַז עס פעלט נישט היינט קיין שנאה און פייער ביי דער בעלגישער באַפעלקערונג. און איר מיט אייער צופיל זיין — מאַסנווייז — אין די פּאַרקן, און באַזעצן אַלע בענק פון די פּאַרקן צעפלאַקערט איר נאָך מער די שנאה צו אייך. אָבער וואָס האָבן די יידישע פאָרשטייער געקענט טאָן מיט דער גרויסער צאָל עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט פּוסט און פּאַס אָן אַרבעט, און אָן האַנדל. דאָס איינציקע פאַרגעניגן זייערס איז נאָר איבערגעבליבן דאָס, וואָס זיי האָבן

זיך געקענט טרעפן מיט משפחה, אָדער סתם באַקאַנטע אין די פּאַרקן; אָדער כאַפּן אַ ביסל לופט, דאָרט אין די פּאַרקן, אָדער גאַסן, וואָס האָט זיי נעבעך אויסגעפּעלט אין זייערע אַלטע פאַרשימלטע לעכער, ווו זיי האָבן צו יענער צייט געמוזט וווינען.

איך דערמאָן זיך, אַז אין אַ געוויסן אָוונט פונעם זעלבן יאָר 1938 איז אַריינגעקומען אין מיין געשעפט אַ יונגער עמיגראַנט מיט זיין פרוי און איינגעקויפט פאַרשיידענע אַרטיקלען און ביי זייער איינקויף בין איך אויפמערקזאַם געוואָרן אויף זייער ספּעציעלן איינקויפן פון מערער אַרטיקלען; זיי האָבן באַמערקט מיין פאַרוווּנדערונג און האָבן מיר שטילערהייט דערקלערט, אַז זיי האָבן באַשלאָסן צוריקצופאָרן קיין דייטשלאַנד. אַ שוידער האָט מיך אָנגעכאַפּט צו הערן, וואָס יידן קלערן צו טאָן אין אַזאַ צייט. גאָט האָט זיי געהאָלפן אַרויסצוכאַפּן זיך פון יענעם גיהנום, און זיי קלערן גאָר וועגן צוריקפאָרן? איך האָב זיי געפּרוּווט אָפּהאַלטן מיט פאַרשידענע אַרגומענטן. אָבער זיי האָבן מיר דערקלערט מיט גרויס פאַרביטערונג און יאוש, אַז אויב זיי וועלן ווייטער בלייבן אין בעלגיע, וועלן זיי אויסגיין פון הונגער, אָדער זיך דאַרפן נעמען דאָס לעבן. און אין דייטשלאַנד איז זיי נאָך איבערגעבליבן דאָס פריערדיקע געשעפט פון וועלכן זיי קאָנען דערווייל מאַכן אַ לעבן. זיי האָבן צוגעגעבן: אָדער לעבן אָדער שטאַרבן. אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן מיר שוין געהערט פון דער באַרימטער אַזוי גערופענער קריסטאַל־נאַכט, פון נאָוועמבער 1938, וואָס איז פאָרגעקומען אין דייטשלאַנד, ווען מען האָט אין דער נאַכט אין גאַנץ דייטשלאַנד צעהאַקט די יידישע געשעפטן און וווינונגען, און די זאַכן, וועלכע מען האָט נישט באַוויזן צו צעהאַקן, האָט מען אַרויסגעוואָרפן דורך די פענצטער; און פיל יידן זענען דערביי אומגעקומען. אויף די בתי־כנסת זענען דעמאָלט פאַרברענט געוואָרן. איך האָב מיך שטאַרק געשראָקן איבער דעם לעבן פון דער יונגער עמיגראַנטן־פאַמיליע, וואָס זענען ביי מיר געוועזן. איך האָב נאָכגעפרעגט אויף זיי ביי פאַרשידענע עמיגראַנטן, אפשר ווייסט ווער פון זיי? אָבער קיינער האָט מיר נישט געקענט וועגן זיי וואָס דערציילן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך זיי געזען פלוצים שטיין אין מיין געשעפט, אָפּגעדאַרט און פאַרעלטערט, אַז איך האָב זיי קוים דערקענט. זיי האָבן

מיר דערציילט, אַז צו יענער צייט פון די געשעענישן זענען זיי פונקט געווען אין גאַס און צוקומענדיק צו זייער וווינונג און דערזען, וואָס עס טוט זיך, האָבן זיי גענומען אַ טעקסי און אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעפאָרן, ווייל, ווי זיי האָבן מיר דערקלערט, איז אויך געווען אַ געפאַר פאַר אַ יידן צו זיין אין אַ האָטעל.

נאָך דער באַרימטער קריסטאַל־נאַכט, ווערט אַנטווערפן פאַרפלייצט פון אַ מבול פון יידישע עמיגראַנטן, וועלכע קומען פון דייטשלאַנד צו לויפן דורך אַלע וועגן און שטעגן. פיל פון זיי זענען אָנגעקומען אין די פינצטערע פּראַקטיקע נעכט דורך די שטעכל־דראָט־פאַרצוימונגען ביי די גרענעצן. זיי זענען געווען פאַרפרוירן פון די פרעסט, צעקאַלעטשעט פון די שטעכל־דראָטן און דערשראָקן ביז טויט פון דעם שמוגלען זיך, ווייל ווען מען כאַפּט זיי דאָרטן ביים אַריבערשמוגלען, וואָלט מען זיי פאַרשיקט אין די קאָנצענטראַציע־פּונקטן. אויך ווען זיי זענען שוין געווען גליקלעך זיך אַריבערצוכאַפּן שוין אויף דער בעלגישער טעריטאָריע, האָט זיי נאָך אַלץ געדראָט — ווען זיי ווערן געכאַפּט נישט ווייט פון דער גרענעץ דורך די בעלגישע זשאַנדאַרמען — צוריקגעשיקט צו ווערן צו דער גרענעץ; סיידן, ווען זיי האָבן שוין געהאַט דאָס צעטל פון יידישן קאָמיטעט, אַז זיי זענען אונטער זייער אויפזיכט.

דירות שטייגן אין הימל אַריין, פאַר דער קלענסטער וווינונג האָט מען שוין גענומען דריי הונדערט ביז דריי הונדערט פופציק פראַנק אַ חודש. און דער קאָמיטעט האָט נאָר געצאָלט פאַר איין פּערזאָן 40 פראַנק און פאַר אַ פאַמיליע פון צוויי פּערזאָן 80 פראַנק אַ חודש. עמיגראַנטן פאַר־קויפן פון זיך אַראָפּ די טייערסטע זאַכן פאַר חצי־חינם. פון די אַלע זאַכן האָט נאָר פאַרדינט די בעלגישע באַפעלקערונג, ווייל די דירות שטייען נאָר איין ביי די בעלגיער. די יידישע באַפעלקערונג פון פריער — אין אַנטווערפן — האָט נישט געהאַט קיין ליידיקע שטובן צום פאַרדינגען. אויך די האַלב־אומזיסטע מציאות פון די עמיגראַנטן, האָבן יידן קיין מוט און קוראַזש צו קויפן, ווייל ווער ווייסט — האָט מען געטראַכט — אפשר, אפשר וועט מען אויך דאַרפן לויפן?

אַנטווערפּענער יידן האָבן אָפּגעדונגען אַ זאַל אויף די קיוועט סטראַט

פאַר די עמיגראַנטן אין וועלכן מען האָט געגעבן דאָרט טיי און צוביי־סעכץ בחינם פאַר די עמיגראַנטן; ערשטנס, אַז זיי זאָלן זיך נישט דאַרפן אַרומדרייען אויף די גאַסן, און אויך, כדי זיי זאָלן זיך קענען אָנוואַרעמען די קאַלטע גלידער, און דערכאַפּן מיט עפּעס וואָס דאָס האַרץ. טיי און ציטראָנען האָבן די יידישע געשעפטן געגעבן בחינם. אָבער דאָס אַלץ איז געווען און געהאַט אַ ווערט ווי מען גיסט אַריין אַ גלאָז זיסקייט אין אַ ים פון ביטערקייט. די עמיגראַנטן זענען געווען פאַרביטערט און פאַרצווייפלט און פון צייט צו צייט האָבן זיי אויסגעלאָזט דעם כעס אויף דער יידישער באַפעלקערונג פון פריער, מיט דער טענה, אַז מען טוט נישט פאַר זיי גענוג און אפשר זענען זיי אין געוויסע הינזיכטן גערעכט געווען, אָבער פיל מאָל איז עס בלויז געווען אַן אויסדרוק פון זייער אייגענער ביטערער לאַגע, ווי איינער, וואָס איז שטאַרק קראַנק, און אין יעדער זאַך זעט ער און געפינט אַ שטערונג.

איך דערמאָן זיך אין אַ קליינעם עפּיזאָד פון יענער צייט. פאַר מיין געשעפט אויף דער גאַס איז געשטאַנען אַזוי ווי תמיד מיין טריפּאַרטער (לאַסט־ראָווער). איך בין איינמאָל אַרויסגעגאַנגען פון געשעפט און דערזע אַז מיין טריפּאַרטער איז פאַרשוווּנדן; איך לויף מעלדן דער פּאָליציי, אַלס ענטפער אויף מיין מעלדן, האָב איך באַקומען פונעם פּאָליציי־אָפיציר דעם ענטפער: „יאָ יאָ, מיר האָבן גענוג צרות פון די אויסלענדער" (לייען יידן).

זלמן רובאַשאָוו וואָרנט די ייִדן אין בעלגיע

איך דערמאָן זיך אינעם זעלבן יאָר 1938 בין איך געגאַנגען הערן אַ רעפעראַט וואָס איז פאָרגעקומען אין די פאָרטונואַ (אַ דיאַמאַנט־קלוב פאַר קליווערס) פון זלמן רובאַשאָוו. ער האָט גערעדט כדרכו תמיד מיט התלהבות און ברען. ער האָט זיך געהיטן צו דערמאָנען ווען עס איז ביים נאָמען, ווייל אין זאָל האָט זיך אַרומגעדרייט בעלגישע געהיים־פּאָליציי וואָס ביז צו יענער צייט איז דאָס קיינמאָל ניט געווען. זלמן רובאַשאָוו האָט דעמאָלט גערעדט ווי אַ נביא־זעם; ער האָט דעמאָלט אויסגעשריען: „עס קומט אָן אַ שטורעם וואָס וועט אויסרייסן ביימער און בערג, פעלקער וועלן פאַרניכטעט ווערן און מדינות וועלן חרוב ווערן. ווער ס'האָט שכל זאָל זיך באַצייטנס ראַטעווען". אָבער אין בעלגיע האָט מען דעמאָלט געוווסט, אַז מיר האָבן אַן אַלבערט־קאַנאַל, וועלכן עס איז אוממעגלעך אַדורכצוברעכן און אויך אין האָלאַנד איז דאָ אַ פאַרפלייצונג־סיסטעם, אַז אויך פון דאָרט קענען די דייטשן נישט קומען, און פון דער פראַנצויזישער זייט איז דאָך דאָ די וועלט־באַרימטע מאַזשינאָ־ליניע; און היינט זשע די שטאַרקע פראַנצויזישע אַרמיי, און דער באַרימטער ענגלישער פלאָט. בעלגיע איז מיט זיי אַלעמען פאַרבונדן. און אויב די דייטשן וועלן דאָ אָנרירן, הייסט עס דאָך אַ וועלט־קריג. וועט דען אַמעריקע שטיין פון דערווייטן און רוסלאַנד וואַרט דען נישט דערויף, אַז דייטשלאַנד זאָל זיך פאַרוויקלען אין אַזאַ עסק, דעמאָלט וועט רוסלאַנד זיי דערלאַנגען דעם ריכטיקן טויט־קלאַפּ.

דאָ רייס איך איבער מיינע דערינערונגען.

מיר געפינען זיך שוין היינט אין דער ערשטער העלפט פון דעצעמבער 1942, כאָטש מיר הייבן שוין אָן צו זען דאָ און דאָרט ליכטיקע פונקטן אויף די אַזוי פאַר אונדז שוואַרצע פאַרוואָלקנטע בייזע הימלען, ווי למשל דער

צוזאמענבראָך פון ראָמעלס אַפריקע־קאָרפּוס ביי על־אַלמיין, ווי אויך דייטשע מפּלות אויפן איטאַליענישן פראָנט. הגם מאַרקאָ האָט מיר געבראַכט די ידיעה מיט אַזאַ גרויסער שמחה, איז נאָך מיין פּראָבלעם ווייט פון צו זיין געלעזט. די אויבן דערמאָנטע פּונקטן זענען נאָך צו ווייט פון אונדז. צי וועל איך קענען אויסהאַלטן און זיך קענען דאָ דערהאַלטן ביז עס וועט קומען אויך דאָ די ישועה פאַר אונדז? פון איין זייט איז דאָס דערוויל אויך גוט פאַר מיר דערמיט, וואָס מאַרקאָ מיינט, אַז די דאָרטיקע מפּלות פון היטלערס פאַרבינדעטע וועלן ברענגען שנעל אויך ביי אונדז צו היטלערס מפּלה; און אַזוי אַרום בין איך דערוויל געזיכערט מיט מיין באַהעלטעניש דאָ. אָבער פון דער אַנדערער זייט, טראָץ מיין קאַרגן און שפּאָרזאַם זיין מיט מיין דערנערונג, ווערן מיינע געלט־רעזערוון אַלץ איינגעשרומפּן אַזוי, אַז אָט אָט בלייב איך שטיין. איך קלער שוין נישט וועגן מיין דערנערונג, נאָר וועגן נישט קענען מאַרקאָן באַצאָלן מיין חודש־אָפּצאָל. און וואָס וועט זיין דעמאָלט? ער, מאַרקאָ, ווייסט נישט ווי ווייט איך האַלט מיט מיינע געלט־מיטלען, אָבער מיך מאַכט עס משוגע און פאַרצווייפלט. איך האָב שוין פּרובירט שיקן דורך מאַרקאָס פאַרמיטלונג אַן איינוווינערין פונעם זעלבן הויז, אַ בעלגישע פרוי, וואָס איז אויך אַ שוועגערין פון מאַדלען, דער הויפּט־באַלעבאָסטע פונעם גאַנצן הויז, צו אַ בעלגישער פאַמיליע קיין אַנט־ווערפּן, וווּ כ'האָב באַהאַלטן מיינע זאַכן, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן דעם קאַראַקולענעם פוטער־מאַנטל פון מיין פרוי, אַז איך זאָל אים קענען דאָ פאַרקויפן. אָבער די פרוי איז צוריקגעקומען פון אַנטווערפּן מיט גאָרנישט. דעריבער האָב איך באַשלאָסן, וואָס עס זאָל נישט מיט מיר געשען אויפן וועג, מוז איך מיר איינשטעלן דאָס לעבן און פאָרן קיין אַנטווערפּן צו מיינעם אַ צווייטן באַקאַנטן בעלגיער, ביי וועמען איך האָב דאָרטן אויך באַהאַלטן אַנדערע זאַכן, צווישן זיי אַ קאַנאַפּע, און אין דער קאַנאַפּע ליגט באַהאַלטן מיין גאַנץ געלט — בעלגישע פראַנקן, ענגלישע פונטן און צירונג. דער בעלגיער ווייסט נישט פון דעם וואָס עס ליגט באַהאַלטן אין דער קאַנאַפּע.

פאָרן אין דער היינטיקער צייט קיין אַנטווערפּן איז פאַר אַ יידן שווער ווי צו פאָרן צום מאַרס. אויפן גאַנצן וועג ווערן געזוכט יידן. איך האָב אָבער פאַר מיינע אויגן דעם אַמאָליקן ביישפּיל פון די 4 מצורעים, פון תנ"ך,

ווען זיי האָבן אויך צו יענער צייט געטענהט דאָס זעלבע, וואָס איך היינט. זיי האָבן דעמאָלט געזאָגט: וועלן מיר אַזוי איבערבלייבן וועלן מיר אויסגיין פון הונגער; וועלן מיר אַרויסגיין צו די ארמ׳ער וועלן זיי אונדז דער־הרגענען, אָבער מיר מוזן אַרויסגיין צו די ארמ׳ער, אפשר וועט אונדז גע־לונגען. אויך האָב איך באַשלאָסן, אַז מיין רייזע קיין אַנטווערפּן קאָן נאָר זיין אין דער נאַכט פון 24סטן דעצעמבער, ד״ה אין דער וויינאַכט, ווייל דעמאָלט פאָרט אַ וועלט מענטשן אויף די באַנען, און די קאָנטראָל איז דעמאָלט נישט מעגלעך אַזוי גענוי אויסצופירן.

יאַנואַר 1943. איך בין קוים אַ לעבעדיקער צוריק געקומען פון אַנט־ווערפּן מיט גאָרנישט, און דערצו צעבראָכן גייסטיק און פיזיש. איך האָב ביז איצט אָפילו נישט געקענט טראַכטן פון עפּעס וואָס צו שרייבן. כ׳האָב פאַרקויפט מיין זייגער און נאָך אַנדערע פּאָר מיר לעבנסוויכטיקע אַרטיק־לען פאַר אַ העלפט פון זייער ווערט. איך האָב פאַרקויפט מיין כמעט נייעם לאָדן־מאַנטל, געקויפט האָט אים דער זון פון מאַדלען, די הויפּט־באַלעבאָסטע פונעם הויז, פאַר אַ פערטל פּרייז פון זיין ווערט. אַחוץ דעם, וואָס היינט אין בעלגיע קאָן מען אַזאַ מאַנטל איבערהויפּט נישט קריגן איז דער מאַנטל מיר היינט נויטיק, ווי דאָס לעבן, ווייל אין דרויסן זענען די פרעסט שטאַרק און איך בין אין אים אָנגעטאָן אַ גאַנצן טאָג, אין אַ נישט געהייצטן קעלער. דער שונא פון הונגער איז גרעסער, מיין איך, פון דעם שונא פון קעלט.

איך קער זיך צוריק צו מיינע זכרונות:

איך דערמאָן זיך אין יאָר 1939. הינטער אַנטווערפּן ווערט אויפ־געעפנט דורך דער בעלגישער מאַכט אַ זאַמל־לאַגער מיטן נאָמען מערקס־פּלאַץ. דאָס איז פאַר פליכטלינגען, וועלכע מען האָט געטראָפן האַנדלען אין די גאַסן. איינער מיט אַ רעשטל שטאָף, אַן אַנדערער מיט אַ פּאָר שטיקלעך זייף אָדער זאָקן, וואָס זיי האָבן אַרומגעטראָגן אין די יידישע ווינונגען. עס איז נישט חלילה אַזעלכע לאַגערס ווי למשל אין דייטשלאַנד, אָבער דאָך אַ לאַגער, וועלכער באַגרענעצט די פרייהייט פון מענטשן. און אין איינ־וועגס איז אפשר אויך דער לאַגער געמאַכט געוואָרן, כדי צו פאַרקלענערן דאָס אַזוי פיל אַרומדרייען זיך אין די גאַסן. אויך איז געבליבן שטאַרק

איינגעקריצט אין מיין זכרון דער חודש סעפּטעמבער פון 1939 מיט דעם רוצחישן אָנפאַל פון דער היטלער־אַרמיי אויף פּוילן. אַחוץ דעם וואָס איך האָב דאָרט מיין גאַנצע פאַמיליע, האָט מען אויך דאָרט אין פּוילן געטראָפן אינעם האַרץ פון וועלט־יידנטום. דער רעזערוואַר, וואָס שפּייזט מיט יידיש־קייט כמעט דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. בעתן אויסברוך פון דעם קריג מיט פּוילן האָט מען געמיינט, אַז טראָץ דער געפאַר וואָס באַשטייט פאַרן דאָרטיקן יידנטום וועט אָבער שנעל קומען די דערלייזונג פון דער היטלע־רישער פּלאָג. ווייל אויך פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן דאָך גלייך דערקלערט קריג דייטשלאַנד. און זיי צוזאַמען מיט פּוילן וועלן שנעל מאַכן אַן עק פון היטלערס אַוואַנטורעס. און רוסלאַנד וועט דען וועלן האָבן נאָענט ביי זיך אַזאַ „טייערן" שכן, ווי היטלער־דייטשלאַנד? שפּעטער אַ ביסל האָבן מיר געזען, אַז פּוילן איז געוואָרן צעבראָכן און דאָס אוממעג־לעכע איז געוואָרן מעגלעך. דאָס קאָמוניסטישע רוסלאַנד האָט געשלאָסן אַ פּאַקט מיט דעם היטלעריסטישן דייטשלאַנד. און די וועלט האָט זיך נישט איבערגעדרייט. אויך פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן נאָך דערווייל נישט איינגעטונקען — אַזוי צו זאָגן — אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער. מען קלערט, מען קלערט, מ'ווייסט אַליין נישט וואָס, אפשר געהיימע דיפּלאָמאַטיע, אפשר נאָך נישט גענוג צוגעגרייט. און דערווייל וואָס וועט ווערן פונעם פּוילישן יידנטום? דער קוואַל, וואָס פלעגט באַוואַסערן אַלע יידישע פעלדער פון דער גאָרער וועלט, האַלט ביי ווערן אויסגעטרוקנט.

דער דייטשער איבערפאַל אויף בעלגיע

איך דערמאָן זיך אין דעם שרעקלעכן טאָג פרייטיק דעם 10טן מאַי 1940. גאַנץ פרי ווערט די לופט פול מיט מעטאַלענע פייגל, וועלכע האָבן באַדעקט דעם אַנטווערפענער הימל. די דייטשע אַרמיי איז איבערגעפאַלן בעלגיע, אָן שום קריג־דערקלערונג כדרכם תמיד. אין דער זעלבער צייט איז אויך האָלאַנד איבערגעפאַלן געוואָרן פון זיי. אויך די בעלגישע באַפעלקערונג איז אַריין אין שפּיל. ביז דעמאָלט האָט עס געמיינט בלויז יידן, און בלויז אויך עטלעכע אַנדערע קליינע לענדער. טאָ וואָס איז דאָס זיי אָנגעגאַנגען? אָבער נאָכן איבערפאַל פון די דייטשן אויף בעלגיע, האָבן זיי שוין פאַרשטאַנען, אַז די גאַנצע וועלט איז איין קייט פון פאַרשידענע רינגען. ווען איין רינג רייסט זיך איבער, הייבט זיך אָן אומעטום צו רייסן. דער חושך האָט צעשפּרייט זיינע פליגל שוין אויף גאַנץ אייראָפּע. די לאַגע דעמאָלט איז אָבער ווייט נאָך נישט געווען פאַרצווייפלט. מיר האָבן דאָך געהאַט פון איין זייט דעם אומדורכבערעכבאַרן אַלבערט־קאַנאַל, און פון דער אַנדערער זייט די פאַרפלייצונגס־נעץ אין האָלאַנד. מיר האָבן אויך באַמערקט אין די גאַסן דאָס אָנקומען פון פראַנצויזישע און ענגלישע סאָלדאַטן. שבת און זונטיק האָט די פּרעסע און ראַדיאָ איבערגעגעבן טרוקענע, קורצע, גאָרנישט־זאָגנדיקע באַריכטן. די זייטיקע אינפאָרמאַציעס האָבן נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס. דערווייל האָט די בעלגישע רעגירונג מאָביליזירט די יוגנט ביז 38 יאָר, און אַ גרויסן טייל פון זיי אַוועקגעשיקט קיין פראַנקרייך, אַנשטאָט צום פראָנט. אַ סימן אַז ס׳איז נישט גוט. מענטשן, אויך נישט־יידן, זענען געלאָפן דורך אַלע וועגן און מיט אַלע געלעגנהייטן אויף די וועגן וואָס פירן קיין פראַנקרייך. אויך טיילווייז צום פּאָרט אָסטענדע, וואָס ליגט קעגנאיבער ענגלאַנד. די באַנען זענען געוואָרן באָמבאַרדירט. אויך די

אויטאָס אויף די וועגן. די אויטאָ־אייגנטימער האָבן גענומען ביי מענטשן פאַר פאָרן מיט זיי פּאַרמעגנס.

מיין פרוי איז געקומען צו לויפן מיט אַ שמחה, עס איז איר געלונגען צו קויפן אַן אויטאָ, האַלב לאַסט־ און האַלב פּאַסאַזשיר־אויטאָ. דער אויטאָ איז גלייך געשטאַנען פאַר מיין טיר. איך בין אָבער נישט געווען קיין שאָפער. בעת איך בין געשטאַנען אַזוי אין דרויסן, פאַרצווייפלט ביי מיין אויטאָ, איז צו מיר צוגעקומען אַ דייטשער יונגער עמיגראַנט, אַ גוטער שאָפער, ער האָט מסכים געווען צו פאָרן מיט מיין אויטאָ קיין פראַנקרייך אָן געלט, נאָר מיט איין תנאי, אַז איך זאָל אים דערלויבן מיטצונעמען זיין כלה ,אָדער געליבטע, כאָטש אין אויטאָ איז נישט געווען קיין פּלאַץ אויך פאַר זיין כלה (ווייל מיר האָבן אויך מיטגענומען אַ שכנישע פאַמיליע), אָבער ער וועט זי נעמען אויף דער שויס. מיר זענען געפאָרן מיט דער גרעסטער האָפענונג אַריינצוקומען קיין פראַנקרייך. ווייל ווען מיר וועלן שוין זיין אין פראַנקרייך, האָבן מיר שוין נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר די דייטשן. דאָרטן וועלן מיר שוין קענען רויק אָפּוואַרטן זייער מפּלה.

מיר קומען צו צו דעם גרענעץ־שטעטל פּויפּרינגען. איבערן גאַנצן וועג זענען מיר דורכגעפאָרן דורך פאַרשיידענע דערפער, און די בעלגישע באַ־פעלקערונג האָט אונדז געהאָלפן מיט אַלע מעגלעכקייטן און אָפטמאָל האָבן זיי פאַרן עסן, וואָס מיר האָבן דאָרט געגעסן, נישט געוואָלט נעמען קיין געלט. ווען מיר האָבן שוין דערגרייכט פּויפּרינגען האָבן מיר דאָרט געטראָפן די גרענעץ פאַרמאַכט, און אַרום פּויפּרינגען זענען צע־שפּרייט אויף די פעלדער און וועגן אפשר הונדערט טויזנט מענטשן, יידן און בעלגיער, וועלכע וואַרטן אויפן אויפעפענען די גרענעץ. מיר וואַרטן דאָרט אַ טאָג און די גרענעץ איז נאָך אַלץ געשלאָסן. מיר האָבן געפּרוּווט פאָרן צו אַן אַנדער גרענעץ־שטעטל, איפּערן, אויך דאָרט האָבן מיר געטראָפן די גרענעץ פאַרמאַכט. מיר האָבן אויך פּרובירט אַ דריטן גרענעץ־אָרט, אויך דאָרט איז דאָס זעלבע ווי אין די ערשטע צוויי ערטער. לסוף זענען מיר צוריקגעפאָרן צום ערשטן גרענעץ־שטעטל פּויפּרינגען; און נאָך אַ טאָג אָפּוואַרטן האָט זיך צו אונדזער גרויסער שמחה די גרענעץ געעפנט. מיר האָבן אָפּגעאָטעמט, עס איז אונדז אַראָפּגעפאַלן אַ שווערער לאַסט פונעם

קאָפּ. דאָ אין פראַנקרייך, האָבן מיר געטראַכט, זענען מיר שוין זיכער, און מיר האָבן שוין נישט קיין מורא פאַר די דייטשן. מען קוקט דורך די פּעסער ביי אונדז; מיין שאָפערס כלה ווערט נישט דורכגעלאָזן; דער פּאָס ביי איר איז אַן עכט דייטש־אַרישער פּאָס. מיט מיין שאָפערס פּאָס איז אויך עפּעס אַ שקלא וטריא. ער ווערט דערווייל אָוועקגעשטעלט אין דער זייט. לסוף ווערט ער יאָ דורכגעלאָזן, ווייל אין זיין פּאָס שטייט, אַז ער איז נישט קיין גאַנצער אַריער; זיין פאָטער איז געווען אַ ייד.

ווען מען וויל פאָרן ווייטער, דערקלערט מיין שאָפער אַ שטרייק. ער האָט געזאָגט, אַז איך האָב מיט אים אָפּגעמאַכט, בלויז צו ברענגען אונדז קיין פראַנקרייך. אויב מיר ווילן, אַז ער זאָל פאָרן מיט אונדז אַלס שאָפער ווייטער, מוז איך אים באַצאָלן, ווייל ער אַלס איינצלנער מענטש, האָט איצט נישט קיין דאגה צו קומען ווי עס איז ווייטער. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַחוץ דעם וואָס ער האָט אַ שטיקל טענה, איז אויך די סיבה פון זיין שטרייק, וואָס עס האָט זיך ביי אים אויסגעלאָזן דאָס געלט, כאָטש ער האָט מיטגעגעסן פון אונדזער עסן, וואָס מיר האָבן געהאַט מיטגענומען מיט זיך, ווייל ער נישט און קען זיך נישט באַגנוגענען אַלס יונגער מענטש מיט דעם לעבנס־שטאַנד מיט וואָס מיר האָבן זיך באַנוצט צו יענער צייט, און איך האָב אים געגעבן טויזנט פראַנק. מיר זענען געפאָרן טיפער אין פראַנקרייך אַ צענדליק קילאָמעטער, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ געוויסער שטאָט.

אין דער שטאָט האָבן מיר געטראָפן אַן עכט מלחמהדיקע שטימונג, וואָס מיר האָבן ביז דעמאָלט אויף אַזאַ אופן נישט געקענט אין בעלגיע. אַ טיפע זאָרג און אַ גרויסער טרויער איז געווען אויסגעגאָסן אויף די פּנימער פון די איינוווינער פון דער שטאָט. דעם פּחד האָבן מיר אַרויסגעפילט פון אַלע עקן און קאַנטן. מיר האָבן אויך דאָרט געזען אַ נייעס: קאָלירטע באַלאָנען — אַזוי ווי קינדער־באַלאָנען — זענען געהאָנגען אין דער לופט, צוגעטשעפּעט צו דראָטן. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ קעגנמיטל קעגן די דייטשע עראָפּלאַנען, אַז זיי זאָלן פאַרטשעפּען אין די באַלאָנען, בעת זיי וועלן פליען באָמבאַרדירן. מיר האָבן געטראַכט, אויב דאָס איז דאָס איינציקע מיטל און שוץ קעגן די דייטשע עראָפּלאַנען, איז אַך און וויי צום

גאַנצן עסק. איך שרייב „דאָס איינציקע מיטל", ווייל קיין פראַנצויזישע עראָפּלאַנען האָבן מיר נישט געזען אַפילו אויף אַ רפואה, נאָך ווייניקער ווי אין בעלגיע.

אין צווישן האָבן מיר זיך אויך דערוווּסט די סיבה פון דעם שליסן די גרענעצן, נישט ווי מיר האָבן געטראַכט אין אונדזער אָבערגלויבערישער פאַנטאַזיע פאַר אַ גוטן סימן, ד"ה, אַז די לאַגע איז נישט אַזוי שלעכט דער־מיט וואָס מען לאָזט נישט די מענטשן ווייטער לויפן, אַנדערש וואָלט מען די מענטשן געגעבן די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן פאַר די דייטשן. דאָס שליסן די גרענעצן איז געווען צוליב דעם, ווייל דאָס מיליטער פון די אַלי־אירטע האָט געמוזט אָפּטרעטן און די וועגן האָבן געמוזט זיין פריי, ד"ה, אַז בעלגיע איז שוין פאַרלוירן.

אויך אין דעם אָרט ווו מיר זענען דראָט אַ געפאַר. אַלזאָ מיר מוזן זען צוצוקומען וואָס שנעלער קיין פאַריז, ווייל וואָס עס זאָל נישט געשען, אָבער פאַריז וועלן זיי דאָך שוין נישט לאָזן פאַלן. אַזוי האָבן מיר גע־קלערט. אָבער מיר האָבן דערווייל נישט געקענט פאָרן ווייטער, ווייל עס איז געווען נאַכט און מיר האָבן נישט געקענט די וועגן. מיר האָבן איבער־גענעכטיקט אין אונדזער אויטאָ. צו מאָרגנס אין דער פרי האָבן מיר אָנגע־הויבן פאָרן טיפער אין פראַנקרייך מיטן ציל צו קומען קיין פאַריז. אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ מענטש, וואָס איז געשטאַנען נעבן זיין הויז. מיר האָבן אים געפרעגט וועלכער וועג פירט אַמנאָענטסטן קיין פאַריז? מיר האָבן באַקומען דעם אַלטן רוימישן ענטפער: „אַלע וועגן פירן קיין פאַריז".

מיר זענען אָנגעקומען אין אַ געוויסער שטאָט. אַלע געשעפטן — ווי אויך די לאָדנס פון די פריוואַט־הייזער — זענען געווען פאַרמאַכט, אַ סימן, אַז די מענטשן זענען אַנטלאָפן. דערווייל הייבט אונדז אָן אויסצופעלן בענזין. מיר האָבן אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער דער שטאָט זוכן די בענזין־סטאַציעס, אָבער מיר האָבן אַלע בענזין־סטאַציעס געפונען באַזעצט דורכן מיליטער. מיר האָבן געטראָפן אַ קליינע פראַנצויזישע מיליטער־אָפּטיילונג, וועלכע איז צוגעקומען צו אַ בענזין־סטאַציע און האָבן אָנגעהויבן אָנפילן זייערע

כלים מיט בענזין בהרחבה. ווי מיר האָבן זיי מקנא געווען מיט דער אַזוי געגאַרטער פליסיקייט. אין צווישן איז אויך אָנגעקומען אַ קליינע בעלגישע מיליטערישע אָפּטיילונג, וואָס וואַרט אויך אויף בענזין, ביז די פראַנצויזן וועלן ענדיקן דאָס אָנגיסן אין זייערע כלים. צווישן די בעלגיער דערקען איך מיינעם אַ סוחר, וואָס איז געוואָרן אין דער צייט אַן אָפיציר. איך בעט ביי אים, אַז — ער זאָל בעטן ביי די פראַנצויזן זיי זאָלן מיר אויך דערלויבן צו נעמען אַ ביסל בענזין. זיין ענטפער איז געווען: „דו מיינסט, אַז מיר זענען ביי זיי גרעסערע יחסנים פון דיר?" איך האָב קורץ נאָך דעם געזען, אַז ער איז גערעכט געווען, ווייל ווען די פראַנצויזן האָבן געענדיקט אָנפילן זייערע כלים מיט בענזין, איז אין צווישן פאָרגעקומען ביי ביידע מיליטערישע אָפּטיילונגען אַן איבערווערטלען זיך. און די פראַנצויזן האָבן גענומען פשוט אויסצאַפּן אויף דער ערד דעם איבערגעבליבענעם בענזין אין דער סטאַציע. עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער אינצידענט איז פאָרגעקומען נאָך איידער דער בעלגישער קעניג לעאָפּאָלד האָט געשלאָסן מיט די דייטשן דעם סעפּאַראַטן וואָפנשטילשטאַנד.

עס האָט אָבער נישט געהאָט קיין צוועק צו בלייבן אַזוי שטיין אין דער שטאָט און מיטן לעצטן ביסל בענזין, וואָס עס איז אונדז נאָך איבערגעבליבן אינעם טאַנקער פון אויטאָ, זענען מיר געפאָרן ווייטער, אפשר וועט עפּעס אויפן וועג געשען אַ נס. שוין זייענדיק אין וועג האָבן מיר שוין געהאַט די געלעגנהייט צו זען ווי אַזוי עס זעט אויס דער גאַנצער פראָנט. מיר האָבן געזען מאַסן מענער, וואָס זענען אַמאָל געווען סאָלדאַטן. זיי זענען איצט געגאַנגען אין אַ מאַדנעם הולך. די שינעלן צעלאָזט, אָן פּאַס־קעס, אָפּט אָן היטלען, אַלע אָן געווער, אַנשטאָט געווער האָבן זיי געהאַלטן אין די הענט אָפּגעבראָכענע צווייגן, אויף וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעשפּאַרט ביים גיין. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט געלאָמט. זיי זענען געגאַנגען צעזייט און צעשפּרייט. איין טייל פון זיי איז געגאַנגען קיין מזרח און דער צווייטער טייל איז געגאַנגען קיין מערב. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון געפאַנ־גענע, וואָס אַקאָרשט האָט מען זיי באַפרייט פונעם געפאַנגענלאַגער. מען דאַרף זיי שוין נישט פרעגן ווי עס האַלט מיטן פראָנט. איך האָב געטראַכט: וואָס איז געוואָרן פון דער באַרימטער אַמאָליקער פראַנצויזישער אַרמיי?

עס פאַרקלעמט ביים האַרצן. איך זע שוין אין מיינע געדאַנקען, וואָס די דייטשן וועלן מאַכן מיט יידן.

צווישן דעם אַלעמען איז מיין אויטאָ געבליבן שטיין אין מיטן וועג, טויט, אָן לעבן. דער אויטאָ־רעזערוואַר פון בענזין איז געוואָרן טרוקן. גלייך ווי עס וואָלט קיין מאָל אין אים גאָרנישט געווען. מיר זענען אַזוי געשטאַנען פאַרצווייפלט אַ פּאָר שעה. אַ שווייס האָט אונדז באַדעקט. אין ציטערניש און פּחד האָבן מיר געוואַרט, אַז אָט־אָט קומען אָן די דייטשן. אין דעם גאַנצן כאַאָס, וואָס איז געווען אַרום אונדז איז אָנגעקומען אַ גרעי־סערע ענגלישע מיליטערישע אָפּטיילונג מיט ריזיקע לאַסטאויטאָס און אויף זיי שווער מאַשין־געווער און אויך געווער קעגן עראָפּלאַנען. דאָס מיליטער איז געווען גוט אויסגעשטאַט אין מלבושים, פּראָוויאַנט און אַמו־ניציע. זיי האָבן נישט געמאַכט קיין איינדרוק פון מיליטער, וואָס טרעט אָפּ, נאָר וואָס גייט אַטאַקירן. זיי האָבן זיך אויך אונטערגעזונגען דאָס באַ־ווּוסטע זיגפריד־ליין־ליד (וואָס זאָגט: מיר וועלן הענגען אונדזערע וועש אויף דער דייטשער זיגפריד־ליניע). מיר האָבן זיי אָנגעוויזן אויף אונדזער שטיינגעבליבענעם אויטאָ און געבעטן ביי זיי אַ ביסל בענזין. זיי האָבן אונדז געגעבן נאָר 12 ליטער בענזין. זיי האָבן אונדז דערקלערט, אַז זיי אַליין האָבן נישט צופיל. זיי דאַרפן האָבן דעם בענזין אויסצוקומען ביז אַ געוויסן פּונקט. ערשט שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז די ענגלענדער האָבן דעמאָלט געמאַכט דעם באַרימטן צוריקטריט קיין דאָינקערק.

מיט דעם ביסל בענזין, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די ענגלענדער האָבן מיר באַוויזן נאָך צוצופאָרן אין אַ שטעטל און דאָרט זענען מיר געבליבן שטעקן אין מיטן מאַרק. דאָרט האָבן מיר געטראָפן שטיין, אויך אָן בענזין, הונדערטער אויטאָס און פיל מענטשן אַרום זיי. ווי זיי האָבן אונדז דערציילט, שטייען זיי שוין דאָרט עטלעכע טעג. מיין שאָפער, אַ געריבענער בחור, האָט אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער די אָרטיקע בענזין־סטאַציעס. ער איז צוריקגעקומען מיט אַ נייעס, אַז ער האָט אויף איין אָרט אויסגעפונען אַ סטאַציע וואָס דאָרט איז נאָך איבערגעבליבן פון דער געלער גאָלד־פּאָליסי־קייט. אָבער די פּאָמפּע פון דער בענזין־סטאַנציע איז אַוועקגענומען געוואָרן. ער האָט אונדז געגעבן אַ באַפעל קודם־כל זאָל זיך יעדער פון אונדז אַרויס־

לאָזן אין אַן אַנדער ריכטונג און ברענגען וויפל מיר קענען לײדיקע בלעכן פון בענזין וואָס האָבן זיך דאָרט געגוג אַרומגעוואַלגערט. ער האָט אונדז נאָך דעם געהייסן שטיין גרייט ביי דער בענזין־סטאַציע מיט די בלעכן אין די הענט, און ער אַליין האָט געדאַרפט מאַכן אַ געוויסע קאָמבינאַציע מיט אַ שטעקן אָנשטאָט דער פּאָמפּע. צו אונדזער גרויסער פאַרוווּנדערונג האָט פון דער סטאַציע אָנגעהויבן פליסן בענזין. און די ליידיקע בלעכן, ביי אונדז אין די הענט, האָבן אָנגעהויבן שנעל זיך אָנפילן. מיר גלייבן נישט אונדזערע אייגענע אויגן. אינצווישן איז געוואָרן אַ טומל צווישן די הונדערטער וואַרטנדיקע מענטשן, וועלכע זענען דאָרט שוין געשטאַנען אַזויפיל טעג. איצט האָבן זיי געשריגן: ס׳קומען פליכטלינגען און נעמען צו דעם בענזין (ווייזט אויס, אַז די אַלע וואַרטנדיקע מענטשן זענען געווען פראַנצויזן און לויט דעם אויטאָ־נומער האָבן זיי אונדז דערקענט אַלס בעל־גיער). ביז וואָס־ווען האָבן מיר באַוויזן אָנצופילן אונדזערע בלעכן מיט אַן ערך 175 ליטער בענזין און מיר זענען שנעל פון דאָרט אַוועקגעפאָרן. אַנישט האָבן מיר געקענט בלייבן מיט גאַרנישט. מיין שאָפער האָט אָנגעהויבן צו פאָרן ווי אַ שד, ממש געפלויגן, דורך די זייטיקע וועגן, וואַלד־וועגן און באַרג־קאַנטן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט דער אויטאָ זיך אַראָפּקייקלען העט אין דער טיפעניש. מיר האָבן טאַקע געזען געגוג אַראָפּגעפאַלענע, צעשמעטערטע, פאַרברענטע אויטאָס ביי אונדזער פאַרבייפאָרן, אָבער מיר האָבן געמוזט טרייבן מיט דער גרעסטער שנעלקייט קיין פּאַריז, איידער דער שונא וועט אָפּשניידן די וועגן.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ בריק און מיר האָבן געוואָלט מיט דער גרעסטער שנעלקייט אַדורכפאָרן, אָבער פון דער אַנדערער זייט בריק זענען געשטאַנען פראַנצויזישע סאָלדאַטן און אַריבערגעשריגן צו אונדז מיר זאָלן נישט אַריבערפאָרן, ווייל די בריק איז מינירט, און יעדע סעקונדע וועט זי אויפרייסן. מיין שאָפער האָט טראָץ דער געפאַר געוואָלט אַריבערפאָרן מיט דער גרעסטער פאַרע, אָבער איך האָב אים דערפון צוריקגעהאַלטן. אַ ביסל שפּעטער איז די בריק אויפגעריסן געוואָרן. מיין שאָפער האָט צו מיר געהאַט די גרעסטע טענות, אַז איך האָב אים אומגליקלעך געמאַכט. לויט זיין מיינונג וואָלט ער יאָ באַוויזן אַריבערצופאָרן איידער די בריק איז

געוואָרן אויפגעריסן. ער האָט מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז ער מוז פאַר יעדן פּרייז אַנטלויפן פון די דייטשן. ער האָט פאַר זיי געציטערט נאָך מער ווי איך, טראָץ דעם וואָס ער איז נאָר אַ האַלבער ייד. זיין פאָטער איז געווען אַ ווילנער ייד און זיין מוטער איז אַ דייטשע קריסטין. נאָך זיין פאָטערס טויט איז ער געוואָרן דערצויגן אין אַ קריסטלעכן יתומים־הויז. ער האָט געזאָגט צו מיר: דו קענסט נישט די דייטשן אויף וואָס זיי זענען פעיִק, איבערהויפּט קעגן יידן. מן־הסתם האָט ער זיי גוט געקענט. דאָס איז געווען דער איינציקער וועג, וואָס איז נאָך פריי געווען צו פאָרן קיין פּאַריז; אַלע אַנדערע וועגן זענען שוין געווען באַזעצט דורך די דייטשן. בלית ברירה זענען מיר צוריקגעפאָרן, אָבער נישט קיין בעלגיע נאָר קיין קאַלע מיט דער האָפענונג אפשר פון דאָרט זיך קענען אַריבערקריגן קיין ענגלאַנד.

דאָ רייס איך איבער מיינע זכרונות.

מיר האָבן היינט דעם חודש פעברואַר 1943. לויט מיין מיינונג וועלן די געשעענישן וואָס זענען נישט לאַנג צוריק פאָרגעקומען אויף דעם רוסישן פראָנט, זיין אַ ווענדפונקט אין דעם עולם החושך, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן איבער דער וועלט. אויב עס האָט געקענט געשען אַזאַ מפּלה, אַז אַ גאַנצע דייטשע אַרמיי מיט איר הויפּט־גענעראַל זאָלן אַריינפאַלן צו די רוסן אין געפאַנגענשאַפט, נאָך אַזוי פיל חדשים שלאָגן זיך ביי סטאַלינגראַד, און לסוף געמוזט אַנטלויפן (די דייטשן זאָגן אָפּטרעטן) פון דאָרט, איז דאָס אַ פריידן, וואָס וועט יעדן ערלעכן מענטש דערפרייען

איך הייב אָן צוריק מיינע זכרונות.

מיר זענען אָנגעקומען קיין קאַלע. דאָרט האָבן מיר געטראָפן טויזנטער פּליטים, וועלכע זענען געווען פאַנאַנדערגעטיילט אין שולן און אין אַנדערע עפנטלעכע שטאָטישע אינסטיטוציעס. מיר האָבן זיך איינקוואַרטירט אין אַ שול. מיר האָבן דאָרט איבערגענעכטיקט. אויף צו מאָרגנס אין דער פרי זענען מיר געגאַנגען צום פּאָרט פון קאַלע, געוואָר ווערן אויב מיר קענען פון דאָרט אַריבער קיין ענגלאַנד. דאָרט האָבן מיר געהערט, אַז מיט אַ טאָג

פריער פאַר אונדזער קומען אַהער, האָט מען אויפגענומען אויף די שיפן גאַנצע פאַמיליעס. אָבער היינט איז דאָ אַ נייע פאַראָרדענונג, אַז בלויז פרויען און קינדער לאָזט מען אַרויף אויף די שיפן וואָס גייען אָפּ קיין ענגלאַנד. אָבער מיין פרוי האָט מיך נישט געוואָלט איבערלאָזן אַליין. זי האָט געזאָגט: וואָס עס וועט זיין מיט דיר, וועט זיין מיט מיר. און מיר זענען געבליבן דאָרט וואַרטן מיט דער האָפענונג, אפשר וועט אונטערקומען נייעס און מיר וועלן דאָך קענען צוזאַמען האָבן די געלעגנהייט אַריבערצוקומען קיין ענגלאַנד. די לאַגע דאָרט ביים פּאָרט האָט אָנגעהויבן ווערן זייער ערנסט פאַר ציווילע מענטשן. די פראַנצויזן האָבן געזען אין יעדן ציווילן — אַ שפּיאָן. מיר האָבן דאָרט געטראָפן אַ באַקאַנטע יידישע פאַמיליע פון אַנטווערפּן, עלטערע מענטשן. ער, מיט אַ באָרד, זי, מיט אַ שייטל אויפן קאָפּ. צוזאַמען מיט זיי האָבן זיך געפונען זייערע צוויי יינגערע זין. זיי זענען געוואָרן פאַרדעכטיקט. און ווען מען האָט ביי זיי אויפגעעפנט זייערע וואַליזקעס, האָט מען ביי זיי געפונען אַ רעזערוו־שייטל פון דער פרוי. הייסט עס די אמתע שפּיאָנען. די פראַנצויזישע מאַטראָזן האָבן נישט לאַנג געטראַכט און זיי אָוועקגעשטעלט צו אַ וואַנט. איינער פון זייערע צוויי זין האָט געקענט רעדן פראַנצויזיש, האָט ער זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן ברענגען אַן אָפיציר, און ער זאָל באַשליסן, נישט די מאַטראָזן. ווען דער אָפיציר איז געקומען און האָט זיך דורכגעשמועסט מיטן זון, איז ער געוואָר געוואָרן פון דעם גאַנצן אַבסורד, אַז דאָס איז בלויז אַ רעליגיעזער מנהג. אַזוי אַרום איז דעם זון געלונגען מציל צו זיין די גאַנצע פאַמיליע (דאָ האָט זיך ווידער אַמאָל באַשטעטיקט דאָס אַמאָליקע גייסטרייכע וואָרט: „החיים והמות ביד הלשון”). מען האָט אויך דערציילט, אַז די מאַטראָזן דערשיסן גלחים. ווייל עס גייט אַרום אַ קלאַנג, אַז די שפּיאָנען פאַרשטעלן זיך פאַר גלחים. עס איז דעמאָלט לייכטער געווען צו דערשיסן אַ מענטש ווי צו הרגענען אַ פליג. ווי עס ווייזט אויס, האָבן גענוג גיפטיקע באַצילן צעפרעסן דאָס פראַנצויזישע פאָלק ,ווי אויך די פראַנצויזישע אַרמיי. דערפון האָט געשטאַמט די צעטומלטקייט, פאַרביטערונג און חשדים, איינער אויפן צווייטן. מיט דריי טעג שפּעטער נאָך אונדזער אָנקומען קיין קאַלע, האָט מען אָנגעהויבן מערדערליך באָמבאַרדירן די שטאָט. עס האָבן געברענט די בענזין־סטאַציעס,

הייזער זענען געוואָרן צעשפּרונגען אַזוי ווי פון גלאָז. ס'איז געווען דם ואש ותמרות עשן. נישט ווייניק מענטשן זענען דערביי אומגעקומען.

הינטער די הייזער האָבן זיך באַוויזן סאָלדאַטן מיט ברייטע שטאָלענע העלמען. מענטשן האָבן געזאָגט, אַז דאָס זענען שוין די דייטשן. איך האָב געזאָגט, אַז דאָס זענען האָלענדישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געטראָגן די זעלבע העלמען ווי די דייטשן. איך האָב מיר נישט געקענט צולאָזן דעם גדאַנק, אַז דאָס זענען דייטשן. אַ ביסל שפּעטער האָב איך ליידער דערזען מיין גרויסן און ביטערן טעות. דערווייל איז אָנגעגאַנגען נאָענט ביים פּאָרט אַ פאַרביסענער און ביטערער קאַמף פון אַ הייפל ענגליש מיליטער קעגן די דייטשן. מיר האָבן שוין געהערט פון בעלגישע יידן, וואָס האָבן זיך דאָס לעבן גענומען. מיר האָבן זיך אויך דערוווּסט, אַז דער באַקאַנטער דיאַמאַנט־סוחר גינצבורג פון אַנטווערפּן איז געגאַנגען אין נאָמען פון דער אַנטווערפּענער חברה קדישא אינעם שטאָטהויז פון קאַלע דאָרט צו בעטן אַ דערלויבעניש צו קענען ברענגען צו קבר־ישראל די אומגעקומענע אַנט־ווערפּענער יידן. דאָרט האָט ער באַגעגנט אַ דייטש, וועלכער האָט אים מיטגענומען. וואוהין? דער ערשטער אַנטווערפּענער יידישער קרבן פון דעם קולטור־פאָלק.

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז עס איז אפשר בעסער ווען מיר זאָלן אַוועק־פאָרן פון קאַלע אין אַ פראַנצויזיש דאָרף. ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון קאַלע האָבן מיר געטראָפן אויפן וועג צוויי יידישע יונגעלייט. זיי האָבן אונדז געזאָגט, אַז זיי זענען פון אַנטווערפּן, צוויי ברידער גאָלדבערג. זיי האָבן אונדז געבעטן מיר זאָלן זיי מיטנעמען, עס איז זיי נישט וויכטיק וווהין מיר פאָרן. אין אויטאָ איז פאַר זיי שוין נישט געווען קיין פּלאַץ, ווייל מיר האָבן געהאַט מיט זיך פאַרשידענע באַגאַזשן. זיי האָבן זיך געשטעלט אויף די טרעפּלעך פונעם אויטאָ ביז מיר זענען אַריינגעקומען אין אַ דערפל, צען קילאָמעטער הינטער קאַלע. די געגנט הייסט דאָרט פּאַ־דע־קאַלע. מיר האָבן דאָרט געפונען אַן אָפּגעזונדערט הויז. דער אייגנטימער פונעם הויז, אַ פויער, האָט אונדז אויפגענומען זייער פריינדלעך .ער האָט אונדז אָפּגעגעבן צוויי באַזונדערע שטובן און אויך אַן אָרט פאַרן אויטאָ, אַן צו נעמען עפּעס געלט דערפאַר. מיר האָבן באַוווּנדערט די פראַנצויזישע גאַסטפריינדלעכקייט.

צוויי טעג נאָך אונדזער אָנקומען אַהער אין אַ פרימאָרגן, האָבן מיר פלוצעם דערהערט קלאַפּן אין דער טיר, און אין דער אָפענער טיר האָבן זיך באַוויזן צוויי דייטשע מיליטערלייט, אַ סאָלדאַט און אַ העכערער אָפיציר,ביידע מיט ריזיקע האָקנקרייצן אויף די אַרבל. זיי האָבן געזוכט ליידיקע וווינונגען. דער סאָלדאַט האָט הויך אויסגערופן צום אָפיציר: „דאָס זענען דאָך יידן". דאָס האַרץ ביי מיר איז שטיל געבליבן. כ'בין געוואָרן אין גאַנצן צעחושט פון שרעק. איך האָב געמיינט אַז אָט קומט שוין דער סוף. אָבער זיי זענען גלייך אַוועק. מיין שאָפער האָט זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען צו דער לאַגע און אויך צום דייטשן מיליטער. קודם כל צוליב דעם, וואָס ער איז דאָך אַ האַלבער ייד און אויך צוליב דעם דיאַלעקט פון אַ גרעסערן טייל פון מיליטער וואָס זענען געווען אַרום קאַלע, וועלכע האָבן געשטאַמט פון בערלין. און דער שאָפער איז אויך געבוירן אין בערלין. ער איז געוואָרן חוצפּהדיקער פון טאָג צו טאָג. ער האָט גענומען דעם אויטאָ יעדן טאָג אין דער פרי און צוריקגעקומען אין אָוונט. ער איז געפאָרן ווו ער האָט גע־וואָלט און ווען ער האָט געוואָלט אָן מיך אַפילו צו פרעגן. איך האָב אָנגע־הויבן פשוט פאַר אים מורא צו האָבן. מיט יעדן דייטשן נצחון זענען מיר ביי אים געוואָרן אַלץ מער נידעריקער. אין אַ געוויסן אָוונט איז דער שאָפער אָנגעקומען מיט מיין אויטאָ, ער איז געווען טויט שיכור (ער האָט מיט די דייטשן געשיכורט אַ גאַנצן טאָג). ער האָט אויסגעשריגן: „פּאַריז איז גע־פאַלן, אַ טויט צו אַלע יידן!". מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער זיך צעוויינט און געבעטן ביי אונדז אַנטשולדיקונג. „איך בין באַזויפן", האָט ער געזאָגט. „עס איז נישט גוט, מיר זענען פאַרלוירן". אין דעם האָב איך געזען אין אים אַ צעבראָכענע נשמה. צומאָרגנס, ווען ער איז שוין געווען אויס־געניכטערט, האָט ער געזאָגט צו מיר, אַז לויט זיין מיינונג האָט נישט קיין צוועק פאַר אונדז צו בלייבן אויף ווייטער אין דעם דאָרף, ווייל דאָס דאָרף געפינט זיך זייער נאָענט פון ים־ברעג, דעם לאַמאַנש־קאַנאַל. דאָ איז דער נאָענטסטער ים־ברעג קעגנאיבער ענגלאַנד, אַן ערך 15 קילאָמעטער פון דאָווער, און אויך ווייל אַ קילאָמעטער פון אונדז געפינט זיך אַ פליפעלד וואָס איז איצט באַזעצט דורך די דייטשן, און פאַר אונדז אַלס יידן — האָט ער געזאָגט — איז עס באַזונדערס געפערלעך.ביים איצטיקן ווירוואַר, איז

נאָך פאַראַן אַ מעגלעכקייט און האָפענונג, אַז מיר, אַלס פּליטים, זאָלן זיך קענען אַדורכרייסן אויף דער אַנדערער העלפט פון פראַנקרייך, אין דעם אַזוי גערופענעם אומבאַזעצטן געביט פון דער ווישי־רעגירונג. פון דאָרט וועלן מיר אפשר קענען ווייטער פאָרן. דער שאָפער האָט זיך אָנגעהויבן באַקענען מיט די סאָלדאַטן פון פליפעלד. ער האָט פון זיי גענומען פאַרשי־דענע אויטאָ־געצייגן און דער עיקר בענזין. זיי האָבן אים געגעבן גאַנצע פעסער בענזין צו קענען פאָרן אַ ווייטן וועג. איך האָב געציטערט פאַר די עניינים, טאָמער חלילה כאַפּט מען אים, אָבער ער האָט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט.

מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן אַ רייזע. דאָס מאָל מיטן ציל צו קענען זיך אַריינקריגן אין דעם אַזוי גערופענעם אומבאַזעצטן געביט. אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט מאַרשירן גרעסערע אָפּטיילונגען פון דייטשע סאָלדאַטן. גלייך ווי זיי וואָלטן געגאַנגען, אָדער געקומען פון אַ פּאַראַד, אַלץ האָט אויף זיי געבלאַנקט און פיל פון זיי האָבן געטראָגן ווייסע קעלנער און ווייסע הענטש־קעס. אויפן וועג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון איין אָרט ביז צום אַנדערן האָט מען געדאַרפט האָבן דערלויבענישן פון די אָרטיקע מיליטער־קאָ־מענדאַנטן צו מעגן דאָרט דורכפאָרן. דער שאָפער האָט גענומען אונדזערע פעסער צום אָרטיקן קאָמענדאַנט צו קענען באַקומען די דערלויבעניש. דער פאַס פון שאָפער און מיין פאַס גייען אַדורך בשלום, אָבער ווען זיי זענען צוגע־קומען צו די פעסער פון די 2 ברידער פון דער גאָלדבערג איבערהויפּט צו דעם וואָס הייסט מענדל גאָלדבערג, האָט דער קאָמענדאַנט אויסגעשריגן: הייסט עס, אַז איר אַלע זענט יידן. די דערלויבעניש צו פאָרן ווייטער איז נאַטירלעך נישט געגעבן געוואָרן. מיר האָבן נאָך באַוויזן צוצופאָרן אין אַ נאָענטער פראַנצויזישער שטאָט, וואָס דאָרטן האָט מען נאָך נישט געדאַרפט האָבן קיין דערלויבעניש. דאָרט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און געקלערט וואָס ווייטער צו טאָן. דאָרט זענען מיר געווען אַ פּאָר טעג, איבערגענעכטיקט אין אונ־דזער אויטאָ, נישט געהאַט וואָס צו עסן. מיר זענען געווען פאַרצווייפלט. נישט וויסנדיק וואָס מיר האָבן צו טאָן. אינצווישן האָבן מיר געהערט, אַז אַלע יידן וואָס זענען געווען אין קאַלע אַלס פּליטים האָבן די דייטשן אויפ־געגומען אויף זייערע אויטאָס און געהאָלפן צוריקפאָרן קיין בעלגיע. כאָטש

זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי זענען יידן, ווייל אַ טייל פון די יידן האָבן געטראָגן בערד און פּיאות. מיר האָבן אויך געהערט, אַז אין אַנטווערפּן איז רויק, און די אַלע מענטשן, וועלכע זענען צוריקגעקומען, האַנדלען און קיינער טשעפּעט זיי נישט. פון איין זייט קענען מיר נישט פאָרן ווייטער, מיר האָבן אויך נישט קיין עסן. פון דער אַנדערער זייט הערן מיר, אַז אין בעלגיע איז דערווייל רויק. און עס איז אויך דאָ עסן. דאָס אַלץ האָט אונדז באַוויגן — מיט שווערע הערצער — צוריקצופאָרן קיין בעלגיע.

איך מיין, אַז ס'איז כדאי איצט איבערצורייסן מיט מיינע זכרונות און צו ברענגען אַ באַמערקונג וועגן דער איצטיקער לאַגע און דער איצטיקער צייט.

מיר האָבן איצט סוף פעברואַר 1943. ווי ווייט עס דרינגט אַריין דער דייטשער גיפט צו דער אַרומיקער בעלגישער באַפעלקערונג, קען מען זען פון דעם פאַקט. מיין מאַרקאַ, וואָס שטאַמט פון אַ דאָרף נעבן ספּליט אין יוגאָסלאַוויע און האָט קיין מאָל נישט געזען אַ ייד פאַר זיינע אויגן, ווייסט איצט צו דערציילן, אַז עס קאָן זיין, אַז די יידן זענען טאַקע אַנדערש פון אַלע אַנדערע פעלקער. זיינע חברים האָבן אים דאָס געזאָגט. ווייל אַפילו דער גאַנג פון די יידן איז אַנדערש ווי פון אַלע אַנדערע, זיי שטעלן ביים גאַנג פריער דעם אָפּצאַס פונעם רעכטן פוס, און בכלל איז זייער גאַנג אַ מאָדנער.

צוריק אין אַנטווערפּן

איך קער זיך צוריק צו מיינע זכרונות.

ווען מיר זענען צוריק געקומען קיין אַנטווערפּן האָבן מיר געטראָפן די שטאָט אין אָרדענונג, גאָרנישט אַנגערירט פון דעם אַריבערגייענדיקן קריג, אַ חוץ וואָס אַלע יידישע געשעפטן זענען געווען פאַרמאַכט, ביי אַ טייל פון זיי די סחורות אויסראַבירט. די שפּייז־געשעפטן זענען, כמעט אַלע, פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג געוואָרן אויפגעעפנט און די סחורות פון זיי אַרויסגענומען מיטן מאָטיוו, אַז עס קען ברענגען צו קראַנקייטן און מייז. עס זענען אַוועקגעגאַנגען אַ פּאָר טעג און אויף די רעקלאַמע־ווענט פון אַנטווערפּן האָבן זיך באַוויזן אויפרופן קעגן יידן, מיטן אויספּיר „אַ טויט די יידן". אָבער זיי זענען גלייך געוואָרן אַראָפּגענומען דורך דער דייטשער מאַכט, וועלכע האָבן דערביי באַמערקט, אַז וועגן ענין יידן האָבן זיי און נאָר זיי צו באַשטימען.

עס איז געוואָרן זייער שווער, קודם כל מיט לעבנספּראָדוקטן. פון די צוגעטיילטע אויף די קאַרטן אַרטיקלען אַליין קען מען נישט עקזיסטירן. אַ ברויט פון 800 גראַם האָט שוין דערגרייכט ביז 45 פראַנק אויפן שוואַרצן מאַרק. אַ קילאָ קאַווע — ביז 800 פראַנק, אַ קענדל בוימל — אַ פּאָר הונדערט פראַנק.

מיר האָבן צוריק אויפגעעפנט אונדזער געשעפט און האָבן פאַרקויפט דאָס, וואָס מיר האָבן באַקומען צוגעטיילט אויף די קאַרטן פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. מיין טריפאַרטער, אַ לאַסט־ראַוווער, איז געשטאַנען פאַר דעם געשעפט אַזוי ווי אַלע מאָל. און אַזוי ווי איך בין געווען פאַרטאָן מיט קונים, איז צו מיר אַריינגעקומען אַ בעלגיער. ער איז געווען פאַרמעליקט, און געזאָגט צו מיר: „הער, כ'בין איצט געפאָרן מיט מיין לאַסטאויטאָ פון דער מיל פול באַלאָדן מיט מעל און איך האָב נישט באַמערקט שטיין דיין טריפאַרטער, בין איך אויף אים אַרויפגעפאָרן און אים באַשעדיקט. דאָ

האָסטו מיין פּאַס, שרייב דיר אָפּ פון אים מיין נאָמען און אַנדערע פּרטים, און גיב דאָס אַריין אין געריכט, און איך וועל זיין דיין עדות, און דו וועסט באַקומען אַנטשעדיקונג פון דער פאַרזיכערונג; פאַרוואָס זאָלסטו ליידן?״

איך האָב תיכף געלאָזט פאַרריכטן מיין טריפּאַרטער, און גענומען פון דעם בעל מלאכה אַ באַשטעטיקונג אויף דער סומע, וואָס איך האָב אים באַצאָלט. איך בין אַריבער צו מיינעם אַ באַקאַנטן אַלטן בעלגישן אַדוואָ־קאַט, אַ מענטש שוין אין די 70ער, ער זאָל מיך פאַרטרעטן ביים געריכט, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין צייט עס אַליין צו דערליידיקן. איך האָב אָפּגעוואַרט אַ פּאָר מאָנאַטן. און ווען איך האָב אים געפרעגט וועגן דעם, האָב איך פון אים באַקומען אַ תשובה, אַז דאָס געריכט איז נאָך נישט פאַרגעקומען. איך האָב ווידער אָפּגעוואַרט אַ לענגערע צייט און ווידער באַקומען פון דעם אַדוואָקאַט די זעלבע תשובה ווי פריער. ביז איך האָב זיך געווענדן צום געריכטס־סעקרעטאַריאַט. דאָרט בין איך געוואָר גע־וואָרן, אַז שוין לאַנג ווי דאָס געריכט איז פאַרגעקומען, און איך האָב באַ־קומען צוגעפּסקנט 385 פראַנק. איך האָב געמאַכט אַ שוויג. איך האָב מיר געטראַכט: היינט אַלס ייד לוינט נישט אַנצוהייבן מיט אַ נישט־ייד. איך האָב דערביי אויך געטראַכט, אַז אַזוי זענען זיי שוין געפאַלן, אַפילו די אינטעליגענץ. זיי האַלטן שוין די יידן פאַר הפקר, דערביי איז מיר אויפ־געשווומען אין מיין זכרון דער וויץ, וועלכן איך האָב אַמאָל געלעזן אין אַ בעלגיש בוך: צוויי גנבים זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַר אַ טורמע, האָט איי־נער געזאָגט צום צווייטן: „זעסטו (אָנווייזנדיק אים אויף דער טורמע), דאָס איז אונדזער אומגליק. ווען נישט דאָס, וואָלטן מיר געקענט לעבן״. ענטפערט אים דער צווייטער: „אָ, דאָס איז אונדזער גליק, ווען נישט דאָס, וואָלטן אַלע געווען אַזוי ווי מיר...״

די דייטשע פּרעס־מאַשין קעגן יידן האָט אָנגעהויבן איר אַרבעט.

די ערשטע גזירה: ס׳איז פאַרבאָטן געוואָרן די יידישע שחיטה. מילא, וועט מען נישט עסן קיין פלייש. מען קען נאָך אָן דעם אויך אויסקומען, האָט מען געטראַכט. מען האָט אָבער געפילט, אַז די גזירה איז נאָר אַן אָנהויב פון שפּעטערדיקע אפשר ערגערע גזירות. גלייכצייטיק האָט מען אויך געטראַכט, אַז ביז וואָס ווען, וועלן שוין די דייטשן האָבן די מפּלה.

די גזירות האָבן אָבער אָנגעהויבן צו קומען שנעלער ווי מיר האָבן געמיינט. יידן טאָרן נישט זיין קיין אַדוואָקאַטן און נישט זיין קיין באַ־אַמטע. אויך אַ פאַרבאָט פאַר יידן צו זיין באַשעפטיקט אין אַנדערע אינ־טעלעקטועלע פּראָפעסיעס. יידן טאָרן נישט זיצן אין די פּאַרקן אויף קיין בענק.

אינצווישן האָבן אָנגעהויבן יידן צו אַנטלויפן פון אַנטוועדפּן דורך פאַרשידענע וועגן. די ערשטע זענען געלאָפן די, וועלכע האָבן געהאַט מעגלעכקייטן און אויך פאַרבינדונגען.

מיטן באַווייזן זיך פון די גזירות, האָט ווידער אנטווערפּן אָנגעהויבן ליידיק צו ווערן פון יידן. ווי אַזוי מען קען אַנטלויפן האָט איינער דעם אַנדערן נישט געזאָגט. יעדער האָט געהאַט אַן אַנדערן וועג און אַנדערע ספּעקולאַציעס ווי אַזוי צו אַנטלויפן. איך מיין, אַז דאָס נישט וועלן אויס־זאָגן פון איין ייד דעם צווייטן ייד, ווי אַזוי צו אַנטלויפן, האָט געהאַט אַ פּשוטע עגאָאיסטישע סיבה: יעדער האָט מורא געהאַט, אַז דער וועג אָדער יענע ספּעקולאַציע קען היינט מאָרגן פּלאַצן. יעדער האָט דערוויל גע־וואָלט וואָס פריער זיין אין דרויסן. פון דעסטוועגן וואָלט מען געדאַרפן פאַרבעטן אַהער די אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן אויסגעטראַכט דעם פּאַמפלעט פון זקני־ציון און דעמאָלט וואָלטן זיי געהאַט זייערע באַווייזן, ווי יעדער ייד לויפט באַזונדער, היטנדיק זיך איינער פאַרן צווייטן.

מען האָט אויפגעמאַכט לאַגערן אין ברענדאָנג און אין באָם. פאַר דער קלענסטער זאַך האָט מען יידן דאָרטן אַהינגעשיקט. שפּעטער האָט מען אויך אַהין געשיקט בעלגיער פאַר גרעסערע מעשים. פון די ערשטע יידן, וואָס זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין ברענדאנג איז געווען דער אַנט־ווערפּענער שוחט אלתר, מען האָט אים געכאַפּט שעכטן עופות.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָבן זיך באַוויזן אויף די רעקלאַמע־ווענט באַפעלן צו דער יידישער באַפעלקערונג, אַז זיי זאָלן זיך רעגיסטרירן אין אַ באַזונדערן יידן־רעגיסטער. כאָטש מיר האָבן געפילט, אַז דאָס שמעקט נישט מיט קיין ספּעציעלע מתנות פאַר אונדז, זענען מיר אַלע געגאַנגען זיך רעגיסטרירן. אַפילו די, וואָס האָבן נישט געטראָגן קיין בולטע יידישע

נעמען, און וואָלטן זיך פון דער גזירה געקענט לייכט אַרויסדרייען. דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ איז ביי אַלע געווען זייער שטאַרק. איינער האָט דעם אַנדערן דערביי געזאָגט, מען האָט זיי אין דער ערד. מיר וועלן זיי ווייזן, אַז מיר שעמען זיך נישט מיט דעם, וואָס מיר זענען יידן. ערשט שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי נאַריש און אומבאַרעכנט מיר האָבן געהאַנדלט, דערמיט וואָס מיר אַלע זענען געגאַנגען זיך רעגיסטרירן אַפילו די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין בולט יידישע נעמען. ווייל די דייטשן, טראָץ זייער ריזן־שטאַב, וואָס זיי האָבן ספּעציעל געהאַט קעגן יידן, וואָלטן קיינמאָל נישט דערגאַנגען וועגן טויזנטער און אפשר מער, אַז זיי זענען יידן, ווייל ביז צו דער דייטשער אָקופּאַציע פון בעלגיע, האָבן די בעלגישע קאַרט ר׳אינדיטעטס נישט געהאַט קיין ספּעציעלע רובריק וועגן רעליגיע.

עס האָבן זיך באַוויזן אויפן מאַרק דייטשע פעלד־זשאַנדאַרמען מיט אַן אָפיציר אין דער שפּיץ, און האָבן אַראָפּגעטריבן יידישע סוחרים, וואָס זענען געקומען קויפן גרינס און פּרוכטן. די בעלגישע סוחרים האָט דאָס זייער פאַרדראָסן, אָבער זיי האָבן געשוויגן.

מיר זענען געגאַנגען אין אַ דעלעגאַציע צום אַנטווערפּענער רב בראָדט, אַז ער זאָל זיך ווענדן צום בירגערמייסטער פון אַנטווערפּן וועגן דעם ענין. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז אין אַזאַ צייט איז דאָ ווייניק וואָס צו טאָן. אָבער דאָך וועט ער פּרוּוון אינטערווענירן. זיין אינטערווענץ האָט געהאָלפן, און מען האָט די יידישע סוחרים צוריק אַרויפגעלאָזט אויפן מאַרק.

דאָס אַנטלויפן פון יידן האָט זיך געמערט פון טאָג צו טאָג, אָבער דאָס אַנטלויפן איז אויך געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג. קודם כל איז געשטיגן דער אָפּצאָל, וואָס די שמוגלערס האָבן גענומען פאַרן אַריבערשמוגלען. און אויך איז געוואָרן בכלל שווער דאָס אַריבערשמוגלען, ווייל פון בעלגיע ביז צו דעם אַזוי גערופענעם אומבאַזעצטן געביט פון דער ווישי־רעגירונג אין פראַנקרייך האָט מען געמוזט אַדורכמאַכן צוויי גרענעצן. ווען ס׳איז שוין געלונגען דורך דער ערשטער גרענעץ, איז מען נאָך נישט געווען זיכער, ביז מען איז אַריבער די צווייטע גרענעץ. מען האָט נאָר בלויז געהערט פון די וועלכע ס׳איז געלונגען אַריבערגיין

די גרענעצן, אָבער פון די, וואָס עס איז זיי נישט געלונגען האָבן מיר נישט געהערט. און דער צווייטער טייל איז געווען גרעסער פונעם ערשטן טייל. אַ סך יידן זענען אַריינגעפאַלן ביי איינער פון די צוויי גרענעצן.

עס זענען אַוועק די זומער־חדשים פונעם יאָר 1940 און עס האָט זיך אָנגעהויבן די האַרבסט־מאָנאַטן, וועלכע זענען דאַסמאָל געווען זייער שווער אַזוי ווי אין מיטן ווינטער. איבערהויפּט איז געווען זייער קאַלט דער חודש פון דעצעמבער פון 1940, וואָס אַזעלכע פרעסט און שנייען האָט מען אין בעלגיע אויך ווייניק געקענט אַפילו אין די ווינטער־מאָנאַטן.

ס'איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע פליכטלינגען און אויך די, וועלכע זענען געקומען קיין בעלגיע פון פוילן מיט דריי יאָר צוריק מוזן אין 24 שעה אַרום, דאָס הייסט שבת פאַרטאָג, שטיין גרייט מיט זייערע קינדער ביי דער דרום באַן־סטאַציע, וואָס ליגט ביים האַפן פונעם טייך שעלדע. ווו אַהין? ווייסט מען נישט. ווער ווייסט?

די בהלה און דעם יאָמער קאָן מען זיך גישט פאָרשטעלן. נישט נאָר פון די, וואָס האָבן אַליין געדאַרפן דאָרטן זיין, נאָר אויך פון דעם אַנדערן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס אויף זיי איז דאָס נישט חל געווען. ס'איז דעמאָלט געווען אויסגעגאָסן אויף אַלע יידישע פּנימער אַ פינצטערניש. ס'איז געווען אַ שבת פון חושך, און ווי אויף צו להכעיס, איז נאָך דער פראָסט אין דעם טאָג דערגאַנגען ביז 22 גראַד אונטער נול און דער טיפער שניי איז געווען אַ האַלבער מעטער די הויך. מען האָט דע־מאָלט געטראַכט, אַז די דייטשן הייבן שוין אָן זייער אַקציע קעגן יידן אין אַ ראַדיקאַלן מאַסשטאַב.

דער רב בראַדט האָט געהאַלטן יענעם שבת אין דער שול אַ דרשה, אין וועלכער ער האָט גערופן די יידן, אַז זיי זאָלן זיך נישט פאַרלירן, האַלטן הויך די קעפּ מיט זעלבסטווירדע און צום סוף האָט ער אויסגע־פירט מיט אַ פסוק פון משלי: „לפני שבר גאון" — פאַר זייער מפּלה — שטייגן שטענדיק די רשעים הויך, אָבער דער סוף זייערער איז אַ זיכע־רער. מיר האָבן געשטוינט איבער זיין געוואַגטקייט און מוט.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט דער רב בראַדט שוין געהאַט באַוויזן צו אַנטלויפן איבער דער גרענעץ. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען

אַלטער קליימאַן

האָט די אַלע פּליכטלינגען אַוועקגעשיקט אין דער פּראָווינץ לימבורג, אַ קוילן־ראַיאָן אין בעלגיע. אַפילו די פּראָדוקטן־קאַרטן האָבן זיי נישט געקענט מיטנעמען. אָבער צו להכעיס האָט דאָרטן זיי די בעלגישע באַפעלקערונג מיט זייער בירגערמייסטער בראש זיי גוט אויפגענומען, און זיי באַזאָרגט הייזלעך פון די קוילנגרובן־אַרבעטער צו וווינען און נאָך אַנדערע מעגלעכקייטן. דאָס מיין איך איז געווען קעגן דער טענדענץ און אויסרעכענונג פון די דייטשן.

איצט רייס איך דערווייל איבער מיינע זכרונות און ברענג דאָ אַן אינצידענט, וואָס איז פאָרגעקומען מיט מיין מאַרקאָ מיט אַ פּאָר טעג צוריק.

מערץ 1943, מאַרקאָ איז נעכטן ביינאַכט צוריקגעקומען, אַזוי ווי שטענדיק פון קוילנגרוב, אָבער דאָס מאָל זייער אויפגערעגט און צעקאָכט; דאָס פּנים ביי אים איז געווען רויט און צעפלאַמט. ער האָט מיר דערציילט מיט גרויס פאַרביטערונג, אַז ער האָט זיך געקריגט מיט די בעלגישע אַרבעטער פונעם קוילנגרובן. זיי האָבן אים פאָרגעוואָרפן, אַז די אויסלענדישע אַרבעטער, וואָס אַרבעטן אין די קוילנגרובנס נעמען ביי זיי אַוועק דאָס ברויט. ער האָט זיי געזאָגט — דערציילט ער מיר — ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז מיט יאָרן צוריק, ווען ער איז נאָך געווען אין זיין לאַנד, אין יוגאָסלאַוויע, האָט דעמאָלט די בעלגישע רעגירונג געשיקט אַהין פּראָפּאַגאַנדע־אויפרופן, אַז אויסלענדער זאָלן קומען אַרבעטן אין די בעלגישע קוילנגרובנס און די בעלגישע רעגירונג האָט אַפילו באַצאָלט די רייזע־קאָסטן און אויך אַנדערע הוצאות פון די אויסלענדער, וועלכע זענען געקומען אַרבעטן אין די קוילנגרובנס, ווייל די בעלגיער האָבן נישט געוואָלט אין זיי אַרבעטן. און איצט קומט איר מיט טענות? האָט ער געפרעגט. איך האָב אים בלויז געענטפערט, איצט זעסטו די געשיכטע מיט יידן. ווייל וואָס יידן זאָלן נישט טאָן פאַר די אַרטיקע פעלקער אין דער גאַנצער וועלט — ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען — אויב דאָס רעדל דרייט זיך, איז עס נאָך ווי עס איז גוט, אָבער קוים פאַרהאַקט זיך דאָס

רעדל, און עס בלייבט שטיין, דעמאָלט איז קיינער נישט שולדיק, אַ חוץ די יידן.

איצט, האָט מאַרקאָ מיר געענטפערט, פאַרשטיי איך שוין גוט די סיטואַציע פון די יידן בעסער פון אַלע אַרגומענטן, וואָס דו האָסט מיר ביז איצט דערקלערט.

איך קער זיך צוריק צו מיינע זכרונות.

איך דערמאָן זיך דעם פאַרטאָג פון 22טן יוני 1941, ווען דער ראַדיאָ האָט פלוצים געבערענגט די איבערראַשנדיקע ידיעה וועגן דעם היטלער־איבערפאַל אויף דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד. מיר זענען געוואָרן אויפגעטרייסלט: פון איין זייט זאָרג און ציטערניש פאַר אונדזערע ברידער און שוועסטער, און פון דער אַנדערער זייט פרייד און האָפענונג. מיר האָבן געטראַכט, איצט וועט עס שוין נישט לאַנג דויערן, זיי וועלן איצט שוין ברעכן דעם קאַרק. מיר האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: איצט איז היטלער געגאַנגען אויף אַ גליטשיקן וועג. ער איז באַגאַנגען איינעם פון זיינע גרעסטע פעלערן דערמיט, וואָס ער איז אָנגעפאַלן אויף די סאָוויעטן. עפּעס אַ גוטער מלאך האָט אים אָנגערעדט צו דער גרויסער נאַרישקייט.

באַלד דערנאָך האָבן אָנגעהויבן אָנקומען איובס בשורות פונעם רוסישן מיליטער פון אַלע פראָנטן. גרויסע, אומגלויבלעכע מפּלות פון אַלע רוסישע אַרמייען.

אויך אויפן יידישן פראָנט דאָ, אין בעלגיע, האָט די היטלער־שרויף אָנגעהויבן דריקן שטאַרקער און שנעלער. נייע גזירות האָבן אָנגעהויבן זיך שיטן איבער די יידישע קעפּ, איינס נאָכן אַנדערן. אַזוי שנעל, גלייך ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, חלילה, מיט עפּעס וואָס צו פאַרשפּעטיקן.

יידן מעגן זיך געפינען אויף די גאַסן אין אַנטווערפּן נאָר פון 7 פרי ביז 7 אָוונט. און אין בריסעל ביז 8 אָוונט. אַנטווערפּן איז אין דער היבזיכט פון גזירות פאַר יידן געווען שטענדיק פון די ערשטע און פון די ראַדיקאַלסטע ווי אַלע אַנדערע שטעט ווו יידן האָבן געוווינט. יידן טאָרן נישט באַזיצן קיין ראַדיאָ־אַפּאַראַטן און אַפילו נישט הערן ביי נישט־יידן קיין ראַדיאָ. יידן טאָרן נישט איבערנעכטיקן אין קיין פרעמדער

שטאָט. זיי טאָרן אויך נישט נעכטיקן איינער ביים אַנדערן אויך אין דער זעלבער שטאָט.

עס איז צו מיר אַריינגעקומען אַ באַקאַנטער ייד משה קרעמער און האָט מיר דערציילט מיט פאַרצווייפלונג, אַז ער האָט דערהאַלטן אַן אויפֿפאָדערונג פון דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע זיך צוצושטעלן. ער טראַכט, האָט ער געזאָגט, וואָס פאַר אַ חטא איז ער באַגאַנגען, פאַר וועלכן זיי רופן אים.

מיר האָבן צוזאַמען אָנגעהויבן צו טראַכטן, ביז מיר האָבן זיך דערטראַכט, אפשר ווייל ער האָט מיט אַ וואָך פריער איבערגענעכטיקט אין דער שטאָט האַסעלט, ביי אַ בעלגיער, בעת ער איז דאָרט געווען אין געשעפט־ענינים, און זיינער אַ קאָנקורענט, אַ בעלגיער פון יענער שטאָט, האָט אים מן הסתם געמסרט, אָבער דער ייד אַליין איז נישט געווען זיכער אויב דאָס איז די סיבה, פאַרוואָס די זשאַנדאַרמעריע האָט אים געשיקט רופן.

איך האָב אים געראָטן ,אַז וואָס די סיבה זאָל נישט זיין, זאָל ער און זיין פאַמיליע תיכף אַנטלויפן. אָבער ער האָט עס גרינגעשעצט ,און איז יאָ געגאַנגען צו זיי. ער איז אָבער מער פון דאָרט נישט צוריק געקומען.

איך בין געווען ביי מיינעם אַ באַקאַנטן בעלגישן סוחר. דער יצר הרע צו הערן ראַדיאָ האָט ביי מיר גובר געווען דעם פחד און איך שטעל אַן ביים בעלגיער זיין ראַדיאָ, עפּעס וואָס צו הערן פון אַן ענגלישער סטאַציע. נאָכן ענדיקן הערן דעם ראַדיאָ־באַריכט, זאָגט צו מיר דער סוחר: „וואָס טוסטו, ווען איך מעלד די דייטשן וועגן דעם ?"

איך האָב זיך באַמיט נישט צו פאַרלירן זיך, טראָץ דעם, וואָס איך האָב געוווּסט, אַז ס'איז בלויז אַ וויץ. אָבער מיין האַרץ האָט פון דעסטוועגן געגנוג געקלאַפּט. האָב איך אים געענטפערט: „איך האָב דאָך געהערט ביי דיר, און אויך אויף דיר איז דאָך חל דאָס געזעץ נישט צו הערן קיין פרעמדע סטאַציעס". ער האָט מיר קורץ געענטפערט: „איך בין דאָך אָבער אַ בעלגיער..."

יידן סודען זיך און גיבן זיך איבער פון מויל צו אויער: ס'איז עפּעס וואָס געשען. —

איך ווער געוואָר אַז מען האָט די פּאַריקע נאַכט געפונען אין דער האַרנגרודער סטראַט אַ פאַרברענטן דייטשן אויטאָ. דער דייטשער אָפיציר, וואָס האָט געפירט די אויספאָרשונג, האָט באַפוילן, אַז די בעלגישע פּאָ־ליציי זאָל אים ברענגען די ערשטע צוועלף איינוווינער, וואָס זיי וועלן פאַרטאָג אָנטרעפן אויף דער גאַס.

די פּאָליציי האָט אים געברענגט 26 יידן, וואָס זיי האָבן געטראָפן גיין אויף דער לאַמערניר סטראַט (אַ גאַס, וואָס גרענעצט זיך מיט דער האַרנ־גרודער סטראַט). ווען מען האָט זיי אָנגעהויבן אויספאָרשן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן געוווינט אויף פאַרשידענע גאַסן. ווען מען האָט זיי געפרעגט, וואָס זיי האָבן געטאָן אַזוי פרי אויף דער לאַמערניר סטראַט? האָבן זיי געענטפערט, אַז זיי זענען געגאַנגען דאַווענען אין וויזשניצער קלויז. (וועלכע האָט זיך אין יענער צייט געפונען אויף דער גאַס).

דער אָפיציר האָט געפרעגט די פּאָליציי, פאַרוואָס זיי האָבן עפּעס געברענגט 26 פּערזאָן, אָנשטאָט 12 פּערזאָן. די פּאָליציי האָט געענטפערט, אַז כדי ער זאָל זיך קענען אויסקלייבן פון דער גרעסערער גרופּע וועמען ער וועט וועלן. זיי זענען אָבער אַלע באַפרייט געוואָרן, טראָץ דער אייפער־קייט פון דער בעלגישער פּאָליציי.

אַלע רוסישע בירגער זענען געוואָרן אַרעסטירט און אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין ברענדאָנג אָדער באָם. כאָטש דאָ איז נישט געוואָרן געמיינט בלויז יידן, אָבער פּאַקטיש זענען דאָס כמעט געווען אויסשליסלעך יידן. ווייל אין בעלגיע האָבן זיך געפונען ווייניק רוסישע בירגער נישט יידן, אויסער די רוסישע קאָנסול־באַאַמטע.

מיר האָבן אויך אין יענער צייט געהערט פון אַ נייעס: פאַראַן אַ קע־לער, וואָס דאָרטן ברענגט מען מענטשן צו דער אויספאָרשונג. דער קעלער געפינט זיך אין דעם אַזוי גערופענעם גענעראַל־גאָווערנעמענט־הויז. מען הערט וועגן דעם קעלער שרעקלעכע זאַכן.*

---

* מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ביים אַרויסנעמען אַ וויזע קיין ישראל, האָב איך דאָרט באַמערקט גרויסע פלעקן. די באַאַמטע האָבן מיר אויפגעקלערט, אַז דאָס זענען פלעקן פון מענטשנבלוט בעת דער אָקופּאַציע.

אַלטער קליימאַן

אין אַ געוויסן טאָג אין דער פרי, בעת איך האָב זיך צופעליק געפונען אויף דער גאַס קייזער־ליי, האָב איך באַמערקט ווי פון דער ברײדל סטראַט (אַ זייטן־גאַס ביי די קייזער־ליי) קומען אַרויס אַ גרעסערע גרופּע מענטשן, מענער און פרויען. איך האָב געטראַכט, וואָס קען זיין די סיבה דערפון? אַזוי טראַכטנדיק, האָב איך זיך דערנענטערט צו זיי און עס איז מיר גאָר נישט איינגעפאַלן, אַז איך דאַרף פאַר זיי מורא האָבן. אָבער איידער וואָס־ווען, נישט ווויסנדיק ווי אַזוי, בין איך שוין געווען צווישן זיי, אַרומגענומען אַזוי ווי פון אייזערנע רייפן.

זיי זענען געגאַנגען איבער דער קייזער־ליי. אין דער ריכטונג צו דער פעליקאַן־סטראַט. איך האָב שוין באַוויזן צו באַמערקן, ליידער צו שפּעט, ווי עס זענען געגאַנגען פאַרויס דייטשע אָפיצירן און איןביידע זייטן פון דער גרופּע זענען געגאַנגען בעלגישע פּאָליציי, אָבער אָן געווער, און אויך אָן פּאַסקעס אויף זייערע שינעלן. די שינעלן זענען אויך געווען אויפגעקנעפּלט. די גרופּע איז דערווייל אויסגעוואַקסן, כ׳מיין ביז אַ פּאָר טויזנט פּערזאָן. דערווייל זענען זיי געגאַנגען רויִק, ביז זיי זענען צוגעקומען צו דער פּעליקאַן סטראַט, דאָרט איז פּלוצים אויפגעוויקלט געוואָרן טראַנספּאָרענטן און האַקנקרייץ־פענער. און עס האָבן זיך דערהערט הילכיקע ווילדע אויסגעשרייען, ווי: אַ טויט די יידן, און נאָך פאַרשידענע אַנדערע שיינע פראַזן קעגן יידן. פון דערוויטנס האָט אָפּגעהילכט אין מיינע אויערן אַ שטאַרקער קלאַפּ פון צעבראַזגעטן גלאָז. די זעלבע קלעפּ האָבן זיך פיל מאָל איבערגעחזרט. דאָס פּעוול האָט געיובלט פון פרייד. די פריידיקע געשרייען האָבן זיך אויסגעמישט מיט צאָרנדיקע אויסגע־שרייען קעגן יידן.

מיט אַמאָל איז מיר קלאָר געוואָרן אין וואָסערער לאַגע איך געפין זיך. אַ טויט־שוויס האָט מיך באַדעקט. זיי קענען דאָך מיך דערקענען אַלס ייד. איך האָב געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן זיך פון זיי. אָבער איך האָב זיך פון זיי נישט געקענט אַרויסדרייען.

בעת די גרופּע, אין וועלכער איך בין געווען, האָט זיך שוין געפונען ביי סימאָנס־קאָנס־פּאַטע־סערי (קאָנדיטעריי), האָב איך געזען ווי די שוי־

פענצטער זיינע זענען געווען צעהאַקט און פון נאָך פיל אַנדערע יידישע געשעפטן פון יענער גאַס.

איך האָב זיך אַזוי געפונען אין דער קלעם, ביז איך מיט דער גרופּע זענען צוגעקומען צום טונעל פון דער קיוועט סטראַט. דאָרט האָב איך באַוויזן אַריינצוקריגן זיך אין דעם טונעל, און פון דאָרט שנעל לויפן אַ היים, כדי צו קענען שליסן מיין געשעפט.

ווען איך בין צוגעקומען צו מיין געשעפט, האָט צו מיר געשריגן פון דערוויטנס מיינער אַ בעלגישער שכן: „פאַרשטעק זיך, זיי וועלן דיך דערהרגענען”, אָבער ער האָט מיר נישט געזאָגט, אַז איך זאָל זיך ביי אים באַהאַלטן.

איניקע מינוטן שפּעטער איז מיין שויפענצטער און די האָלץ ראַ־לאַדע איבער איר שוין געווען צעשפּרונגען אויף פּיצלעך. גלאָז, האָלץ, צעטרעטענע פּראָדוקטן, וואָס זענען געווען אין שויפענצטער, זענען גע־לעגן צעטראָטן און אויסגעמישט אויפן טראָטואַר. אַ חוץ דעם זענען די פּראָדוקטן געוואָרן צעראַבירט. איך און מיין פאַמיליע זענען בשעת מעשה געלעגן באַהאַלטן אין מיין קעלער.

אַן אַנדער טייל פונעם זעלבן המון האָט זיך פאַרנומען מיטן פאַר־ברענען די שולן. עס זענען פאַרברענט געוואָרן דעמאָלט די שולן פון אָסטן סטראַט, און פון וואַנדענעסט־ליי. און אַלץ, וואָס איז געווען אין זיי.

דאָס צעטראָטענע גלאָז און אַנדערע זאַכן פון מיין שויפענצטער איז אַזוי געלעגן קופּעסווייז ביז צו מאָרגנס אין דער פרי. איך האָב מיך דערביי געטראַכט, זאָלן זיי זען און זיך שעמען, דאָס קולטור־פאָלק.

דעם זעלבן טאָג בין איך און מיין פרוי אַוועק אין אַ קריסטלעכער גע־גנט און דאָרטן געדונגען אַ דירה, כדי צו קענען דאָרט ביינאַכט שלאָפן, ווייל מיר האָבן שוין מורא געהאַט איבערצונעכטיקן אין אונדזער וווינונג.

אויף צו מאָרגנס אַרום 7 אין דער פרי, זענען געקומען דייטשע פעלדזשאַנדאַרמען און געשאָלטן. זיי האָבן געשריגן, אַז ביז מיטאָג זאָל דער אייגנטימער פונעם געשעפט אויפרוימען און אָפּרייניקן, אַז מען זאָל גאָר נישט דערקענען, וואָס דאָ איז געשען. אָבער די פאַרברענטע שקע־

לעטן פון די צוויי שולן, האָבן זיי נישט געקענט אָפּרוימען, און זיי זענען פאַרבליבן שטומע עדות פון דעם, וואָס עס איז געשען.

אין אַ געוויסן שבת, בעת איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, האָב איך געזען, ווי אַ דייטשער אָפיציר האָט געשלאָגן אין דער גאַס אַ יידיש ייִנגל פון אַ 10—12 יאָר.

מיר גייען שלאָפן מיט זאָרג און פחד און שטייען אויף מיט דעם זעלבן געפיל ווי ביי נאַכט און מיר קלערן, וואָס פאַראַ נייע גזירות גרייט מען ווידער צו פאַר יידן. דאַקעגן די בעלגיער לעבן גלייך ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען. די דייטשן לעבן מיט זיי גאָר פריינדלעך. נאָך בעסער, די בעלגישע סוחרים און פאַבריקאַנטן האָבן נאָך קיינמאָל נישט אַזויפיל פאַרדינט ווי היינט. זיי האַנדלען אַלע אויף שוואַרץ און די דייטשן מאַכן זיך נישט זען. אַ חוץ דעם זענען פאַראַן אַ סך, וואָס קאָלאַבאָרירן מיט זיי דירעקט.

מיר האָבן אָנגעהויבן פילן, אַז אויך ביי דער בעלגישער באַפעל־קערונג האָבן מיר אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו פאַרלירן די מענטשלעכע ווירדע, וואָס מיר האָבן דאָרט געהאַט ביז דעמאָלט, מיר האָבן אָנגעהויבן אויסצוזען ביי זיי ווי צווייטראַנגיקע מענטשן.

צו אונדזער אומגליק האָבן מיר נאָך אַ גליק, וואָס די דייטשן פירן אויך דעם קריג מיט אַנדערע פעלקער.

אַמעריקע נעמט אָנטייל אין דער מלחמה

דעצעמבער 1941, אַמעריקע איז אַריין אין קריג.

די האָפענונג איז ביי אונדז ווידער געוואָרן שטאַרק. היתכן, ווען אַמעריקע איז שוין אויך אַריין אין קריג וועלן זיי אַלע צוזאַמען זיך נישט קענען קיין עצה געבן מיט די דייטשן?

דערווייל אָבער האָבן מיר בלויז געהערט פון יאַפּאַנישע נצחונות, אָבער פון דעסטוועגן האָבן מיר געהאַט דאָס גלויבן, אַז סוף כל סוף וועט זיך אַמעריקע אַן עצה געבן מיט די אַלע צייטווייליקע שוועריקייטן. דערווייל איז די אונטערדריקונג געוואָרן וואָס אַמאָל און וואָס אַ טאָג שטאַרקער. פשוט, עס האָט גענומען אויספעלן לופט צו אָטעמען.

מיר האָבן אויך דערפילט, צוזאַמען מיט דער האָפענונג פון אַמעריקעס אַריינטריט אין דער מלחמה, ווי מיר זענען דערווייל געוואָרן אין גאַנצן הפקר.

אונדזערע אויגן האָבן זיך גענומען ווענדן צום פּויפּסט, קיין רוים. היתכן? וועט ער שווייגן און דאָס אַלץ צולאָזן? מיר זענען טאַקע יידן, אָבער דאָך מענטשן — האָבן מיר צווישן זיך געשמועסט. איז דען דער קאַטאָליציזם לגבי די יידן, דאָס זעלבע וואָס אַמאָל?

באַזונדערס האָט מען געהאָפט אויף דעם קאַטוילישן קאַרדינאַל פון בעלגיע, קאַרדינאַל וואַן - ראָי, ער זאָל זיין אַ יידן־פריינד — האָט מען צווישן יידן גערעדט. קיינער האָט נישט געפּרוווט פרעגן אָדער אָפּפרעגן פון וואַנען די ווערסיע שטאַמט. ווייל מיר געפינען זיך אין אַזאַ לאַגע, אַז אַפילו דאָס מינדעסטע שטרויעלע ווערט פאַר אונדז פאַרוואַנדלט אין אַ ריזיק רעטונגס־ברעט. אויך אַ שיינע גוטע פאַנטאַזיע מאַכט לייכטער אויפן האַרצן.

מיר האָבן דערלעבט צו אַ פרישער גזירה:

אַלטער קליימאַן

עס איז געמאָלדן געוואָרן דורך פּלאַקאַטן, אַז יעדעס יידיש געשעפט מוז אָפּגעבן זיין האַנדלס־רעגיסטער. דאָס הייסט, אַז אַלע יידישע געשעפטן מוזן פאַרמאַכט ווערן.

מיר זענען געגאַנגען אינעם געריכטסהויז דאָרט אָפּצוגעבן די האַנדלס־רעגיסטערס. מיר האָבן געוואַרט אַ פּאָר שעה אין דער רייע ביז מיר האָבן געקענט צוקומען צו די באַאַמטע.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט נאָר, וואָס מיר זענען געצוווּנגען געוואָרן אָפּצוגעבן די האַנדלס־רעגיסטערס און אַזוי אַרום צו פאַרלירן אונדזער פּרנסה, נאָר מיר האָבן נאָך געמוזט באַצאָלן אַ פּאָר הונדערט פראַנק פאַר דער געפּעליקייט.

עס האָט זיך דאָרט איבערגעחזרט די געשיכטע פון סדום: ווען איינער האָט דאָרט אויסגעהאַקט ביים אַנדערן אַ צאָן, האָט דער געשלאָגענער נאָך געמוזט באַצאָלן דעם שלעגער גלייך ווי אַ רופא וואָלט אים געווען אַרויסגענומען דעם צאָן.

אין אַנטווערפּן זענען דעמאָלט געווען איבערגעבליבענע יידן דלי עם (אָרעמע קלאַס) און אַ ביסל מיטלשטאַנד, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געלט־פאַרבינדונגען און ספּעקולאַציעס, ווי אַזוי זיך צו קענען אַרויסקריגן פון דער אומדערטרעגלעכער שטיקנדיקער לופט, וואָס האָט באַהערשט אַנטווערפּן. מען האָט עפּעס יאָ געהערט בלחש, מער אויפן ווונק ווי פון רייד, האַלבע ידיעות וועגן קאָנסולאַטן, וואָס גיבן וויזעס אָדער גאָר פּעסער, אמתע אָדער פאַלשע, און אַזוי אַרום כאַפּן זיך יידן אַרויס פון דער קלעם. אָבער וועלכע קאָנסולאַטן ? און ווער זענען די מאַכערס ? דאָס האָט שוין קיינער נישט געוווּסט צו דערציילן. מען האָט נאָר געוווּסט, אַז עס קאָסט אַ פאַרמעגן.

פריער האָב איך דערציילט וועגן אַ גזירה, וועלכע האָט געהייסן יידן־רעגיסטערס, וואָס האָט געשיינט צו זיין בשעתו אַזוי אומשעדלעך און נישט געפערלעך און יידן זענען דעמאָלט געגאַנגען מיט אַ געלעכטער זיך רעגיסטרירן. אויך די יעניקע, וועלכע האָבן עס געקאָנט אויסמיידן. שפּעטער, בעת דער גזירה פון דער געלער לאַטע, האָבן זיי דערזען זייער פאַטאַלן טעות, אַז די דייטשן האָבן זיי איבערגעקליגט.

די געלע לאַטע און אַנדערע צרות

יוני 1942. מען האָט דורך פּלאַקאַטן מודיע געווען די טיף דערדריקנדע שרעקלעכע גזירה, אַז אַלע יידן פון 7 יאָר אָן, מוזן טראָגן געלע לאַטעס, פאָרנט, אויפן אָרט, ווו דאָס האַרץ געפינט זיך.

די לאַטע באַשטייט פון אַ פיר־קאַנטיקן געלן געוואַנט. אין מיטן אויף שוואַרצער פאַרב איז אָפּגעדרוקט אַ מגן דוד, און אינעווייניק געפינט זיך דער לאַטיינישער בוכשטאַב י. אינעם פּלאַקאַט איז אויך געשטאַנען אויסגערעכנט, מיט דער באַקאַנטער דייטש־קינדערישער פּינקטלעכקייט, אַז די לאַטע מוז זיין געניי אָנגענייט איבער דעם האַרץ. ווען זי וועט זיין אָוועקגערוקט — חלילה — איין סענטימעטער פון אָרט, וועט מען ווערן שטרענג באַשטראָפט. עס איז אויך אָנגעגעבן געוואָרן, וויפל עס קאָסט אַזאַ פאַרגעניגן, און אין וועלכן רעגירונגס־אַנשטאַלט מען קאָן עס באַקומען.

טראָץ אַלע גזירות ביז דעמאָלט, האָבן מיר נישט געקענט חלומען, אַפילו אין די ערגסטע חלומות, אַז אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זאָל וואָגן אַ רעגירונג פון וועלכן פאָלק עס זאָל נישט זיין, אָפּצוטאָן אַזאַ באַרבאַרישן אַקט לעיני השמש און נישט שעמען זיך פאַר קיין פאָלק אין דער וועלט.

דער איינפאַל מיט דער געלער לאַטע איצט (כ'מיין דערמיט צו זאָגן, נישט אין מיטלאַלטער, ווייל דעמאָלט זענען די סיבות געווען אַנדערע), איז אַזעלכע, וואָס נאָר דער אַשמדאי אַליין האָט דאָס געקענט אויסקלערן. די איינע גזירה האָט געזאָלט דינען צו פאַרשידענע צוועקן.

ערשטנס צו דערנידעריקן די יידן עפנטלעך, און זיי דערמיט מאָראַליש צעברעכן; און גלייכצייטיק דערמיט אויפהייבן די אַרומיקע נישט

יידישע באַפעלקערונג — קעגן די יידן, אַלס יחסנים, בעסערע, פיינערע — און געבן זיי אַזאַ געפיל, וואָס די דייטשן קאָסט עס גאָר נישט, אָבער עס מאַכט פאַרגעסן, אָדער עס שוואַכט אָפּ ביי דער בעלגישער באַפעלקערונג די שנאה צו די דייטשן, אויך פון די יעניקע, וואָס האָבן נישט שלום גע־מאַכט מיט דער דייטשער אָקופּאַציע.

אויך האָט די געלע לאַטע געזאָלט דינען אַלס פיזישע מחיצה צווישן די יידן און נישט יידן. צוליב דעם וואָס מענטשן, וועלכע טראָגן אוני־פאָרמען, אָדער צייכנס, וואַרפן זיך זייער שטאַרק אין די אויגן אַזוי, אַז אַפילו גאַנץ ווייניקע פון זיי מאַכן דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געווען מי יודע וויפל. אַזוי אַרום, ווי קנאַפּ יידן עס זאָל זיך נישט געפינען, וועט מען אַלץ מיינען, אַז עס איז נאָך דאָ גענוג צו פיל....

דער אָנהויב פון טראָגן די געלע לאַטע איז פאַר יידן געווען זייער אַ שווערע, פיינלעכע און אַ פאַרשעמטע. טראָץ דעם, וואָס מיר און אויך די בעלגיער האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז אויפגעצוווּנגען פון אַ ברוּ־טאַלן פיזישן כוח, איז עס אָבער געווען זייער שווער דערמיט, וואָס ביז דעמאָלט זענען די אַלע דיסקרימינאַציעס לגבי יידן נישט געווען אַזוי בולט אין די אויגן פון די בעלגיער.

נישט ווייניק בעלגיער האָבן נישט אַזוי גענוי געוווּסט דערפון (אַזוי האָבן מיר זיך ווייניקסטנס איינגערעדט) און מיר האָבן נאָך געקענט ווי עס איז רעדן מיט די בעלגיער, ווי גלייכע מיט גלייכע, אָבער מיטן דער־שיינען פון דער גזירה פון טראָגן די געלע לאַטע, האָט זיך אַרויסגעוויזן אונדזער שוואַכקייט און דערנידערונג לעיני כל. אַפילו פון די יידן וואָס די בעלגיער האָבן גאָר נישט געגלייבט, אַז זיי זענען יידן.

מיר האָבן זיך געשעמט צו קוקן אין די אויגן פון די נישט־יידן. אויך די בעלגיער האָבן אויסגעמיטן אונדזערע בליקן. שפּעטער אַ ביסל האָבן מיר זיך דערצו צוגעוווינט אַלס אַן אומפאַרמיידלעכע זאַך, וואָס מען מוז דערווייל טראָגן, אַזוי ווי איינער טראָגט אַ גיפּס־באַנד אויף דער האַנט, און האָפט, אַז ער וועט דערפון ווי אַמשנעלסטן פּטור ווערן. אויך די נישט־יידן האָבן זיך דערצו צוגעוווינט, און אַ געוויגנדיקע צאָל פון זיי האָבן עס באַטראַכט אַלס אַזעלכעס וואָס יידן דאַרפן עס טאַקע באמת טראָגן...

די מאַראַל ביי אונדז איז אָבער נאָך נישט געווען אין גאַנצן פאַרלוירן, ווייל מיר זענען געווען זיכער אין היטלערס מפּלה, ווייל מיר האָבן נישט געגלויבט אין קיין וועלט־אונטערגאַנג. די באַגריסונג פון איינעם מיטן צווייטן איז געווען: „מיר וועלן זיי איבערלעבן״, כאָטש ס׳איז אפשר געווען אַן אויסדרוק פון אין ברירה. אָבער מיר האָבן אויך געוווּסט, אַז כּדי צו קענען זיי טאַקע איבערלעבן און דערלעבן צו זען זייער מפּלה, מוזן מיר זיך שטאַרקן און זיך נישט נעמען צו פיל צום האַרצן אַט די אַלע גזירות.

אַנטוועדפּן איז געוואָרן געבענטשט מיט אַ ספּעציעלער פּלאָג, דאָס איז דער דייטשער פעלד־זשאַנדאַרם מיטן נאָמען סאַנדערס אָדער סאַנדער, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ שפּיציקער אָדלער־נאָז, וואָס טראָגט דיקע בינאָקלען־גלעזער. זיין איינציקע אויפגאַבע איז טאָג און נאַכט אַרומצודרייען זיך איבער די ייִדישע פּערטלען און צו פאַרביטערן ייִדן דאָס לעבן. ער זאָגט, אַז ייִדן טאָרן נישט שטיין אויף איין אָרט, נאָר מוזן גיין ווי דער אַהאַסווער פון אַמאָל (דער ייִדן־וואַנדערער).

און ווי איז צו דעם וועמען ער האָט געטראָפן שטיין אויף איין אָרט, קודם כּל האָט ער אים געגעבן קלעפּ אויפן אָרט, און אָפּט אים מיטגענומען צו דער דייטשער זשאַנדאַרמעריע, און פון דאָרט איז נאָך ביז איצט קיינער נישט צוריקגעקומען.

די ייִדן האָבן זיך געגעבן צו וויסן פון דערווייטנס, ווען זיי האָבן אים באַמערקט מיטן היימישן נאָמען: סענדער גייט!

די בעלגיער האָבן געוואָרנט די ייִדן, ווען זיי האָבן אים געזען פון דערווייטנס: די ברילקע גייט. צוליב די ברילן וואָס ער טראָגט.

איך ווייס נישט ווי אַזוי עס האָט זיך גענומען ביי אַ מענטשן אַזויפיל כּוח ווי פון אַ שד. ער איז געווען אויף די פיס בייטאָג און ביינאַכט. ער איז אויסגעוואָקסן, אַזוי ווי פון אונטער דער ערד, אומגעריכט, אַן אמתער טיוּול.

איך בין אַמאָל געווען אין אַ קריסטלעכער געגנט און האָב זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ שויפענצטער, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז דאָרטן איז ער נישטאָ, און פאַרגעסנדיק זיך אויף אַ ווײַלע ווו איך געפין זיך, האָב איך

אינסטינקטיוו אַ ציטער געטאָן מיטן גאַנצן קערפּער, אַזוי ווייט איז ביי אונדז געלעגן דער פּחד אין די ביינער פאַר אים.

דערווייל האָבן זיך אַרומגעדרייט די איבערגעבליבענע יידן אין אַנט־וועפּן אַזוי ווי אבלים. איינער האָט געטרייסט דעם צווייטן מיט בלאָסע אָרעמע טרייסטן, פון מכלומרשטע נצחונות מצד די אַליאירטע, און פון פּלענער, וואָס די אַליאירטע קלערן, אָדער גרייטן זיך צו טאָן.

מיר, אין אונדזער געגנט פּלעגן טיילווייז יעדן טאָג אריינקומען צו אַ ייד, מיטן נאָמען רעסלער, וועלכער האָט געהאַט אויף די זאָמער סטראַט אַ קוילן־געשעפט, און אַלס תּירוץ אין דעקונג, אַז מיר קומען מכלומרשט קויפן קוילן, פּלעגן מיר אַ האַלב טוץ יידן דאָרטן אַרומרעדן די לאַגע און אַראָפּרעדן זיך פון הארצן.

אויף די גאַסן אין אַנטווערפּן האָט מען ווייניק וואָס געזען יידן, אַפילו פון די, וואָס זענען נאָך געווען, ווי כ׳מיין אין די טויזנטער. די לופט אַליין איז עפּעס געווען ווי אָנגעזאַפּט מיט דערדריקונג און פּחד פון מה ילד יום (וואָס אַלץ קען נאָך קעגן אונדז אַרויסשפּרינגען). ביי זיך אַליין האָבן מיר געוווּסט, אַז דערווייל איז די לאַגע זייער, זייער נישט גוט. אָבער מיט די בעלגיער פּלעגן מיר נאָך רעדן אין אַזאַ טאָן, גלייך ווי מיר וואָלטן יאָ וואָס געוווּסט, און געווען אין עפּעס זיכער. קיין איבעריקע רייד האָבן מיר מיט זיי נישט געקאָנט און נישט געטאָרט רעדן, ווייל מיר זענען נישט זיכער מיט קיין איינעם פון זיי. אויב היינט קענסטו אים, ווייסטו נישט, וואָס ער וועט ווערן מאָרגן. די דייטשן האָבן געניגוג לאָקונגס־מיטלען אַריינצוציען די בעלגישע באַפעלקערונג. יעדנפאַלס מיין איך בלויז די יעניקע בעלגיער מיט וועלכע איך בין געקומען אין קאָנטאַקט.

איך רייס דאָ איבער מיינע זכרונות, ווייל איך מיין, אַז עס איז כדאי עפּעס וואָס איבערצוגעבן פון די היינטיקע טעג.

אַפּריל 1943. ביי מיר איז געווען מיט אַ צייט צוריק אַ יידישער יונ־גערמאַן, וואָס איך האָב אים נאָך געקענט פונעם לאַגער, אין פראַנקרייך. און דערהערנדיק מיין סיטואַציע האָט ער מיר אויף צו מאָרגנס געברענגט אַ גאַנץ ברויט און אַ טעפּעלע קאָנפיטור. אויך צו מאָרגנס דאָס זעלבע.

אויף פרעמדער ערד

אין אויך אויפן דריטן טאָג פון זיין קומען צו מיר, האָט ער מיר דאָס זעלבע געברענגט. ער האָט מיר דערציילט, אַז עס געפינט זיך עפּעס אַ געהיימער קאָמיטעט, וואָס באַזאָרגט די באַהאַלטענע יידן מיט פּראָדוקטן-קאַרטן, און אַפילו מיט חודש-געלט, כדי זיי זאָלן זיך קענען דערנערן. עפּעס אַ וועלט-איבערקערעניש, וואָס איז מיר נאָך שווער צו גלייבן.

דערווייל איז שוין אַדורכגעגאַנגען באַלד צוויי וואָכן צייט. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו פארבינדן מיך מיט דעם אַזוי געררופענעם געהיימען קאָמיטעט. נישט איך זע וועמען עס איז פון דעם קאָמיטעט, און אויך ער אַליין, דער יונגערמאַן איז פאַרשוווּנדן.

אויף די קריגס-פראָנטן איז דערווייל אויך נישט שלעכט. די אַליאירטע גייען פאָרויס אין אַפריקע און די רוסן טרייבן זיי אַרויס פון קאַווקאַז און פון אַנדערע מקומות. די דייטשן מאַרשירן שוין נישט פאָרויס, נאָר צוריק.

דער יודענראַט אין שאַרלערואַ

איך קער זיך אום צוריק צו מיינע זכרונות.

סוף יוני, אָדער אָנהויב יולי 1942, האָב איך צופעליק אויף דער גאַס געטראָפן גיין אַ באַקאַנטן יידישן סוחר מיטן נאָמען מאַי. ער האָט מיר דערציילט פון זיין פּלאַן (עפּעס אַ וואונדער) אַוועקצופאָרן אינעם וואַלאַנישן געביט, אין דער דאָרטיקער שטאָט שאַרלערואַ. קודם, דערקלערט ער מיר, איז דאָרטן די לופט קעגן יידן אַ ביסל מילדערער, און באַזונדערס געפינט זיך דאָרט דער צענטער פון די קוילנגרובנס, און פון דער שווערער אינ־דוסטריע, וואָס די דייטשן האָבן עס נויטיק, ווי אַן אויג אין קאָפּ; דאָרטן וועט ער אַריין אין אַ פאַבריק אַרבעטן, און דאָס וועט אפשר זיין אַ סגולה אויסצומיידן די סכנות פון זיי.

מיר איז געפעלן געוואָרן דער פּלאַן. ער האָט מיר געגעבן אַן אַדרעס פון אַן אָרטיקן יידישן כלל־טוער, וועלכער וועט מיך דאָרטן אין שאַרלערואַ אפשר קענען איינמעלדן.

איך האָב גענומען דעם צוג און געפאָרן קיין שארלערואַ.

דאָרט האָב איך זיך געוואַנדן אויף דעם אַדרעס; איך האָב אויך גע־טראָפן וווינען אינעם זעלבן הויז נאָך אַ יידישער פאַמיליע, וועלכע האָט צופעליק געהאַט אַ לערע שטוב. איך האָב זיך איינגעאָרדנט אין דער שטוב, און דער כלל־טוער מיטן נאָמען ר. האָט מיך איינגעמאָלדן אינעם שטאָט־ראַט.

נאָך דעם האָב איך געדאַרפט זיך פאַרשאַפן אַרבעט, אין וועלכער עס איז פאבריק. אין וואַלאַנישן געביט הערשן אויך די דייטשן מיט זייער „קול־טור", אָבער די לופט דאָ איז נאָך דעמאָלט געווען אַן אַנדערע. נישט געווען אַזוי פאַרפעסטעט, ווי אין אַנטווערפּן. ווייזט אויס, אַז עס האָט אויך צו

טאָן מיט דער אַרטיקער באַפעלקערונג און מיט זייערע געפילן מיט וועלכע מען רעכנט זיך. —

איך האָב זיך געווענדעט צום אָרטיקן יודנראַט, זיי זאָלן מיר פאַרשאַפן אַרבעט, ווייל זיי, ווי זיי האָבן געזאָגט, האָבן אַ קאָנטאַקט מיט די פאַבריקאַנטן און מיט דער אַרבעט־בערזע. דער יודנראַט איז באַשטאַנען פון עקסטרעם רעכטע און עקסטרעם לינקע, אויך פון יידישע קאָמוניסטן, אונטער אַ פסעוודאָנים. דער כלל־טוער — צו וועלכן איך בין פריער געשיקט געוואָרן — איז געווען אויך איינער פון יודנראַט, פונעם רעליגיעזן טייל.

ווען איך בין צוגעקומען צום יודנראַט, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ בולוואַר, האָב איך געזען שטיין אין דרויסן הונדערטער יידן פון פאַרשידענע מקומות, אַממערסטן פון בריסעל, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אַרבעט.

מיר איז אויסגעקומען מאָדנע צו זען אין אַזאַ צייט שטיין אַזויפיל יידן צוזאַמען אויפן בולוואַר, עפנטלעך. אין אַנטווערפן איז דעמאָלט אַזאַ זאַך שוין געווען אוממעגלעך.

איך בין אַריינגעקומען אינעם יודנראַט און דאָרטן אַנגעטראָפן אויף אַ כאַאָס, אַלע האָבן געשוויצט און געלאָפן, אַ טייל פון זיי זענען שוין געווען צוריק נאָכן פאַרשאַפן אַרבעט, און אַ טייל פון זיי האָבן זיך געגרייט צו גיין פאַרשאַפן אַרבעט. זיי האָבן געהאַלטן אין איין דערציילן, פאַר וויפל יידן זיי האָבן שוין ביז איצט געשאַפן אַרבעט.

אָבער די מאַסע יידן אין דרויסן, און אינעווייניק, וועלכע האָבן געוואַרט אויף אַרבעט, איז דערווייל געוואָרן גרעסער און גרעסער. עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן באַלד אַ סכנה, אַז אַזויפיל יידן זאָלן זיין פאַרזאַמלט עפנטלעך אין איין אָרט. און אין דער אמתן אָבער רוקט זיך דאָס פאַרשאַפן אַרבעט נישט מיט קיין איין סענטימעטער פאָרויס. איך בין אַהין געקומען יעדן טאָג וועגן באַקומען אַרבעט און אָוועקגעגאַנגען מיטן זעלבן וואָס איך בין געקומען.

זיי האָבן געזאָגט, אַז עס איז שוין דאָ מער אַרבעטער, וויפל די פאַבריקן קענען אויפנעמען. דער לוין פון נישט קוואַליפיצירטע אַרבעטער איז געווען 45 פראַנק אַ טאָג, און אַ ברייטל אויפן שוואַרצן מאַרק האָט געקאָסט 50 פראַנק. אַזוי אַרום האָבן געקענט די פאַבריקאַנטן שיסן צוויי האָזן מיט

אין קויל. פון איין זייט ווי בעלגישע פּאַטריאָטן, וועלכע זענען געווען קעגן די דייטשן דערמיט, וואָס זיי העלפן יידן. און פון דער צווייטער זייט, וויפל אַ נישט קוואַליפיצירטער אַרבעטער זאָל נישט טאָן איבערן גאַנצן טאָג, פאַרדינט דער פאַבריקאַנט נאָך אַלץ אין אים.

אָבער ווי עס ווייזט אויס איז געווען אַ שטילער באַפעל פון די דייטשן נישט צו געבן אַרבעט די יידן. פאַר די יידן האָט די אַרבעט אויסגעזען צו זיין אַ רעטונג. אויך דאָס האָבן זיי נישט געקענט פאַרגינען. כאָטש ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז עס געווען בלויז אַן אילוזיע פון די יידן... אויך יידישע אילוזיעס קענען די דייטשן נישט דערלויבן.

אין מיינע אויגן האָט אָנגעהויבן צו שטעכן און אויסצוואַקסן אין אַ ריזן גרויס דער לעצטער פסוק פון דער תוכחה: התמכרתם שם לעבדים ולשפחות ואין קונה... דו וועסט זיך וועלן פאַרקויפן פאַר אַ קנעכטישן גע־האַלט, וואָס סטאַרטשעט אַפילו נישט צו קויפן אַ קליין ברייטל פון 700 גראַם. און אויך דאָס וועסטו נישט באַקומען... דאָס געשפּענסט פון דעם פסוק האָט מיך פאַרפאָלגט די אַלע טעג פון מיין שטיין דאָרט ביי די בעלגישע פאַבריקן: אפשר וועל איך דאָך ווען עס איז באַקומען אַרבעט.

איך בין געוואָרן מיד פון שטיין טאָג־טעגלעך ביים יודנראַט, איך האָב אָנגעהויבן און געפּרוווט אַליין זוכן אַרבעט אין די פאַבריקן. דאָרט האָב איך געטראָפן נאָך גרעסערע מאַסן יידן, וועלכע האָבן געוואַרט, אַזוי ווי איך, מיט דער האָפענונג צו באַקומען אַרבעט און אפשר אַזוי אַרום ניצול ווערן פון די דייטשע לאַפּעס.

די אַרבעט אין די פאַבריקן האָט צו יענער צייט געברענט. עס האָבן אויסגעפעלט אַרבעטס־קרעפטן, ווייל די גאַנצע אַרבעט איז געווען איינגע־שטעלט אויף דער קריגס־אינדוסטריע פאַר די דייטשן. אָבער מען האָט קיין יידן מער נישט אַריינגעלאָזט אַרבעטן אין די פאַבריקן, אויסער די, וועל־כע האָבן געהאַט פּראָטעקציע ביי די פאַבריקאַנטן, אָדער ביי די דירעקטאָרן. אַ, ווי איך האָב מקנא געווען, ווען איך האָב געזען, ווען אַן אָרטיקער יידישער דענטיסט איז אַרויסגעקומען מיט אַ צעטל אין האַנט פון דירעק־טאָר פון אַ פאַבריק, וואָס ער דערלויבט צו קומען אַרבעטן זיינעם אַ קוזין, אַ סוחר פון אַנטווערפּן. אַזוי ווי ער וואָלט געוווּנען דאָס גרעסטע געווינס.

איבער צוויי וואָכן האָב איך זיך אַזוי אַרומגעדרייט ביי די פאַבריקן אין שארלערוא, גאַנצע טעג אָן עסן און אָן טרינקען. מיט יעדן טאָג פון מיין וואַרטן דאָרט איז געוואָרן מיין האָפענונג צו באַקומען אַרבעט אַלץ שוואַכער.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען איך בין אַזוי געשטאַנען דאָרט שוין אָן האָפענונג צו באַקומען ווען עס איז אַרבעט, איז אַרויסגעקומען פון אַ פאַבריק אַ בריסעלער ייד און מיר דערציילט, אַז ער האָט באַקומען אין בריסעל אַרבעט. אויב איך וויל וועט ער פאַר אַ פּאָר הונדערט פראַנק, וואָס ער דאַרף געבן דעם אַרבעטס־אָנפירער, איבערגעבן מיר זיין פּלאַץ. אויף מאָרגן פרי בין איך געווען אָנגענומען אין דער פאַבריק ווי אַן אַרבעטער.

די פאַבריק דאָרט איז נישט פון די גרויסע פאַבריקן. עס אַרבעטן דאָרט אַן ערך פון 500 מאַן, וועלכע בויען בריקן איבער טייכן און פאַבריקס־קוימענס. מיין ערשטע מתנה, וואָס איך האָב געברענגט פאַר דעם אַרבעטס־אויפזעער איז געווען אַ פּעקל טאַבאַק, וואָס איז שוין אויך דעמאָלט געווען זייער חשוב. עס האָט געקאָסט אויפן שוואַרצן מאַרק (ווען מען האָט עס געקענט באַקומען מיט גרויסע שוועריקייטן) ביי 70—80 פראַנק. ער האָט מיך צוגעטיילט צו אַ גרופּע פון פינף אַרבעטער.

איבער אַלע גרופּעס הערשט און גיט אַכטונג דער אויפזעער. דעמאָלט האָב איך דערפילט דעם אמתן טעם פון נישט קענען קיין שפּראַך, ווייל דאָ רעדט מען נאָר פראַנצויזיש. אין אַנטווערפּן און אין גאַנצן פלעמישן געביט רעדט מען פלעמיש, וואָס איז טאַקע לייכטער פאַר אַ יידישער צונג, און נאָך מער, דאָס פראַנצויזיש דאָ ביי די אַרבעטער און פּשוטן המון איז אַ ספּעציעלע וואַלאָנישע שפּראַך. עס האָט זיך ביי מיר איבערגעחזרט די צרה פונעם דור ההפלגה. זיי האָבן מיר געהייסן דערלאַנגען פון יענעם וויטן עק טיש אַ האַמער און איך האָב זיי געברענגט גראָד אַ צוואַנג, אָדער אומגעקערט. דער אָנפירער פון מיין גרופּע איז געוואָרן אויפגערעגט, אָנגעהויבן שרייען און שעלטן. די אַנדערע אַרבעטער פון אַנדערע טישן זענען געוואָרן אויפמערקזאַם אויף דעם און דערווייל אָפּגעשטעלט די אַרבעט און אָנגעהויבן זיך קריגן מיט מיין גרופּן־פירער. זיי האָבן זיך אָנגענומען פאַר מיר ווי איך האָב פאַרשטאַנען פון זייערע רייד, ווי פאַר אַן אומגליקלעכן...

דער אויפזעער איבער דער גאַנצער אַרבעט האָט דערזען די סיטואַציע און ער האָט מיר געגעבן אַן אַנדערע אַרבעט: אויפשרויפן אַלטע שרויפן און זיי אָפּרייניקן פון זשאַווער. אויף צו מאָרגנס האָט ער מיר געגעבן גאָר אַן אַנדערע אַרבעט. איך זאָל מאַלעווען די גרויסע פאַבריק־קוימענס, דאָרט ביי די קוימענס האָט מיך שוין קיינער נישט געזען, ווייל די קוימענס זענען געווען ריזיק גרויס, און איך בין געשטאַנען אונטער זיי און זיי געמאַלעוועט.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער מיך געשיקט מיט נאָך אַן עלטערן מאַן פון אַ יאָר 60 און אַ ייִנגל פון אַ יאָר 12־13 ברענגען אויף אַ וועגעלע ביטלעס גאַז, וועלכע זענען נייטיק פאַר דער פאַבריק. דער וועג צו דער ביטלעס־פאַבריק איז אַ צוויי קילאָמעטער. ווען מיר זענען אַרויסגעקומען פון אונדזער פאַבריק, האָט געזאָגט דער אַלטער מאַן צו אונדז: דאָס איז, ד. ה. פּאַמעלעך, לאַנגזאַם גיין.

ווען מיר זענען שוין אָנגעקומען צו דער גאַז־פאַבריק האָבן מיר דאָרט געטראָפן שטיין אַ רייע פון אַ 12 ביז 15 פּערזאָן פון אַנדערע פאַבריקן, וואָס האָבן געוואַרט אויך אויף דעם זעלבן.

ווען מיר האָבן שוין באַקומען אונדזערע ביטלעס גאַז און מיר זענען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, האָט דער אַלטער אַרבעטער אונדז געהייסן אַנידערזעצן זיך און אָפּרוען און דערביי צוגעגעבן, אַז ווען מיר וועלן צוריקקומען אין דער פאַבריק, זאָלן מיר זאָגן, אַז עס איז געווען אַ גאָר גרויסע רייע. מיר זענען צוריקגעקומען אַרום פינף אַ זייגער אין אָוונט, ווען אַלע אַרבעטער האָבן שוין לאַנג געהאַט געענדיקט זייער אַרבעט. מיר איז דאָס געווען זייער אומאָנגענעם, ערשטנס האָבן מיר אָפּגענאַרט דעם פאַבריקאַנט. און צווייטנס האָב איך געוואָלט זיין וואָס פריער אין דער היים. דאָס האָט זיך אַזוי איבערגעחזרט פון צוויי ביז דריי מאָל אין דער וואָך. ער האָט געוואָלט פאַרדינען אַ שעה מער און אויך אַ שעה נאָך דער אַרבעט, וואָס ווערט גערעכנט פאַר דאָפּלט.

אַ וואָך שפּעטער האָבן די ייִדן פון שאַרלערואַ באַקומען אויפפאָדערונגען זיך צוצושטעלן קיין מאַלין (מעכאַלין), אַ זאַמל־לאַגער פון וועלכן מען שיקט פון דאָרט נאָך „אָסטען“, אַזעלכע אויפפאָדערונגען האָבן באַקומען איינצלנע מיטגלידער פון די פאַמיליעס, אַמאָל אַ מאַן אַליין און אַמאָל

אַ פרוי אַליין, אָדער אַ יינגל, אַ מיידל און אַמאָל אויך אַ גאַנצע פאַמיליע. די מעלדונגען זענען געוואָרן געשיקט דורך די הענט פונעם אָרטיקן יודנ־ראַט, לויטן אויפטראָג פון די דייטשן.

איך האָב שוין עטלעכע מאָל דערמאָנט דעם יודנראַט, דאָס נייע באַ־שעפעניש, וואָס איז געבוירן געוואָרן. אומעטום ווו די דייטשן זענען אַריינ־געקומען, האָבן זיי אויפגעפאָדערט די יידן צו שאַפן אַ יודנראַט, וואָס דורך אים זאָלן זיי האָבן אַ פאַרבינדונג מיטן יידישן כלל. דאָס הייסט, אַז דער יודנראַט איז געווען אַן אויפגעצוווּנגענער.

איך ווייס נישט, ווי אַזוי עס איז געווען אין אַנדערע שטעט. איך וויל נאָר דערציילן דאָס, וואָס איך האָב געזען און פאַרשטאַנען דעם יודנראַט אין שארלערוא. און איך מיין, אַז דאָס איז געווען אויך גילטיק פאַר אַנדערע יידישע מקומות (אויסער אפשר אין אויסנאַמספאַלן). דאָ איז דער יודנראַט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן פון פאַרטייען ווי אויך פון מענטשן, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געהאַט קיין אויסזיכטן צו ווערן ווען עס איז אַ פאַרשטייער פון פאָלק. אין אָנהויב האָבן די, וואָס זענען אַריין אין יודנראַט זיכער געהאַט גוטע כוונות צו קענען העלפן זייערע ברידער און אפשר אויך אַמאָל צו קענען אָפּהאַלטן אַ גזירה... אָבער אין משך פון דער צייט, האָט דער איי־גענער עגאָיזם פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ.

איך קען נישט פאַרגעסן אַ פאַל, וועלכן איך האָב בייגעוווינט ווען דעם אָרטיקן שוחטס פרוי (וואָס איר מאַן האָט שוין דעמאָלט פיגורירט אַלס שמש אין דער שול און פונעם יודנראַט, ווייל די שחיטה איז דאָך געווען פאַר־באָטן) איז אַריינגעקומען מיט אַ געוויין צו איינעם פון יודנראַט זיך פרעגן אַן עצה, וואָס זאָל זי טאָן ?... מען האָט צוגעשיקט איר 16־יעריקע טאָכטער אַ צעטל צו פאָרן קיין מאַלין. אפשר נישט שיקן ? האָט זי געפרעגט, האָט דער מיטגליד פון יודנראַט אויף איר געשריגן און געזאָגט, אַז דאָס איז קודם כל נאָר אויף אַרבעט און אַז זי וועט זיך אויסלערנען אַרבעטן. און טאָמער וועט זי נישט שיקן איר טאָכטער, וועט מען איר מאַן אַנטזאָגן פון זיין פּאָסטן, דאָס הייסט, די גאַנצע פאַמיליע וועט בלייבן אָן שוץ. און ווען זי איז אַוועק פון דאָרטן, האָט ער צו אונדז (צו מיר און זיין פרוי) געזאָגט :

„אויב דער שמש פון יודנראַט זאָל אויך שוין נישט אויספירן זייערע פאַר־אָרדענונגען, טאָ צוּוואָס איז בכלל נויטיק דער יודנראַט״?

אַ ביסל שפּעטער האָט מען דעם יודנראַט געשטאַרקט דערמיט, וואָס אַלע מיטגלידער פונעם יודנראַט האָבן באַקומען אַזוי גערופענע אייזערנע פּעסער. מיט זיי האָבן זיי זיך געקענט, אַזוי צו זאָגן, פריי באַוועגן ביי די דייטשע מאַכט־פאַרשטייער. די אייזערנע פּעסער זענען געווען אַ שוץ קעגן דיסקרימינאַציעס, און דאָס איז געווען — לויט מיין מיינונג דער הויפּט־גורם, וואָס מענטשן האָבן זיך אַזוי געריסן צו זיין מיטגלידער אין יודנ־ראַט. און אַ פאַקט איז, אַז ביזן סוף ווען מען האָט געשיקט פון אַלע זייטן יידן קיין מאַלין האָט מען די מיטגלידער פונעם יודנראַט און זייערע פאַ־מיליעס (אויסער איינעמס אַ זון) נישט אַוועקגעשיקט.

אין די ערשטע צייטן האָבן די מיטגלידער פאַרענטפערט זייער בלייבן אין יודנראַט, און אפשר מיט רעכט, דערמיט, וואָס זיי קענען אַפּראַטעווען אַנדערע יידן פון די דייטשע הענט, אַפילו פאַרן פרייז פון די איינצלנע אומגליקלעכע מענטשן, אָדער גאַר משפחות, מיט דעם, וואָס זיי האָבן אויסגעפירט די דייטשע פאַראָרדענונגען, און אַזוי אַרום מיטגעאַרבעט מיט זיי. אָבער שפּעטער, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו שיקן אַלטע מענטשן אָדער יונגע קינדער און דערנאָך אין אַ שנעלן טעמפּאָ 2־3 מאָל אַ וואָך, און אויך צענדליקער משפחות מיט איינמאָל, דעמאָלט האָט יעדער געקענט פאַרשטיין, אַז דאָס איז נישט קיין שיקן סתם אויף אַרבעט, נאָר דאָס איז אויסן עפּעס אַ מין פאַרניכטונג. ווייל וויפל קענען, אויפן בעסטן אופן, צו־ריקקומען פון אַזאַ אַרבעט? דעמאָלט האָט אויפגעהערט דער מאָטיוו פון „ס׳קען זיין ערגער״. אפשר גאָר בעסער, ווען מען זאָל מיט זיי נישט מיט־אַרבעטן...

אגב לויטן יידישן דין איז באַרעכטיקט אַזאַ פאַל, אויב דער שונא קלייבט אויס אַ געוויסע פּערזאָן אַלס קרבן פאַרן גאַנצן יידישן ישוב און דער שונא באַשטימט אַליין דעם קרבן נאָמענטלעך — דעמאָלט דאַרף דער קרבן אויסגעליפערט ווערן. אַנדערש איז אָבער, ווען דער שונא הייסט סתם אַרויסגעבן — אַפילו איינעם פונעם גאַנצן יידישן ישוב, כדי צו קענען אַפּראַטעווען דעם גאַנצן יידישן ישוב, דעמאָלט דאַרף דער קרבן — באַין

אופן — נישט אויסגעליפערט ווערן, אַפּילו ווען דער גאַנצער ישוב וועט דורך דעם אומקומען.

דער מאָטיוו פון נישט אויסליפערן אין אַזאַ פאַל, — לויטן יידישן דין — איז באַזירט, לויט מיין מיינונג, קודם כל פון הומאַניטאַרן מאָראַלישן שטאַנדפונקט פון: „מה חזית דדמך סומק טפי מחברך״? (פאַרוואָס מיינסטו אַז דיין בלוט איז רויטער פון אַן אַנדערנס?).

אַ צווייטע סיבה פון נישט אויסליפערן מיין איך, איז דאָס נישט וועלן אַריינברענגען קיין דיסאַנאַנסן און רייסערייען צווישן יידישן פאָלק אַליין. וואָס עס קען זיין, אַז דאָס זענען טאַקע די כוונות און צילן פונעם שונא, וועלכער וויל אַזוי אַרום צעברעכן דאָס אחדות.

די דייטשע כוונות ביים שאַפן דעם יודנראַט האָבן אין זיך אַנטהאַלטן די פולפאַרביקייט פון אַ רעגנבויגן, וואָס אַלץ צוזאַמען (ביים רעגנבויגן) וויזט נאָר אויף רעגן. דער הויפּט־ציל זייערער איז געווען צו צעברעכן יידן גייסטיק און פיזיש, זיי צו פאַרניכטן.

דערביי האָבן זיי אויך געוואָלט באַווייזן דער וועלט און די יידן גופא, אַז זיי, די דייטשן, האָבן אַ קאָנטאַקט מיט יידן און מען דאַרף נישט דערי־בער אַזויפיל אַלאַרמירן צו דער וועלט און מאַכן גערואַלדן. און די וועלט דאַרף אויך זיך נישט אַזוי איבערנעמען פון דעם, וואָס די דייטשן טוען אָפּ, ווייל יידן אַליין אַרבעטן דאָך מיט זיי.

דער יודנראַט האָט אויך געדינט איינצושלעפערן די יידן גופא און אָפּ־טעמפן ביי זיי די חושים, ווייל וואָלטן די דייטשן גלייך אָנגעהויבן מיט זייער פאַרניכטונגס־אַקציע עפנטלעך אין אַ גרויסן פאַרנעם, וואָלטן אפשר דריי־פערטל אַנטלאָפן און פאַרשווונדן אין אונטערגרונט, אָדער אויף אַנ־דערע אופנים זיך געראַטעוועט.

אַחוץ די אַלע כוונות האָבן די דייטשן זיכער געהאַט נאָך אַ כוונה, און דאָס, אַז די יידן אַליין זאָלן זיך איינער דעם אַנדערן אויפפרעסן, סיי גייס־טיק און סיי פיזיש. דער יודנראַט האָט געדינט צו זייען שנאה, כעס און קללות צווישן יידישן ישוב, און דערמיט האָט ער אויסגעפירט די כוונה פון שטן.

דאָ דערמאָן איך זיך דעם באַרימטן גוט צוגעטראַכטן פּסוק: כל המחובר לטמא טמא, מעג דאָס אַפילו שטאַמען פון די איידלסטע און בעסטע כוונות. דאָס איז דער סוף, ווען מען באַהעפט זיך צו אומווירדיקע.

דאָ רייס איך איבער מיט מיינע זכרונות.

מאַי 1943, איך האָב פריער געהאַט דערציילט וועגן אַ יונגערמאַן, וואָס האָט מיר צוגעזאָגט צו פאַרבינדן מיך מיטן קאָמיטעט פון דער אונטער־גרונט־באַוועגונג, מיט אַ פּאָר טעג צוריק, לויט אַ געוויסן צייכן פון אַ ספּעציעל קלאַפּן אין דער טיר, וואָס איך האָב זיך געהאַט אָפּגערעדט מיט דעם יונגערמאַן, האָט זיך באַוויזן אין דער טיר איינער פונעם קאָמיטעט, און צו מיין גרויס איבעררַאשונג מיר געברענגט אַ פּראָדוקטן־קאַרטע פּאַר וועלכע איך קאָן אַ גאַנצן חודש קויפן פּראָדוקטן. אָבער צו מיין באַדויערן נישט געברענגט קיין געלט מיט וואָס צו קויפן די פּראָדוקטן אויף דער קאַרטע.

איך קער זיך אום צו מיינע זכרונות. איך דערמאָן זיך אין מיינע לעצטע טעג אין שאַרלערואַ. ס'איז שוין געווען באַלד סוף יולי פון 1942, איין מאָל, ווען איך בין געקומען אין דער פרי צו דער אַרבעט אין דער פאַבריק, האָב איך דאָרט געפונען אַ פאַראָרדענונג פון דער דייטשער מאַכט, אַז יידן טאָרן נישט אַרבעטן אין קיין שום אונטערנעמונג.

איך בין אַהיימגעגאַנגען און עס איבערגעגעבן מיין פרוי, וועלכע איז אינצווישן אויך געקומען צוזאַמען מיט מיין קינד וווינען אין שאַרלערואַ. מיר האָבן שוין געזען וואָס עס גייט דאָ געשען. מיר זענען אַריבערגעלאָפן צו דער משפּחה מאַי און דאָרטן געוואָר געוואָרן, אַז זיי און נאָך אַ משפּחה האָבן זיך שוין פאַרבונדן מיט אַ שמוגלער פון בריסעל, און מאָרגן פרי פאָרן זיי שוין אָפּ אין דער שווייץ.

דאָ וויל איך צוגעבן, וואָס איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, אַז זיי זענען אין דער שווייץ נישט אָנגעקומען. און אפשר יאָ אָנגעקומען אָבער צוריקגעשיקט געוואָרן. די שווייץ האָט אַלע יידן, וועלכע זענען צוגעקומען צו אירע גרענעצן, נישט אַריינגעלאָזט. אויסער די, וועלכע האָבן געהאַט

אויף פרעמדער ערד

מיט זיך קליינע קינדער. מען רעכנט די צאָל צוריקגעשיקטע יידן אַ סך טויזנטער, און די אַלע זענען אַריינגעפאַלן, אין די דייטשע הענט. און די, וועלכע האָבן יאָ געהאַט דאָס גליק דאָרט איבערצובלייבן, זענען אַלע גע־נומען געוואָרן אין די לאַגערן.

יאָ אָדער נישט צושטעלן זיך

דעם אַנדערן טאָג האָבן אַלע פּריש איינגעוואַנדערטע יידן אין שאַרלערואַ באַקומען צוגעשיקט אויפפאָדערונגען, אַז זיי זאָלן זיך מעלדן פריייוויליק אויף אַרבעט קיין פראַנקרייך. 8 אַ זייגער אין דער פרי האָבן זיי זיך געדאַרפט געפינען מיט זייערע אַרבעטס־קליידער ביי דער בורס־דע־טראַוואַי (אַרבעטס־בערזע). זיי זענען גענומען געוואָרן אַלס אַרבעטער דורך „טאָדט״, אַ פרידלעכע אָרגאַניזאַציע, וואָס פירט אויס ביי די דייטשן פאַרשידענע אַרבעטן. ס׳איז געוואָרן פייערלעך פאַרזיכערט, אַז די מענטשן וועלן באַהאַנדלט ווערן ווי אַרבעטער, וואָס דערפילן זייער פליכט, און אַז זייערע פאַמיליעס וועלן ווערן אָפּגעהיטן פון שיקאַנעס און דיסקרימינאַציעס און וועלן נישט ווערן אַוועקגעשיקט קיין „אָסטן״.

מיר האָבן געהאַט צוטרוי צו דער טאָדט־אָרגאַניזאַציע, ווייל מיליאָנען נישט־יידן אַרבעטן אין אירע אונטערנעמונגען.

מיין פרוי האָט געזאָגט, אַז אפשר איז בעסער נישט צוצושטעלן זיך. אָבער איך האָב געמיינט, אַז בעסער יאָ, ס׳איז בעסער צו זיין אין אָרדענונג מיט דער מאַכט.

די אָרטיקע יידישע קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן באַהאַלטן אירע מיטגלידער אין פאַרשידענע דערפער און אין די פאָרשטעט, ווו עס האָבן זיך געפונען די צענטערס פון דער שווער־אינדוסטריע. איך וויל דאָ באַמערקן, אַז צווישן אַלע יידישע גרופּעס, אויך די פונעם יודנראַט, זענען די קאָמוניסטן געווען די אַממייסטן אַקטיווע. זייענדיק געווינט מיט קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט האָבן זיי גלייך באַזאָרגט זייערע חברים מיט נייע וווינונגען.

אויך די פאַמיליע, וואָס האָט געהאַט מיר פאַרדונגען אַ שטוב, איז דעם זעלבן טאָג אַוועק אין אונטערגרונט. מיר האָבן צוזאַמענגענומען רוק־

זעק און וואַליזעס און וואָס איינער האָט נאָר געקענט, הויפּטזעכלעך עסנ־וואַרג און טאַבאַק, אַריינגעלייגט אין זיי, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז די ערשטע בראָך וועט זיין מיט די אויבנדערמאָנטע אַרטיקלען.

איך האָב גענומען דאָס געלט, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, און עס איינ־געטיילט אין דרייען: צוויי דריטל האָב איך איבערגעלאָזט פאַר מיין פאַ־מיליע און די רעשט האָב איך מיטגענומען, ווייל איך האָב גערעכנט טאָ־מער וועל איך מיר קענען עפּעס קויפן, ווען איך וועל זיין הונגעריק. און אפשר ווען עס וועט זיין שלעכט, קענען זיך פון זיי אַרויסדרייען.

אויך מיין דריט חלק האָב איך איינגעטיילט אין דריי חלקים. איין טייל העכער 10 טויזנט פראַנק אין איין פּעקל, העכער טויזנט פראַנק אין אַן אַנדערן פּעקל און אין דריטן פּעקל אַ געצוגנדיקע סומע פון ענגלישע פונטן.

די סיבה פאַרוואָס איך האָב אויסגעקליבן ענגלישע פונטן איז, ווייל זיי זענען זייער דין און לייכט צו באַהאַלטן, כאָטש פאַר האַלטן וואַלוטע האָט געדראָט טויט־שטראָף. איך האָב אויך אָבער געוווּסט, אַז עס איז נישטאָ קיין בעסערער שליסל, וואָס קען אויפמאַכן דאָס שווערסטע טויער ווי אויסלענדישע וואַלוטע. איך האָב אויך די וואַלוטע אויסגעטוישט אויף גרעסערע באַנקנאָטן און אין קליינע האַלבע פונטן, פאַר וועלכע מען קען אַ ברויט באַקומען און נישט דאַרפן אָנקומען צו קויפן דאָס ברויט מיט אַ גרעסערן באַנקנאָט.

אַזוי אַרום באַלאָדנט מיט פּעק און געלט פון אַלע סאָרטן, אָבער נאָך אַ גרעסערן באַגאַזש פון צרות, זענען מיר אַרויס פון שטוב. ווער ווייסט, האָט מיר געזאָגט אַן אינערלעך געפיל, צי מיר וועלן זיך נאָך ווען עס איז צוריק זען.

מיר זענען צוגעקומען צו דער אַרבעט־בערזע, באַגלייט דורך מיין פרוי, און דאָרט שוין אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסער גרופּע יידן און אויך דייטשע העכערע אָפיצירן. עס איז אַרויסגעקומען דער פאָרזיצער פון יודנ־ראַט. מיט אַ שווער געמיט און מיט טרערן אין די אויגן האָט ער פאַר אונדז געהאַלטן אַ רעדע, וואָס האָט אונדז געדאַרפט באַרויִקן. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר זאָלן גיין אַרבעטן, ווייל ס'איז קריגסצייט, און אַז עס וועט

אונדז גאַרנישט געשען, אויב מיר וועלן אַרבעטן. און דער עיקר, אַז די פאַמיליעס וועלן ווערן געשאַנעוועט. די רעדע האָט ער געהאַלטן אין דער דייטשער שפּראַך. באַלד דערנאָך האָבן מיר געדאַרפט אָפּגעבן אונדזערע אידענטיטעטס־קאַרטן.

אינטערעסאַנט, אַז ביז אָפּגעבן אונדזערע אידענטיטעטס־קאַרטן זענען מיר געווען פריי אָן אַ וואָך, אָבער גלייך נאָכן אַוועקגעבן די אידענטיטעטס־קאַרטן זענען מיר אַרומגערינגלט געוואָרן פון סאָלדאַטן מיט אויסגעשטעקטע באַגנעטן.

מיין פרוי איז מיר נאָכגעגאַנגען און געבעטן זיך ביי מיר, אַז איך זאָל זיך אַרויסדרייען פון די רייען. דאָס איז נאָך דערווייל געווען מעגלעך צו טאָן צוליב די געדיכטע מאַסן פון דער בעלגישער באַפעלקערונג, וואָס זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן ביי אונדזער דורכגאַנג. אָבער איך האָב נישט געוואָלט דערפון הערן. האָבנדיק פאַר די אויגן די גאַנצקייט פון דער משפחה, וועלכע זיי האָבן אַזוי פייערלעך צוגעזאָגט אָפּצוהיטן; אויסער דעם האָב איך נאָך אַלץ געגלייבט, אַז ס׳איז בעסער צו גיין מיטן גלייכן וועג און אויספירן זייערע באַפעלן.

איידער די באַן איז אָפּגעפאָרן האָט נאָך מיין פרוי באַוויזן זיך דורכצורייסן און געזעגענען זיך מיט מיר. נאָכן אַוועקגיין פון מיין פרוי האָבן זיך ביי מיר צוזאַמענגענומען אַלע מיינע ווייטיקן און פאַרביטערונג און איך האָב אויסגעבראָכן מיטאַמאָל מיט אַ הילכיק געוויין.

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, ווי איך ווייס, ווי איינער וואָס האָט אַ פאַרגעפיל, אַז איצט איז עס דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך זע זי...

מיינע חברים פונעם טראַנספּאָרט האָבן מיר פאַרגעוואָרפן, אַז כ׳דאַרף זיך שעמען דאָס צו טאָן. און מיט רעכט, ווייל איך האָב מיט מיין אַקט אַריינגעבראַכט אַ מאָראַלישע דערשיטערונג אין די רייען. אָבער איך האָב זיך לײדער נישט געקענט באַהערשן. דאָס געפיל האָט גובר געווען דעם געדאַנק, אַז איך רייס אויך ביי זיי אויף זייערע אייגענע באַהאַלטענע וווּנדן; און ווי עס זאָל נישט זיין מוזן מיר זיך האַלטן.

שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז נאָך דעם ווי מיר זענען אַוועק פרייוויליק אַרבעטן, האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט די גאַס רושעוואַן,

וואָס איז געווען כמעט באַוווּנט פון לויטער יידן און אַלעמען פון דאָרט אַרויסגענומען און אַוועקגעשיקט קיין מאַלין. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס אַזאַ דערשיינונג איז פאָרגעקומען אין שאַרלערואַ, און דערצו נאָך אין מיטן טאָג.

די באַן האָט אָנגעהויבן צו רירן פון אָרט, און מיט יעדן טריט ווייטער, האָב איך געפילט, ווי עס רייסן זיך פון מיר אָפּ שטיקער פון מיין האַרץ. איך האָב באַמערקט, אַז די באַן פאָרט אַוועק פון דער הויפּט־באַן ליניע אויף זייטיקע ליניעס, וועלכע פירן נאָר דורך דערפער און פעלדער; אפשר איז דאָס געווען נישט צו וועלן אַרויסרופן קיין רעש ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג. פון אָנהויב האָט מען זיך נאָך אַ ביסל געשעמט. מיר האָבן נישט געוווּסט, ווו מיר געפינען זיך.

דערווייל האָט די זון אָנגעהויבן פאַרלירן פון איר שאַרפקייט, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן די שקיעה החמה; די לופט האָט גע־שמעקט מיט אָפּגעשניטן היי און מיט דעם ריח פון מילך פון די בהמות, וואָס האָבן רויִק זיך געפּאַשעט אויף די לאָנקעס. ווי וואָלטן מיר געווען גליקלעך ווען דאָס איז איז בלויז אַן אויספלוגס־רייזע, האָב איך גע־טראַכט. די אַלע אָנגענומענע ריחות, ווי אויך די שיינע הערלעכע פּאַנאָראַמע איז צערונען און צעפלויגן שנעלער ווי זי איז געקומען, אַזוי ווי ביי אַ שווער קראַנקן, וואָס איז נישט מסוגל צו פאַרדייען די בעסטע שפּייזן אָדער געטראַנקען, אַזוי איז דאָס אויך געווען ביי מיר דערמאָנענדיק זיך ביי וועלכע אומשטענדן מיר פאָרן.

ווי עס ווייזט אויס, האָבן מיר זיך שוין דעמאָלט געפונען טיף אין פראַנקרייך. אויפן גאַנצן וועג האָט געהערשט אַ שטילקייט. מען האָט נישט געזען קיין מענטש אויף אַ רפואה. עפּעס אַ דריקנדיקע שטילקייט, וואָס האָט זיך שווער געלייגט אויף אונדזערע געמיטער; איינער פון דער חברה האָט פּרובירט זינגען, וועלנדיק אַזוי אַרום אויפמונטערן דעם עולם. (אַזוי ווי אין אַ פראָסט, ווען מען רייבט אַ האַנט אין דער אַנדערער). אָבער זיין גע־זאַנג איז אים גלייך געבליבן שטעקן אין האַלדז. די זון איז שוין געווען פאַרגאַנגען. עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן אָנרוקן די אָוונטשאָטנס, און

דער פּחד פאַר דעם אומבאַוווּסטן האָט געמאַכט די געהעריקע ווירקונג אויף אונדז...

די סאָלדאַטן פון דער „טאדט״־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן אונדז באַגלייט אויפן וועג זענען זיך דערוויל מיט אונדז באַגאַנגען מיט חסד; זיי האָבן זיך נישט געמישט אין אונדזערע אָנגעלעגנהייטן. דאָס איז אויך געווען אַ שטיקל טרייסט.

מיר זענען אָנגעקומען אויף אַ קליינער באַן־סטאַציע בערך אַ שעה ביז נאַכט. עס האָט דאָרט עפּעס געהערשט אַ מאָדנע דערדריקנדיקע שטיל־קייט. דאָס איז געווען די קריגס־זאָנע פון לאַמאַנש־קאַנאַל.

מיר האָבן דערהערט אַ באַפעל „אויסשטייגן״. דאָ זענען מיר גע־וואָרן אָפּגעוואָרט פון אַן אָפּטיילונג פעלד־זשאַנדאַרמען און סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געטראָגן אַחוץ געווער, עפּעס צווייגן... און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש צופוס.

מיר האָבן געמיינט, אַז מען וועט אונדז פאַנאַנדערטיילן צווישן די פויערים, ווען מיר וועלן אָנקומען אין נאָענטסטן דאָרף. באַלד זענען מיר צוגעקומען צו אַ דאָרף. עס האָט זיך דערהערט צווישן אונדז אַ שטילער געמורמל, און באַלד דערויף, ווען מיר זענען שוין צוגעקומען גאַנץ נאָענט צום דאָרף, האָבן מיר שוין דייטלעך באַמערקט ווי עס שטייען פרויען. זיי זענען נישט געווען אונדזערע פרויען, אָדער אונדזערע מוטערס, נאָר פרויען פון אַ פרעמד פאָלק. אָט די פרעמדע זענען געשטאַנען און געווישט זייערע אויגן מיט די עקן פון זייערע פאַרטוכער. זיי האָבן געוויינט אויפן גורל פון פרעמדע מענער.

דערוויל איז געוואָרן דער גאַנג אַלץ שווערער. מיר זענען שוין אַזוי געגאַנגען צופוס העכער אַ שעה מיט שווערע באַלאָדענע רוקזעק און אין די הענט וואַליזקעס, וואָס זענען געווען נאָך שווערער. נישט געגעסן אַ גאַנצן טאָג, אָבער גענוג זאַט און אָנגעפילט מיט צרות.

פּלוצים האָט אָנגעהויבן צו פאַלן איבער אונדזערע קעפּ צו ערשט אַ מבול פון קללות, און באַלד דערויף קלעפּ מיט צווייגן, און אַמאָל אויך מיט אַ קאָלבע פון אַ ביקס. זיי האָבן געוואָלט, אַז מיר זאָלן גיין מיט זייערע טריט. זיי, די דייטשן, גייען אָן געפּעק און גוט אָנגעגעסענע, און מיר הונגעריקע

און באַלאַדענע. מיר זענען שוין באַשטאַנען אויף דעם ערגסטן, אַבי דער מאַרש זאָל זיך שוין ענדיקן. —

ס׳איז שוין געווען גוט פינצטער; אַ טייל פון אונדז מיט שאַרפע אויגן האָט שוין באַמערקט פון דער ווייטנס שטעכל־דראָט, אַ סימן פון אַ קאָנ־צענטראַציע־לאַגער. זאָל שוין זיין, וואָס עס זאָל זיין, האָבן מיר געקלערט, אַבי מיר זאָלן כאָטש שוין קענען אַנידערפאַלן אויף דער ערד און האָבן אַביסעלע רו און קענען אָפּעטעמען.

ענדלעך האָט זיך אויפגעעפנט אַ ברייט אייזערן טויער און דער אויפזעער, וואָס האָט אונדז איבערגענומען, האָט זיך פאַר אונדז פאַרענט־פערט — מיט אַ דייטשער העפלעכקייט — אַז ער האָט ליידער נישט גע־ווּסט פון אונדזער קומען, און אַפילו נישט צוגעגרייט קיין געצעלטן אויף איבערצונעכטיקן. און מיר אַלע, איבער 600 פּערזאָן, מוזן אַריינגיין די נאַכט איבערנעכטיקן אין איין גרויסן געצעלט, אָבער דאָך אַ געצעלט, וואָס קען אַפילו די העלפט פון אונדז נישט אויפנעמען. אויך האָט ער נישט פאַרגעסן ביים אַוועקגיין אונדז אָנצוזאָגן, אַז ביינאַכט זאָל קיינער נישט וואַגן צו דערווייטערן זיך פונעם געצעלט מער ווי ביז 3־4 מעטער, ווייל אַרום און אַרום איז מינירט.

מיר זענען דערווייל אַנידערגעפאַלן אויף דער הוילער ערד די ער־שטע און דערנאָך איינער אויפן צווייטן, מיד און דערשעפט אזוי ווי גע־הרגעטע.

אין לאַגער

מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט אויף צומאָרגנס אין דער פרי, זיך אומ־געקוקט ווו מיר זענען. מיר האָבן געזען אַ ריזן־שטח, וואָס דאָס אויג קען עס קוים אַרומנעמען, אַרומגעצוימט מיט שטעכל־דראָט; אין דערמיט פֿור־נעם שטעכלדראָט־פֿאַרצוימונג אַ גרויס אייזערן טויער, אויבן אַ וואַך־טורעם, דערינען סאָלדאַטן. אויפֿן שטח אַ גרויסע צאָל באַראַקן, צווישן זיי אַ געוויסע צאָל שיינע באַראַקן, און זייער אַ גרויסע צאָל לאַנגע גע־צעלטן. פֿון דערווייטנס האָבן מיר אויך באַמערקט אַ גרעסערע צאָל מענטשן, וואָס זעען אויס מער ענלעך צו שקעלעטן, אָדער באַוועגלעכע שאָטנס, וואָס האַלטן אין די הענט, אָדער אויף די אַקסלען, רידלעס, פּיאַשן און אַנדערע אַרבעטס־כלים.

מיר האָבן געקלערט ווער קען עס זיין די גרופּע? ביז מיר האָבן דערקענט איינעם פֿון זיי, ער איז דער שמש פֿון בעלזער שטיבל אין אַנטווערפּן, דאָס הייסט, אַז אין דער גרופּע זענען פֿאַראַן אַנטווערפּענער יידן, וועלכע זענען געקומען אַהער מיט אַזאַ קורצער צייט צוריק און זעען שוין אַזוי אויס? —

ביי אַ סך פֿון זיי זענען געווען באַנדאַזשירט הענט, פֿיס און אַנדערע איברים. זיי האָבן צו אונדז אַריבערגעוווּנקען און געגעבן צייכנס, וועלכע דאַרפֿן באַווייזן, אַז עס איז נישטאָ קיין עסן... זיי זענען אַזוי פֿאַרענ־דערט געווען, אַז מיר, אַנטווערפּענער, האָבן זיי שוין נישט געקענט דער־קענען.

מען האָט אונדז געהייסן אויסשטעלן זיך אין אַ רייע, און צו אונדז געזאָגט, אַז היינט וועלן מיר נישט גיין צו דער אַרבעט, ווייל מיר זענען מיד פֿון וועג... און דעריבער האָבן מיר אויך נישט באַקומען קיין עסן און טרינקען. ווייל ווער ס'אַרבעט נישט האָט דאָך באַשטימט נישט קיין

רעכט אויף עסן. מען האָט אונדז געהייסן דערווייל אַוועקלייגן אונדזער געפּעק אין אַ זייט, און וואַרטן אַ ביסל ביז דער אויבערשטורמפירער פון דער ס. ס. וועט אַרויסקומען אונדז צו באַגריסן...

עס איז אַרויסגעקומען אַ הויכער בלאָנדער אָפיציר מיט אַ שטעקן אין דער האַנט. ער האָט אָנגעהויבן זיין באַגריסונג „איר יודן־באַנדע, אינטערנאַציאָנאַלע פאַרברעכער, איר פאַראורזאַכט אַלע קריגן. איר די מיטהעלפערס פון אל קאַפּאָנע באַנדעס. איר זענט איצט אין אונדזערע הענט; איר וואַרט, אַז די טאָמעס (ענגלענדער) זאָלן אַהער קומען", האָט ער אויסגעשריגן מיט צאָרן, „ווען זיי וועלן אַהער קומען, וועלן זיי קומען איבער אייערע טויטע קערפּערס, ווייל מיר שיקן אייך אַרבעטן צום ים ברעג, קעגנאיבער ענגלאַנד. איר גנבים (האָט ער געזאָגט אין יידיש), וועט זיך שוין מער פון אונדזערע הענט נישט אַרויסדרייען". אַזוי האָט ער אונדז געזידלט העכער אַ שעה.

באַלד דערנאָך האָט ער געגעבן אַ באַפעל זיך אויסצוציען אויף דער ערד אַלע גלייכמעסיק. און ער מיט נאָך עטלעכע פון זיי זענען דורכגעגאַנגען און געמאָסטן. יענער קאָפּ, וואָס איז געווען אַרויסגערוקט מיט אַ סענטימעטער ווי דער אַנדערער, האָט באַקומען קלעפּ. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס „עקזערצירונג", דאָס הייסט, רוקן זיך אויף די בייכער גלייכמעסיק אָן דער הילף פון די הענט. און דערביי איז געפאַלן אָן אַ צאָל קלעפּ אויף אונדזערע קעפּ. ווען ער איז געוואָרן מיד און הייזעריק פון זיין צעיושעטן שרייען, האָט ער גענומען אַ פייפל אין מויל. ביי יעדן פייף האָבן מיר זיך געמוזט רוקן גלייך, אַמאָל פּאַמעלעך און אַמאָל שנעל, אַלץ לויטן פייפן.

אין אונדזער גרופּע האָט זיך געפונען אַן עלטערער ייד, וואָס האָט אָנגעהויבן צו ווערן היסטעריש־שטעליק. מען האָט אים אָנגעהויבן צו שלאָגן אַכזריותדיק. דער מאַן האָט פון זיך אָפּגעריסן זיינע מלבושים און אויפגעדעקט זיין לייב, אָנגעוויזן אויף זיין שווערער אָפּעראַציע, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט און געזאָגט, אַז ערשט מיט דריי טעג צוריק איז ער אַרויס פון שפּיטאָל. אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן און זיי האָבן נישט אויפגעהערט אים צו שלאָגן. ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו שרייען: איר מער־

דער־באַנדע, דערשיסן זי מיך. זיי האָבן אים אָוועקגענומען פון דעם פּלאַץ, וואָס עס איז מיט אים געוואָרן ווייס איך נישט, ווייל אינצווישן האָבן מיר געהאַט מיט זיך צו טאָן.

די עקזערצירונג האָט דערווייל נאָך נישט געהאַט אויפגעהערט. מיר האָבן געפילט, אַז נאָך אַ מינוט, נאָך אַ מינוט, און מיר וועלן ענדיקן מיטן לעבן. צום גליק האָט די עקזערצירונג אויפגעהערט און עס איז געקומען אַ באַפעל יעדער זאָל נעמען זיין געפּעק און אַריינגיין אין אַ דערבייאיקן באַראַק צו מעלדן זיך. איינציקווייז האָבן מיר געדאַרפט אַריינקומען אינעם באַראַק. איינער פון די ס. ס.־לייט אין באַראַק האָט אונדז באַפוילן צוצוגיין צו אַ טיש און דאָרטן אויפן טיש אַרויפלייגן דאָס געלט, וואָס מיר האָבן ביי זיך. און ווער ס׳וועט נישט אַרויסגעבן אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, דערוואַרט אים אַ שווערע שטראָף.

איך, זייענדיק צעמישט פון דעם אַלעם, און פאַרמאַטערט ביז טויט, שוין זייענדיק גלייכגילטיק צו אַלעם, וואָס עס זאָל געשען, האָב איך פאַרלוירן מיינע חושים, און אַנשטאָט אַרויסצונעמען דאָס קליינע בינטל געלט, האָב איך אַרויסגענומען דאָס גרויסע פּעקל, העכער 10 טויזנט פראַנק. נאָך אַ גליק, וואָס די ענגלישע פונטן האָב איך געהאַט באַהאַלטן אין דאַשעק פון היטל. אַנדערש ווער ווייסט צי איך וואָלט אין מיין צעמישונג נישט געווען אויך דאָס זיי אָפּגעגעבן.

ביי אַ צווייטן טיש האָט מען אָנגעהויבן בודק זיין דאָס געפּעק, קודם כל דאָס גאַנצע עסנוואַרג און דעם טאַבאַק צוגענומען. דעסגלייכן גוטע העמדער, קאָסטיומען, גוטע שיך און זאָקן. געענדיקט ביי די צוויי טישן, בין איך צוגעגאַנגען צו אַ דריטן טיש. דאָרטן איז שוין געזעסן אַ ייד פון די פריערדיקע געפאַנגענע און מיר געגעבן אַ נומער. אַזוי זענען מיר אַריין איינער נאָכן צווייטן.

די אַרויסגעקומענע האָבן געמוזט גיין אין אַן אַנדער ריכטונג, כדי מען זאָל זיך נישט קענען פאַרשטענדיקן איינער מיטן אַנדערן. דאָס איז טאַקע געווען דער צוועק, וואָס ביים אָנקומען האָט מען אונדז געזאָגט, אַז דער שטח אַרום אונדז איז מינירט, כדי דורך דעם אויסצומיידן, אַז מיר זאָלן זיך נישט פאַרשטענדיקן מיט די פון פריער אָהער געקומענע גע־

פאַנגענע און פון זיי זיך דערוויסן דעם אמת. און איך מיין, אַז דער צוועק פון ערשטן קבלת פּנים, וואָס זיי האָבן צוגעגרייט פאַר אונדז, און די דרשה פונעם ס. ס. אָפיציר, און שפּעטער די עקזערצירונג און קלעפּ — פון איין זייט פּשוט ווי צו טאָן און פון דער צווייטער זייט אונדז צו צעמישן און אונדז דערנידעריקן, אָפּטעמפּן ביי אונדז יעדן ווידערשטאַנד און עווענטועלע קעגנערשאַפט, אַז מיר זאָלן שוין שפּעטער זיין גלייכגילטיק צו אַלעמען, וואָס זאָל נאָר נישט מיט אונדז געשען.

נאָכן אָפּטאָן די אַזוי „קולטורעלע" אַרבעט, האָבן מיר זיך שוין גע־קענט דערווייל פריי באַוועגן איבערן שטח. מיר זענען געוואָר געוואָרן, אַז דער לאַגער הייסט דאַן־קאַמען, לעבן בולאָן, און איז נאָך איינער פון די בעסטע פון די אַלע לאַגערן, וועלכע געפינען זיך אַרום אונדז אין אַ גרע־סערער צאָל. איך האָב געטראַכט, אַז ביז איצט ווייס איך שוין, און די רעשט וועל איך זען שפּעטער. דערווייל נעם איך טראַכטן, אַז מיר יידן זענען ביז איצט באַגאַנגען אַ פאַטאַלן טעות און אַ קאַרדינאַלן פעלער,ביים אָפּשאַצן אָדער איבערשאַצן דאָס דייטשע פאָלק, וואָס האָט געשפּייזט אַ וועלט מיט קינסטלער, פילאָזאָפן און מאָראַל־פּרעדיקער.

כאָטש דאָס יידישע פאָלק האָט אין זיין גלות־געשיכטע געהאַט פון די דייטשן די ביטערסטע דערפאַרונגען ווי פון די, וואָס האָבן די ערשטע פון די אייראָפּעאישע פעלקער פאַרגאָסן יידיש בלוט, האָבן מיר געמיינט, אַז היינט, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, איז דאָס אוממעגלעך און אַז די אַלע גיפטיקע רעדעס און בראָשורן וועלן נאָר בלייבן, אָדער אין די מויי־לער, אָדער בלויז אויפן פּאַפּיר. אַפילו אין ערגסטן פאַל, דאָס הייסט, ווען די נאַציס וועלן יאָ חלילה קומען צו דער מאַכט. מיר האָבן פאַרגעסן, אַז דער בער נאָך דער בעסטער דרעסירונג, ציט אים תמיד צוריק אין וואַלד אַריין...

אָבער איין זאַך האָט אונדז נישט געקענט איינפאַלן, אַפילו אין די ערגסטע געדאַנקען איבער די דייטשן, אַז זיי זענען געוואָרן ליגנערס. נישט עפּעס איינצלנע, פונעם פּשוטן המון, נאָר אַלע: די אינטעליגענץ, העכערע באַאַמטע און אָפיצירן.

דאָס דייטשע פאָלק איז געווען דערצויגן נישט צו זאָגן קיין ליגן.

יעדעס קינד האָט איינגעצויגן צוזאַמען מיט דער מוטערס מילך די ווער־טער „זאָג אימער די וואַרהייט" און ווער עס זאָגט ליגן, דער גנבעט, צינדט אונטער הייזער, שלאָגט מענטשן צום טויט. איצט איז זייער גאַנצע חכמה באַשטאַנען, וואָס זיי נאַרן אַריין מענטשן אין זייערע נעצן און יידן האָבן נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז זיי זאָלן פעיִק זיין צו זאָגן ליגן. און דעריבער זענען פיל יידן אַריינגעפאַלן אין זייערע מערדערישע הענט.

איך געפין פאַר נויטיק איבערצורייסן מיינע זכרונות און עפּעס וואָס דערציילן.

יוני 1943. מיין מאַרקאָ איז מיט אַ פּאָר טעג צוריק געקומען פון דער גאַס, מלא שמחה, די אויגן האָבן ביי אים געגלאַנצט פון פרייד, און מיר געקלאַפּט אויף די פּלייצעס. „הער!" — האָט ער צו מיר געזאָגט — „מיר וועלן פון זיי באַלד פּטור ווערן. מען דערציילט וועגן נצחונות פון די אַליאירטע אויף אַלע פראָנטן, אויפן איטאַליענישן פראָנט, אויפן אַפרי־קאַנישן פראָנט, עפּעס אַ גרויסע פעסטונג אין טוניס האָבן די אַליאירטע גענומען (געמיינט ביזערטאָ). אויפן רוסישן פראָנט — האָט ער מיר דער־ציילט מיט גרויס התלהבות — דאָרט ווערן זיי אינגאַנצן צעבראָכן".

איך בין אויך אַ טיילווייזער שותף צו דער שמחה, אָבער ווייט נישט אַזוי ווי ער, ווייל איך ווייס, אַז, ערשטנס, איז זייער ענדגילטיקער סוף נאָך נישט אַזוי נאָענט ווי ער מיינט; צווייטנס, לויט ווי איך האָב אַרויס־געהערט פון מאַרקאָס רייד, וועט ער נישט זיין און וועט נישט האָבן דאָס, וואָס ער מיינט צו זיין און צו האָבן, ווען די אַליאירטע וועלן אַהער־קומען.

מאַרקאָ, אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט באמת פיינט די דייטשן, מיינט ער אויך צו ווערן אַ העלד, דערמיט וואָס ער האָט אויסבאַהאַלטן אַ ייד, און אפשר אויך באַקומען געלט דערפאַר.

נישט קיין וווּנדער, די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע איז אַזוי שטאַרק קעגן יידן, אַז זיי מאַכן פון רוזוועלטן (דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט) — ראָ־זנפעלד, און זיין פרוי, הייסט ביי זיי — שרה. און טשערטשיל אַליין שטאַמט פון יידן, און זיינע יועצים זענען בלויז יידן.

איך פיל אויך, אַז דערביי ווער איך דערהויבן אין די אויגן פון מאַרקאָן, ווייל צום צווייטן מאָל האָט ער מיר געשטעלט די קלאָץ־קשיא: „פאַרוואָס טאַקע האָבן אַלע פעלקער אַזוי פיינט די יידן? אמת, מיר, יוגאָסלאַוון האָבן פיינט די בולגאַרן און זיי אויך אונדז. אויך די פּאָלאַקן האָבן מיר פיינט און אונדז אַלעמען האָבן פיינט די בעלגיער, ווייל מיר זענען עטראַנזשעס. אָבער די יידן האָבן דאָך אַלע שטאַרק פיינט?".

היינט צו טאָג געפינען חן אין די אויגן פון מאַרקאָ, הייסט ביי מיר אַ לעבנס־געווין, ווייל אַ חוץ אַלע צרות, פון שאַפן עסן אָדער ווערן געכאַפּט דורך די דייטשן — באַשטייט די ערשטע געפאַר, אַז מאַרקאָן זאָל איך ווען עס איז דערעסן ווערן אַלס ייד... דער סאָרט פּראָפּאַגאַנדע איז אויך פאַר די דייטשן אַ בומעראַנג, וואָס אַ סך נישט־יידן קלערן טאַקע אפשר איז עס אמת.

דריטנס, קען איך מיך נישט צופיל פרייען, ווייל יעדע מינוט קען געשען, אַז מען זאָל אַריינקומען און מיך צונעמען. לויט ווי מאַרקאָ האָט מיר איבערגעגעבן, האָט זיך געמערקט דאָס, וואָס פיל בעלגיער זענען צוגעשטאַנען צו די דייטשן, און סתם מוסרים, וועלכע גיבן אויס יידן, וואָס זענען באַהאַלטן. דער רעזולטאַט פון דעם איז, אַז יעדן טאָג הערט מען פון פאַרשידענע ערטער, ווו מען האָט יידן געכאַפּט. מאַרקאָ זאָגט פשוט, אין זיין שפּראַך, אַז דאָס זענען נאַראַנים, איך אַליין קען דאָס אויך נישט באַגרייפן, נאָר גיי דערגרונטעווע מענטשלעכע געדאַנקען. ווען יעדער בלינדער קען שוין זען, אַז זייער מפּלה איז אַ זיכערע אָן יעדן ספק — קומען מענטשן נאָך היינט, אַפילו פאַר געלט, און שטייען צו צו זיי.

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז הויך טו איך מאַרקאָן אונטערהאַלטן אין דעם, אַז די באַפרייונג פון בעלגיע איז נאָענט, ווייל איך וויל כאָטש זיין זיכער מיט איין פּראָנט, דעם פּראָנט פון מאַרקאָ.

איך קער זיך צוריק צו מיינע זכרונות.

אויגוסט 1942, דעם ערשטן טאָג פון אונדזער אָנקומען אינעם לאַגער, האָבן מיר נאָך נישט געאַרבעט און האָבן געהאַט צייט אומצוקוקן זיך אין אונדזער נייער „היים". אויף די ווענט פון די באַראַקן זענען

צווישן אַנדערע קאַריקאַטורן אויפגעקלעפּט צוויי, וועלכע שטעלן פאָר אַל־קאַפּאָנען און זיין באַנדע. עס איז אונטערגעשריבן, אַז דאָס זענען יידן.

אין אַ געוויסן פּונקט פונעם לאַגער אין דרויסן געפינען זיך אַכט וואַש־באַסיינען, צו פיר פון ביידע זייטן, צום וואַשן זיך, ווי אויך צו וואַשן וועש. אַלץ צוזאַמען פאַר 16 פּערזאָן. דעריבער איז דאָרט שטענ־דיק אַ געוואַלטיקע רייע; ווער ס'האָט מזל קען זיך אַמאָל אַהין דערשלאָגן.

אינעם לאַגער האָבן זיך געפונען צו יענער צייט, ווען איך בין דאָרט געווען, העכער טויזנט מענטשן.

אין באַראַק דינט אַלס אַפּטייק, דאָרט איז דאָ אַ „ברודער", אַ ייד וואָס גיט אַרויס די מעדיצינען, וואָס באַשטייען פון וואַלעריאַן־טראָפּן, באַנדאַזשן, אַספּירין און זאַלבן צו פּאַראַייטערטע פיס, אָדער אַנדערע טיילן פונעם קערפּער. אויב איינער דערלעבט שוין צוצוקומען צו זיין רייע נאָך דעם, ווי ער האָט אָפּגעוואַרט אַ צוויי שעה, ווערט ער געוואָר, אַז דאָס אַרטיקל, וואָס ער באַדאַרף פעלט גראָד אויס, און ער בעט כאָטש דערווייל אַן אַנדער רפואה, אָבער אויך די אַנדערע רפואה האָט אויך צום סוף אויסגעפעלט, ווייזט זיך אויס, אַז ס'האָט בכלל נישט געהאַט קיין צוועק צו וואַרטן.

טראָץ דעם זעט מען דאָרט שטיין אַ ריי פון הונדערטער מענטשן, פאַרצווייפלטע, אומגליקלעכע, וואָס האָפן אפשר וועלן זיי האָבן דאָס מאָל מזל יאָ עפּעס צו באַקומען פון די מעדיצינען, וואָס זיי מוזן עס אומבאַ־דינגט האָבן.

דאָס קלאָזעט (וואָס מען רופט דאָ לאַטערינע), איז זייער אַ לאַנגער, באַשטייט פון אַ לאַנגן טיפן גרוב, וואָס איבער אים געפינען זיך צוויי ברעטער, איינער רעכטס און איינער לינקס, ביי דער קלענסטער אומ־פאָרזיכטיקייט קאָן מען אַריינפאַלן און דערטרינקען ווערן. דאָרט שטייען שטענדיק הונדערטער, וואָס וואַרטן אויף זייער רייע צו קענען אַריינגיין. פון די „גוטע מאכלים" האָבן זיי שטענדיק צו טאָן מיטן מאָגן, אַלע ליידן אויף שלשול. ווען איינער קומט שוין פון דאָרט אַרויס איז ער גליקלעך, אַז ער איז נישט פאַרסמט געוואָרן.

עס איז אויך פאַראַן אַ קיך, דער קוכער איז אַ ייִד פון צווישן די צוואַנגס־אַרבעטער. דאָ, ביי דער קיך, קומען אָפט פאָר סכסוכים: דעם האָט דער קוכער געגעבן אַ גרעסערע אָדער אַ געדיכטערע פּאָרציע און איינעם האָט ער געגעבן בלויז וואַסער. פאַראַן עטלעכע באַראַקן פאַר קראַנקע, אינעווייניק זע איך נישט קיינעם.

אין איינעם אַ גרעסערן באַראַק, אין אַ ווינקל, אַרבעט אַ שוסטער, אַ ייִד, אַן עלטערער מענטש, געבוירן אין דייטשלאַנד. ער אַרבעט בלויז פאַר די איבער־מענטשן; פאַר די געפאַנגענע איז שטרענג פאַרבאָטן. די ייִדן פון לאַגער האָבן צו דעם שוסטער נישט קיין צוטרוי. זיי מייִדן אים אויס ווי ווייט זיי קענען. צווישן זיך שמועסט מען, אַז ער זאָל זיין געשיקט דורך די דייטשן, אַלס געהיימער אויפזעער; אויך דינט דער זעלבער באַראַק פאַר די ייִדישע גרופּן־פירער, וואָס זייער יחוס באַשטייט אין דעם, וואָס זייערע פרויען זענען קריסטינס פון דייטשלאַנד.

אויך דער „ברודער" איך מיין אונדזער סאַניטאַר, וווינט דאָרט. זיין לערע האָט ער געשעפּט פון דעם, וואָס ער איז אַמאָל געווען אַן אַגענט פון פאַרמאַצעווטישע סחורות.

דער זעלבער סאַניטאַר מיטן נאָמען אַלטער, האָט ביי אונדזער ערשטן אָנקום אין לאַגער און ביים ערשטן רויב, אונדז אויסגעטיילט די נומערן. מיט דעם סאַניטאַר באַנוצן זיך די דייטשן צו אַ סך צוועקן. ער דינט פאַר זיי אַלס קאָרעק, מיט אים פאַרשטאָפּט מען פאַרשידענע לעכער. ער זעט אויס צו זיין זייער פעיִק, קלוג און גענוג אינטעליגענט.

ער האָט טאַקע, ווען ס'איז אַמאָל געווען צייט אַ פּאָר מינוט, פאַר אונדז געהאַלטן אַ רעפעראַט אין וועלכן ער האָט אונדז גערופן, מיר זאָלן זיך האַלטן — ווי ווייט מעגלעך — ריין און זיך וואַשן, דער עיקר די פיס, ווייל דאָס גיט די איינציקע מעגלעכקייט ביי די אומשטענדן, זיך צו קענען ווי עס איז דערהאַלטן. ער האָט אונדז געברענגט באַווייזן פון דער תורה, פון דער צייט, ווען ייִדן זענען געווען אין דער מדבר, די ערשטע געבאָטן זענען דעמאָלט געווען צו האַלטן זיך ריין. ריינקייט גיט כוח דעם קערפּער. אי־בערהויפּט דאַרף מען אָפּהיטן די מידע פיס, כדי צו קענען ציען ווייטער דאָס מיזערנע לעבן.

אַ פּאָר באַראַקן זענען געווען באַשטימט פאַר פּראָוויאַנטן; אַנדערע באַראַקן פאַר די סאָלדאַטן — אונדזערע שומרים — און פאַר ס. ס.־מאַנ־שאַפטן. און גאָר אַ שיינער באַראַק — אַ לוקסוס־באַראַק — פאַרן העכסטן אויבער־מענטש, דער קאָמענדאַנט פונעם לאַגער, וועלכער פלעגט תמיד זיין שיכור און פאַרשלאָפן פון די נאַכט־אָרגיעס מיט פראַנצויזישע פרויען.

די זופּ, וואָס מען האָט באַקומען יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט איז באַ־שטאַנען פון קאַרטאָפל געמישט מיט פאַרשידענע סוראָגאַטן. די קאַרטאָפל זענען געווען פאַרפוילט און שוואַרץ, זייער געשמאַק האָט מען געפילט פון דערווייטנס, איידער מען האָט נאָך גענומען דעם לעפל אין מויל אריין.

אין דער פרי האָט מען געגעבן עפּעס אַזאַ שוואַרץ ביטער שמוציק וואַסער. גערופן האָבן זיי עס קאַווע און אַ שטיקל ברויט פון 125 גראַם, דאָס האָט געדאַרפן זיין גענוג איבערן גאַנצן טאָג. ווער ס'האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און נעבעך געווען אַ פרעסער, האָט ער עס באַלד איינ־געשלונגען, צוזאַמען מיט דער אַזוי גערופענער קאַווע. אַנדערע האָבן זיך באַגנוגנט דערווייל מיט אַ שטיקל דערפון, און די רעשט איבערגעלאָזן אויף אויף שפּעטער, קענטיק געהאַלטן פון דעם מאָטיוו: „אין דומה למי שיש לו פּת בסלו, למי שאין לו פּת בסלו. (עס איז נישט גלייך דער הונגעריקער, ווען ער האָט ביי זיך עפּעס צו עסן, צום הונגעריקן, וועלכער פאַרמאָגט שוין גאָרנישט ביי זיך צו עסן).

מיר האָבן אויך באַקומען איינמאָל אין דער וואָך אַ צולאָג — אַ לעפל קאָנפיטור און אַ האַלבן לעפל מאַרגאַרין.

אין אָוונט האָבן מיר באַקומען אַ געצעלט צום שלאָפן. צוזאַמען מיט 175 פּערזאָן אויף ברעטער באַדעקט מיט ביסלעך שטרוי.

דאָס געצעלט איז געווען איינגעטיילט אין דריי גאָרנס: אונטן, אינ־מיטן און גאַנץ אויבן, אונטערן דאַך. אַמבעסטן האָבן געהאַט די אויבער־שטע, וועלכע האָבן נישט אַזויפיל געליטן פונעם געשטאַנק און שווייס, און פון צעריבענעם שטרוי, וואָס האָט זיך שטענדיק געפונען אין די העלדזער, און אין אַנדערע טיילן פונעם קערפּער.

מיר האָבן שוין פון מאָרגן אין דער פרי געדאַרפט גיין צו דער אַרבעט. יעדער איז געשלאָפן האַלב אויסגעטאָן. ערשטנס כדי די אַנדערע העלפט פון

די מלבושים צו קענען אונטערלייגן זיך אונטערן קאָפּ, און אויך צוליב דעם, ווייל ביים וועקן אינדערפרי צו דער אַרבעט, ווען עס איז נאָך פינצ־טער, זאָל יעדער קענען כאַפּן זיינע זאַכן און זיך שנעל אָנטאָן. ווייל נאָכן רוף צו דער אַרבעט, בלייבט בלויז איבער דריי מינוט, צו שטיין אָן אָנגעטועטער אין דרויסן. ווי איז צו דעם, וועלכן מען האָט געכאַפּט נאָך דריי מינוט נאָך זייענדיק אין געצעלט. די דייטשן האַלטן פון אָרדענונג.

4 אַזייגער פאַרטאָג, עס האָט זיך דערהערט די הייזעריקע ביר־שטימע פונעם וואַך־סאָלדאַט: „אויפשטיין״. אַ בהלה און צעטומלעניש; עס איז נאָך געווען טיף פינצטער אין דרויסן, און כל שכן אין באַראַק. יעדער האָט באַוויזן קוים צו כאַפּן זיין אָנטועכץ און אַרויסלויפן אומאָנגעטאָנער־הייט, אַזוי איז מען געלאָפן אין דרויסן מיט פאַרשלאָפענע אויגן צו דער קיך נאָך אַ קאַווע, ווו יעדער האָט באַקומען אַ לעפל פון דעם ביטערן שמוץ און דאָס שטיקל ברויט.

איך האָב געזען, מען לויפט ווייטער, וווהין? מען לויפט זיך שטעלן אין דער רייע צו גיין צו דער אַרבעט.

דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן די דייטשע אָרדענונג. אַנשטאָט צו שיקן די אַרבעטער צו דער אַרבעט, לויט די גרופּן, ווי זיי זענען געשלאָפן, זענען זיי געשיקט געוואָרן לויט די גרופּן, מיט וועלכע זיי זענען אָנגעקומען, ווען אין יעדן באַראַק זענען געשלאָפן מענטשן פון פאַרשידענע גרופּן, פון פאַר־שידענע שטעט, וועלכע זענען געהאַט אָנגעקומען אין פאַרשידענע צייטן.

דער כאַאָס, וואָס האָט זיך געטאָן אויפן שטח בעת יעדער האָט געמוזט אָפּזוכן זיין גרופּע, מיט וועלכער ער איז געקומען, דאָס סאַפּען און לויפן פון יעדן איינעם אין דער פינצטער; די בהלה און פחד פון אַלע צוזאַמען, ביז מען האָט שוין באַוויזן צוזאַמענצושטעלן זיך אין איין גרופּע, קען זיך פאַרשטעלן נאָר דער יעניקער, וועלכער האָט עס אַליין מיטגעמאַכט. ווייל אָט אָט קומט אַרויס אַן ס. ס.־מאַן צו זען אויב די גרופּן זענען שוין צוזאַמענ־געשטעלט. און אויב מען כאַפּט אימיצן בעת ער בלאָנקעט זיך נאָך אַרום, און זוכט זיין גרופּע, אָדער ער שטייט נאָך נישט אין דער ריי, קען ער אַלס ערשטע פרעמיע באַקומען אַ פּאָרציע שלעק, און אפשר נאָך עפּעס.

אַלטער קליימאַן

זיי זענען פּעקע מענטשן, זיי זענען שוין אויף אַלץ פּעקע. ווען איך זיץ איצט אין דעם האַלב־פינצטערן קעלער פון מאַרקאַן, טראַכט איך, אַז די אומאָרדענונג, וואָס איך האָב דעמאָלט געטראָפן בעתן צוזאַמענשטעלן די גרופּן צו גיין צו דער אַרבעט, איז געווען נישט קיין אויסדרוק פון אַ וועלכן טעות פון זייער זייט, נאָר אויך אַן אויסדרוק פון אַ כוונה, וואָס מער צו צעברעכן פיזיש און גייסטיק די יידן.

גאָט צו דאַנקען, מיר זענען שוין אויסגעשטעלט אין דער רייע, מיר זענען געשטאַנען מידע און צעבראָכענע, דער שלאָף איז נאָך געלעגן אין די אויגן־ווינקלען. אַ קעלט איז דורכגעגאַנגען דורך די ביינער. עס איז דאָך נאָענט צום ים. מיר האָבן געוואַרט אויף דעם קומענדיקן מיט שרעק.

אויף דעם קומענדיקן, ווייל דער אויפזעער איז פאַרבייגעגאַנגען די רייען און ער האָט באַטראַכט יעדן איינעם. ביי איינעם האָט געפעלט אַ קנעפל, דער אַנדערער איז נישט געווען גוט ראַזירט און ביי דעם דריטן איז דער „יודן־שטערן״ נישט געווען גענוג זויבער. און ווען אַלץ איז שוין געווען גוט, איז אים עפּעס איינער נישט געפעלן, פאַרוואָס ? דערפאַר, ווייל ער איז נישט געשטאַנען גענוג שטראָם, אָדער ביים זעלבסט־ציילן האָט ער נישט גענוג הויך געענטפערט.

ביז מען איז דאָס אַלץ איבערגעקומען איז שוין געווען באַלד 7 אַ זייגער און מען איז אַזוי געשטאַנען שוין באַלד 2 שעה.

ענדלעך, ענדלעך, זענען מיר שוין אַרויס פונעם טויער פון גיהנום... ווען מיר האָבן זיך שוין געפונען אויסערן טויער און אויסער זיינע שטעכל־דראָטן האָבן מיר דערפילט פרייהייט (כאָטש מיר האָבן גוט געדענקט, אַז אונדזערע שומרים זענען אַרום אונדז).

אַ חוץ דעם, וואָס די שטעכל־דראָטן האָבן באַגרענעצט אונדזער שטח און מרחק, האָבן זיי זיך טיף אַריינגעשטאָכן אין אונדזער לייב און אין אונדזער נשמה. יעדער פון אונדז האָט געפילט און געוווּסט, אַז ער איז אַ געפאַנגענער אויף טריט און שריט. און וויפל איז דאָס ווערט נישט אָנצוקוקן, כאָטש אַ ביסל, זייערע „איידעלע״ פּרצופים, פון דעם קאָמענדאַנט מיט זיינע לעפל־לייט.

אויך איצט האָבן מיר געטראַכט, זענען מיר געפאַנגענע, אָבער דער מרחק, דער ברייטער האָריזאָנט, וואָס איז אַרום אונדז, מאַכט אַ ביסל פאַר־געסן, און מאַכט מילדער דעם איינדרוק אַלס געפאַנגענער.

מיר האָבן דערפילט ווי די לופט איז שאַרף געזאַלצן; אַ ים־לופט (ווייל מיר האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צום ים), זי האָט אונדז דער־פרישט און געהאָלפן אַרויסטרייבן פון אונדז דאָס לעצטע ביסל שלאָף. מיר האָבן געזען אַדורכפאָרן אַ פויער מיט אַ וועגעלע. ווי האָב איך אים מקנא געווען? אַפילו דעם הונט, וואָס איז אים נאָכגעלאָפן, אַ פויגל, וואָס איז געשטאַנען אויפן בוים; אַ שטייך, וואָס איז געלעגן ביים וועג. הלוואַי, וואָלט איך געווען איינער פון זיי, האָב איך געטראַכט, און אַזוי אַרום קענען איבערלעבן די מלחמה און דערלעבן צו זען זייער סוף.

מיר זענען געגאַנגען ווייטער. די זון האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן מיט איר מלכותדיקייט. אויך די פּאַנאָראַמע אַרום איז הערלעך, אַלץ אַרום און אַרום צוזאַמען אַנטציקנדיק, גלייך ווי עס וואָלט גאָר נישט געשען.

מיר זענען אַזוי אָפּגעגאַנגען אַ זעקס קילאָמעטער, ביז מיר זענען צו־געקומען צו ריזן בוי־שטעלעס מיט אָנגעשיטע מאַסן בעטאָן, צעמאָלענע שטיינער און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן. דאָ זענען מיר געוואָרן פאַנאַנדער־געטיילט צו פאַרשידענע אַרבעטן; די אַלע אַרבעטן ווערן דאָ אויסגעפירט דורך ציווילע בוי־מייסטערס פון דער „טאָדט"־אָרגאַניזאַציע.

מיר, אַ גרופּע אומגעפער 50 פּערזאָן, באַקומען אַ באַפעל צו גיין ווייטער. דעם גאַנצן וועג ביז אַהער זענען מיר געגאַנגען מיט שרעק און פחד, וואָסערע אַרבעט וועלן זיי אונדז געבן? און אונטער וועלכער אויפ־זיכט וועלן מיר אַרונטערפאַלן. ווען מען האָט אונדז געהייסן גיין ווייטער האָבן מיר דערוויל אַ ביסל אָפּגעאָטעמט, ווייל אינצווישן צייט האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט צו זען, ווי אַזוי עס פירן זיך אויף די ציווילע בוי־מייסטערס מיט די אַרבעטער; ווי אַזוי זיי יאָגן פון זיי אַרויס די נשמה, בעת דער אַרבעט.

מיר זענען אָנגעקומען צו אַ מיליטער־קאָמאַנדע. פון דאָרט איז אַרויס־געקומען אַן אונטעראָפיציר און אונדז איבערגענומען. מיר זענען ווייטער

געגאַנגען. דער גאַנצער וועג איז דאָ באַדעקט מיט שילדן פון טויטן־קעפ און צוימונגען פון שטעכל־דראָט, אַ סימן פון מינעס.

מיר זענען אָנגעקומען האַרט צום ים צום לאַמאַנש־קאַנאַל. אונדזער אַרבעט איז באַשטאַנען אין מאַכן שטעכל־דראָט־פאַרצוימונגען און פאַרבינדן זיי מיט פאַנצער־ אָדער טאַנק־שטערער. דאָס זענען געוואַלדיק גרויסע שטיקער אײַזן מיט שפּיצן און אײַזן־שטאַנגען צוזאַמענגעבונדענע צווישן זיך מיט דראָט־פאַרצוימונגען, וועלכע מען רופט שפּאַנישע רײַטער.

פון דאַנען ביז אונדזער לאַגער איז אַ מרחק פון 15־16 קילאָמעטער. אונדזער אָנפירער, דער אונטעראָפיציר, איז זייער אַ גוטער מענטש, ער הייסט פיליפּ און שטאַמט פון דער ברעסלאַו־געגנט; פון פאַך איז ער אַ טישלער־מייסטער. ווען מיר האָבן אָנגעהויבן די אַרבעט האָבן מיר געוואָלט ביי אים נושא חן זיין און געאַרבעט זייער פלייסיק. האָט ער געזאָגט: „וואָס טרײַבט איר אַזוי מיט דער אַרבעט? פאַרוואָס מוזט איר טראָגן 2 אײַזנשטאַנגען מיט אַמאָל? איינס איז פאַר אײַך נישט גענוג?"

ער זעט אויס צו זיין אַ מלאך, האָבן מיר צווישן זיך גערעדט; ער רעדט מיט אונדז זייער פריינדלעך, אַזוי ווי אַ מענטש צו אַ מענטש. מיר האָבן אַזוי געאַרבעט אין אַזאַ אַטמאָספערע דריי טעג, ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין זיין וואַך־קאָמאַנדע, און מיר זענען געגאַנגען ווייטער, האָבן מיר זיך קעגנזייטיק באַגריסט מיט „גוטן־טאָג".

אויפן פערטן טאָג, ווען מיר זענען געקומען צו דער אַרבעט, האָבן מיר אים שוין נישט דערקענט, אונדזער אויפזעער. ווי אַזוי קען זיך איין און דער זעלבער מענטש אַזוי זיך איבערדרייען? ער האָט אויפגעהערט מיט אונדז צו רעדן, נאָר געשריגן. איר ווילט נישט אַרבעטן, „איר יודן".

נישט ווייט פון אונדז האָט געאַרבעט אַ גרופּע פראַנצויזן, אויך אונטער זיין אויפזיכט, אָבער פאַר געלט, פרייוויליקע אָן באַוואַכונגען. ווען ער האָט זיי געגעבן צו טראָגן אַזאַ פאַנצער־שטערער דורך 8 פּערזאָן, האָבן זיי זיך געקרימט, און אָפּט פלעגט ער זיי צוגעבן נאָך צוויי פּערזאָן. מיר האָבן אָבער געמוזט טראָגן אַזאַ איינעם בלויז דורך פיר פּערזאָן, און אַלע מאָל האָט ער אונדז געדראָט, אַז ער וועט איבערגעבן אונדזער לאַגער־קאָמענ־

דאַנט, אַז מיר אַרבעטן נישט גענוג, און אַזאַ דראָונג האָט געהייסן ביי דעם צושטאַנד — מאָרד.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיין געענדערטע באַציִונג צו אונדז האָט גע־שטאַמט דערפון, וואָס עמעצער פון דער וואַך האָט באַמערקט זיין פריינד־לעכקייט צו אונדז. די אַרבעט איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. איין גליק, וואָס מיר זענען איבערגעגאַנגען צו אַנדערע אַרבעטן. ווען מיר דאַרפן נאָך אַזוי יעדן טאָג ווייטער טראָגן די פאַנצער־שטערער, און אַנדערע שווערע אייזן אונטערשפּאַרער, וואָלטן מיר נישט אויסגעהאַלטן קיין איין וואָך.

אַזוי זענען מיר געגאַנגען טאָג טעגלעך צו דער אַרבעט צו פוס אַן ערך 30 קילאָמעטער. 15־16 אַהין און דאָס זעלבע צוריק. ווען מיר זענען אָנגעקומען צו דער אַרבעט זענען מיר שוין געווען מיד בלויז פון וועג; ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט זענען מיר שוין געווען פולשטענדיק צעבראָכן און דערשעפּט פון דער אַרבעט און פון וועג. דאָס האָט אַזוי געדויערט אַן ערך צוויי וואָכן.

אין אַ געוויסן טאָג, איז אין היגזיכט פון גיין צו פוס צו דער אַרבעט אַריינגעקומען אַן ענדערונג. מיר האָבן באַקומען אַן אויטאָ צו פאָרן צו דער אַרבעט, און צוריק פון דער אַרבעט. דער אויטאָ איז געווען אַ פּריוואַ־טער פראַנצויזישער אויטאָ און דער שאָפער איז געווען אַ ציווילער פראַנ־צויז. מיר זענען געווען די איינציקע גרופּע, וואָס איז געפאָרן; אַלע אַנדערע גרופּן זענען געגאַנגען צו פוס, ווייל מיר האָבן געהאַט דעם גרעסטן מרחק צו דער אַרבעט.

דער שאָפער האָט אונדז מיטגעברענגט אין באַהעלטעניש אַלע טאָג אַ פּאָר ברויטלעך. יעדעס ברויטל האָט געוואויגן אַן ערך 500 גראַם און האָט געקאָסט 250 פראַנק, נישט יעדער האָט זיך געקאָנט לייסטן אַזאַ פאַרגעניגן. אָבער ס׳האָבן זיך נאָך געפונען גענוג בעלנים דערויף. צווישן זיי איינער, וואָס האָט זיך געזעצט טאָג טעגלעך נאָענט ביים שאָפער און טאַקע ביי אים באַקומען יעדן טאָג אַ ברויט.

דאָס איז דער חברה נישט געפעלן געוואָרן, און זיי האָבן אים פאַר־געוואָרפן זיין גראָבקייט, ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אים אַ קריג. איך האָב זיי אָנגעוויזן אויף אַ נישט ווייט שטייענדיקער גרופּע דייטשע

סאָלדאַטן, כדי זיי זאָלן זיך שעמען פֿאַר אונדזערע שונאים, וועלכע האָבן אַ הנאה דערפֿון.

דעם זעלבן טאָג איז מײַן גאַנצע גרופּע אַוועקגעגאַנגען אַרבעטן ערגעץ אַנדערש און איך און נאָך צוויי פּערזאָן זענען געבליבן אַרבעטן נישט ווייט פֿון זיי ביי שטעכל־דראָט־פֿאַרצוימונגען. ביי דער פֿרישטיק־פּויזע, וואָס דויערט 15 מינוט זענען מײַנע ביידע חברים געגאַנגען עפּעס קויפֿן ביי פֿראַנצויזישע פֿרויען, וועלכע זענען געשטאַנען אַ ביסל ווייט פֿון אונדזער אַרבעטס־גרופּע; זיי האָבן פֿאַרקויפֿט צוויי עפּל פֿאַר 40 פֿראַנק; אַ שטענגל טרויבן פֿאַר 50 פֿראַנק.

איך האָב דערהערט פּלוצים ווי מען רופֿט מײַן נאָמען פֿון דער אַנדערער גרופּע; זיי האָבן מיך גערופֿן און אָנגעוויזן אויף אַ דײַטשן סאָלדאַט, וואָס איז דאָרט איבערגעבליבן אַליין, ווען זײַן גאַנצע גרופּע איז אַוועק אויף איבונגען. איך האָב געזען פֿון דערווײַטנס, ווי ער האַלט אַ גרויס האַלב ברויט אין דער האַנט. זיי, די גרופּע יידן, האָבן עס געוואָלט פֿון אים צונעמען, אָבער ער האָט זיי אָנגעוויזן אויף מיר, אַז מען זאָל מיך רופֿן. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף אַלע זײַטן און מיר דערלאַנגט דאָס ברויט און איז גלײַך פֿאַרשוווּנדן אין זײַן וואַך־שטיבל.

די גרויסע גרופּע איז צו צו מיר מיט אַ פֿרייד, אַזוי ווי מ׳וואָלט געפֿונען אַן אוצר, און פֿאַרלאַנגט פֿון מיר, אַז איך זאָל זיך מיט זיי טיילן. איך האָב זיי דערקלערט, אַז אַזוי ווי מיר זענען צוזאַמען איבער 50 פּערזאָן, וועט סײַ ווי סײַ גאָר נישט פֿאַר זיי עפּעס וואָס אויסקומען, בעסער וועט זײַן, ווען איך וועל זיך צעטיילן מיט מײַן קליינער גרופּע פֿון דריי פּערזאָן, און אַזוי האָב איך עס טאַקע אײַנגעטיילט. איך מיין, אַז גערופֿן האָט מיך און נישט קיין אַנדערן דער דײַטשער סאָלדאַט נאָר דערפֿאַר, ווײַל אפשר האָט ער באַמערקט, ווי איך האָב פֿריער געוואָלט אײַנשטעלן דאָס קריגן זיך פֿון אונדזער גרופּע, דערמיט, וואָס איך האָב זיי אָנגעוויזן אויף די דײַטשן, אַז זיי זאָלן זיך שעמען.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז בטל געוואָרן דאָס פֿאָרן מיטן אויטאָ און מיר האָבן געמוזט ווידער דעם לאַנגן וועג דורכמאַכן צו פֿוס. נישט קשה, יידן זענען נישט קראַנק צו גיין צו פֿוס.

דער מוראדיקער הונגער

דער הונגער איז דאָ שטאַרק. ערשטנס צוליב דער קנאַפּער באַשפּייזונג, וואָס מען באַקומט, און באַזונדערס צוליב דער שאַרפער ים־לופט, וואָס פאַרשאַרפט דעם הונגער. איך עס שוין היינט אַפילו די פאַרשטונקענע זופּ.

איך געדענק, אַז בעת מיין ערשטן אָנקומען אַהער, ווען איך האָב נאָכן קומען פון דער אַרבעט (דאָס ערשטע מאָל נאָך דעם ווי כ׳האָב דריי טעג גאָרנישט געהאַט אין מיין מויל), גענומען דעם ערשטן לעפל אין מויל אַריין, האָב איך אויסגעבראָכן. איז צו מיר צוגעקומען איינער פון די פריער אָנגעקומענע אַנטלויפענער און מיך געפרעגט, פאַרוואָס איך עס נישט ווייטער. אַז איך האָב אים געזאָגט פאַרוואָס, האָט ער מיר דעמאָלט געזאָגט: „דו וועסט שוין יאָ עסן", און איידער וואָס־ווען האָט ער איינגעשלונגען מיין פאַרציע.

איצט בין איך שוין גרייט אַלץ צו עסן. כ׳פיל ווי די כוחות גייען מיר אויס. דער הונגער, די אַרבעט, און דאָס גיין אַזויפיל קילאָמעטערס צו פוס, האָבן געטאָן צוזאַמען דאָס זייעריקע. פון די אַמאָל אָנגעזאַמלטע כוחות איז שוין ווייניק וואָס געבליבן.

איך פריש אויף אין מיין זכרון סצענעס פון יענע טעג. אָט זע איך, ווי מיר גייען פאַרביי אַ וואַלד און איך בייג זיך איין אויפצוקלייבן אַ פּאָר יאַגדעס, דאָס האַרץ צו דערכאַפּן. זאָגט איינער פון אונדזער גרופּע (אַן אַנטוועיפענער) צו מיר: ווי לאַנג איז ווי דו האָסט געטראָטן אויף די בעסטע פרוכטן (אין מיין געשעפט אין אַנטווערפּן, פאַר דער מלחמה, האָב איך פאַרקויפט דרום־פרוכטן און קאָנסערוון). ער שיט מיר נאָך זאַלץ אויף מיינע ווונדן. ווען מיר גייען פאַרביי אַ פעלד מיט זאַנגען מוזן מיר זיך גוט היטן פאַר דער וואַך, כדי אָפּצורייסן אַ זאַנג. ווייל דאָס הייסט ביי זיי גניבה; און זיי האָבן דאָך זייער פיינט גניבות.

עס איז צו מיר אַריינגעפאַלן אין געצעלט איינער אַ שטאַרק צעשלאָ־גענער און מוראדיק געוויינט. עס האָט גענומען אַ לענגערע צייט, ביז איך האָב געקענט פון אים אַרויסבאַקומען, וואָס עס איז געשען. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז היינט געווען ביי דער אַרבעט און דער אויפזעער האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער אַרבעט אַזוי שוואַך? האָט ער געענטפערט: „פון דעם עסן, וואָס איך באַקום קען איך דען האָבן כוח צו אַרבעטן?״ דער אויפ־זעער האָט עס איבערגעגעבן דעם קאָמענדאַנט און מען האָט אים אָנגעטאָן אַ זאַק מיט שטיינער, און אים געהייסן מיט דעם זאַק שטיינער שפּרינגען איבער אַ ברייט טיף גרוב, ביז ער איז צוזאַמענגעבראָכן; און אַלס צוגאָב האָט ער נאָך באַקומען אַ היפּשע פּאַרציע שטעקנס.

איינמאָל איז אינמיטן דער אַרבעט צוגעקומען צו אונדזער אויפזעער אַ סאָלדאַט און פאַרלאַנגט, ער זאָל אים צוטיילן דריי פּערזאָן, וועלכע זע־נען אים נויטיק צו אַ געוויסער אַרבעט. איך בין געווען צווישן די דריי אַרבעטער. איז דאָס אַ גוטע אַרבעט צי אַ שלעכטע, אַ שווערע? אַזוי האָבן מיר געטראַכט, דערוויל ווערן מיר פּטור פון אונדזער „גוטן״ אויפזעער, אָנשטאָט צו אַרבעטן גייען מיר.

מיר קומען אָן אויף אַ פּלאַץ און מען ווייזט אונדז אָן די אַרבעט, וועלכע באַשטייט בלויז אין פלאַנצן גראָזן איבער אַ בונקער, כדי אים צו פאַרמאַסקירן, דער שונא זאָל אים נישט דערקענען. דאָס איז זייער אַ לייכטע אַרבעט און זי גייט זייער שנעל.

מיר ווייסן אָבער, אַז מיר טאָרן נישט שנעל ענדיקן, ווייל מען וועט אונדז גלייך צוריקשיקן צו אונדזער פריערדיקן אויפזעער. ווי ווייט מעג־לעך טוען מיר אונדזער אַרבעט לאַנגזאַם. דעם סאָלדאַט, וועלכער זיצט פון דערווייטנס און פּאַסט אויף אויף אונדז, זעט אויס, ווי ער וואָלט זיך נישט געכאַפּט, אַז מיר אַרבעטן לאַנגזאַם. ענדלעך קומט ער צו און זאָגט צו אונדז: „יאָ, יאָ, אָבער דער איבערלויטענאַנט וווינט נישט ווייט פון דאַנען און ער קען עס באַמערקן...״

אַן אַנדערש מאָל האָב איך געהאַט גליק און כ׳האָב באַקומען אַ לייכ־טערע אַרבעט. איך האָב געענדיקט די אַרבעט, אָבער וואָס טוט מען ווי־טער? מיר טאָרן דאָך נישט צוגיין און זאָגן, אַז מיר האָבן עפּעס געענדיקט,

דאָס שמעקט דאָך מיט סאַבאָטאַזש. מען דאַרף זיך אַליין נעמען וואָס צו אַרבעטן. דערצו נאָך איז אונדזער אויפזעער דעם טאָג געוואָרן אויסגעטוישט אויף אַן אַנדערן. ווער ווייסט ווי עס זעט אויס דער אַנדערער? אפשר נאָך ערגער?

איך גיב אַ בליק איבערן שטח און זע, אַז אויף אַ געוויסן פּלאַץ שטייען עטלעכע פּערזאָן, צווישן זיי יינגלעך און פֿאַרבינדן שפּאַנישע רייטער מיט דינעם דראָט, האַרט ביים ים.

איך האָב זיך דערנענטערט צו זיי און ביי זיי געבעטן, אַז זיי זאָלן מיר אויך צולאָזן צו זייער אַרבעט. זיי האָבן אָבער נישט געוואָלט. אויך זיי איז געווען אַ שאָד צו פֿאַרלירן און צו ענדיקן אַזאַ גרינגע אַרבעט, דערמיט וואָס איך וועל זיי צוהעלפֿן וועט זיך די אַרבעט ענדיקן שנעלער. איך האָב צו זיי געזאָגט: גיך! מאַכט נישט קיין געשעפטן, ווייל אינצווישן קען דער אויפזעער באַמערקן, אַז מיר שטייען סתם און שמועסן, אויב איר וועט מיך צולאָזן, וועט די אַרבעט דויערן דריי פּאַכיק לענגער. ווי אַזוי? אויפן פּלאַץ, וואָס איר שטייט מיטן פּאַרנט צום ים, וועל איך שטיין מיטן רוקן צום ים, פֿאַרן ים האָב איך נישט קיין מורא, מורא האָב איך נאָר פֿאַר זיי; איר וועט צובינדן און איך וועל אויפבינדן, איך וועל דאָך זען איבערן גאַנצן שטח, ווו דער אויפזעער דרייט זיך אַרום. מיינע לייט האָבן פֿאַרשטאַנען, און מיר האָבן אַזוי צוזאַמען געאַרבעט דעם גאַנצן טאָג.

ווען איך זיץ איצטער אינעם האַלב פינצטערן קעלער ביי מאַרקאָן אין יאָר 1943 און טראַכט וועגן מיין זיין דאָרט אינעם לאַגער אין דער אַנדערער העלפֿט פֿון יאָר 1942 און איך וויל דיביידע דאַטעס פֿאַרגלייכן איינע צו דער אַנדערער, בין איך מיך אַליין מקנא, מיט מיין איצטיקן זיין דאָ, כאָטש דאָרט, אינעם לאַגער, בין איך געווען ווי עס איז פֿאַרזאָרגט מיט אַ מינימום עסן, און דער מאַרך פֿון קאָפּ האָט ביי מיר נישט דעמאָלט אויסגעטריקנט פֿון קלערן, ווו איך וועל נעמען צו באַצאָלן דירה־געלט, אַזוי ווי איך ברעך מיר איצטער דעם קאָפּ. ווען איך האָב איצט אַפֿילו די הונגער־פּאַרציעס, וואָס מיר האָבן דאָרט באַקומען, וואָלט איך געווען אַ גליקלעכער. און טראַץ דעם אויך דאָס, וואָס

איך לעב היינט מיט דער זעלטענער ביטערער קללה פון דער תוכחה „ופחדת יומם ולילה״, דאָס האַרץ וואַרפט זיך מיר טאָג און נאַכט פון שרעק ביים קלענסטן שאָרך אין דרויסן, איבערהויפט ווען איך הער ווע־מען עס איז זיך דערנענטערן צום הויז. און איך קלער, אַז א ליאַדע מינוט קען מען מיך כאַפּן, איז דעמאָלט קען אפשר זיין נאָך ערגער מיט מיר ווי עס איז געווען אינעם לאַגער.

אָבער טראָץ דעם אַלעם וואָלט איך נישט באַין אופן געוואָלט טוישן מיין איצטיקע לאַגע מיט דער דעמאָלטיקער, ווייל די פרייהייט פון אַ מענטש קען נאָר דער יעניקער אָפּשאַצן, וועלכער איז געווען אין אַ דיי־טשן לאַגער, און פאַרזוכט דעם לאַגער־טעם.

עס איז מיר ליבער אַפילו די קאַריקאַטור־פרייהייט, וואָס איך האָב היינט, אַבי נישט אָנצוקוקן זייערע פּרצופּער. איך בין נישט — אפשר נאָר דערווייל — אין זייערע הענט. אָבער יעדער טאָג פון מיין נישט זיין אין זייערע הענט איז פאַר מיר אַ געווינס.

איך קער זיך צוריק צו מיינע זכרונות פון דער צייט, ווען איך בין געווען אין לאַגער:

אַ פּאָר טעג שפּעטער זענען מיר געשיקט געוואָרן צו אַן אַנדערער אַרבעט און אונטער אַן אַנדערן אויפזעער, אויך אַן אונטעראָפיציר. די אַר־בעט איז געווען באַזונדערס שווער. מיר האָבן געדאַרפן צעשטערן די פּראַנ־צויזישע ווילעס ביי דער פּלאַזשע. מיר האָבן דאָ אין די ווילעס געטראָפן טייערע מעבל־שטיקער, געבעטע שטולן, פאָטעלן און גאָר טייערע סאַניטאַ־רע איינריכטונגען. אַ רחמנות און אַ שאָד, וואָס עס בלייבט פון מענטשלעכן גוטס. מיר האָבן געדאַרפט אַרויסטראָגן די שווערע מעבל־שטיקער און אַרויסרייסן פון די הייזער די גאָר שווערע טירן. און דערצו איז אונדזער אויפזעער אַ הונט אין געשטאַלט פון אַ מענטש.

עס איז צוגעגאַנגען צום אויפזעער מיינער אַ שכן פון אַנטווערפּן און פון מיין געלעגער, און אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר פאַרלייכטערן די אַר־בעט, ווייל איך בין קראַנק. ער האָט אים געפרעגט מיט כעס: „וואָס, דו קענסט נישט אַרבעטן?״ מיין פריינד האָט אים געענטפערט און אָנגעוויזן

אויף מיר, אַז מיר איז די אַרבעט שווער. דאָס האָט אויף אים געווירקט און ער האָט שוין מיט אַ ווייכערן טאָן געזאָגט: „ווען דו בעטסט פאַר אַ צווייטן, איז עפּעס אַנדערש״, און איך האָב באַקומען לייכטערע אַרבעט.

צווישן די פאַנאַנדערגענומענע ווילעס האָב איך געפונען אַן אוצר. באַ־זונדערס טייער איז עס געווען ביי מיר און אויך ביי אַנדערע, אין דעם מצב ווי מיר האָבן זיך געפינען אין לאַגער. דער אוצר איז באַשטאַנען פון אַ גרויסער מאַסע פראַנצויזישע אַלטע צייטונגען, וועלכע זענען זייער און זייער נויטיק פאַר די, וועלכע געפינען זיך אינעם לאַגער, צום מענטשלעכן געברויך — ממש ווי אַן אויג אין קאָפּ. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט וואָסערע פרייד עס וועט זיין אין מיין געצעלט מיט דעם דאָזיקן אוצר.

אָבער דערווייל, האָב איך געטראַכט, דאַרף מען זיך מיט אָט דעם אוצר שטאַרק היטן, סיי פאַרן אויפזעער און סיי ביים אָנקומען אין לאַגער. איך קען אַמאָל שלעכט אָפּשניידן, ווען מען זאָל עס, חלילה, ביי מיר באַמערקן.

דריי טעג האָט ביי מיר געדויערט דאָס טראָגן דאָס פּאַפּיר אונטערן בוזעם, נאָך דער אַרבעט, ביז איך האָב עס אַריבערגעברענגט אינעם לאַגער.

אונדזער גרופּע האָט געהאַט אַמשווערסטן אויסצושטיין אין לאַגער, צוליב דעם לאַנגן וועג, וואָס מיר האָבן געהאַט דורכצומאַכן, צו דער אַרבעט און צוריק. ווען מיר זענען שוין מיט מזל צוריקגעקומען, הונגעריקע ווי די וועלף, האָבן מיר על פּי רוב שוין געטראָפן אַן איבערבלייבעכץ, פון בלויז געדיכט וואַסער, ווייל אַלע אַנדערע גרופּעס זענען געקומען פריער פון אונדז פון דער אַרבעט.

יעדן טאָג נאָכן עסן קומט פאַר אַן אַפּעל, דאָס הייסט, מיר שטעלן זיך אויס אין גרופּן און ווערן קודם כל איבערגעציילט, צי עס איז ווער נישט, חלילה, איבערגעבליבן אויפן וועג. אַמאָל קומט מען אָפּ בלויז מיט דעם ציילן און מיר קענען פריי אָפּאָטעמען, ווייל עס איז נישט פאַרגעקומען קיין נייעס. פאַר די אַפּעלן שרעקן מיר זיך ווי פאַרן טויט. על פּי רוב קומען פאַר ביי די אַפּעלן פאַרשידענע צרות. און פאַר דער קלענסטער עבירה פון איינעם, ווערט באַשטראָפט די גאַנצע אַרבעטס־גרופּע צו וועלכער דער באַטרע־פנדיקער געהערט. אַמאָל באַשטייט דער גרופּן־עונש, מיט סתם זיך דורכ־

לויפן דורכן שטח; אַמאָל האַרבער, מיט בויך־קריכעניש, און אַמאָל מער שטרענגער, מיט נישט באַקומען אַ טאָג עסן.

איין מאָל איז ביים אַפּעל אַרויסגעקומען דער קאָמענדאַנט אַליין און געזאָגט, אַז ווער עס האָט אַמאָל געדינט אין וועלכער עס איז אַרמיי און דאָרט געהאַט אַ העכערן גראַד, זאָל זיך מעלדן. עס זענען אַרויסגעטרעטן פון די רייען איינצלנע מענטשן דאָ און דאָרט און זיך געמאָלדן, איינער פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער אַרמיי, אַנדערע פון טשעכישע, אָדער פּוילי־שע אַרמייען.

נעבן מיר איז געשטאַנען אַ מאַן, וואָס האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז ער איז געווען אין דער עסטרייכישער אַרמיי אַן אונטעראָפיציר, האָב איך אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט זיך נישט געמאָלדן. איך מיין — האָב איך אים געזאָגט — אַז די אַלע געוועזענע אָנפירערס וועלן דאָ, איצט, אויך ווערן אָנפירערס איבער גרופּן, און זיי וועלן נישט דאַרפן אַרבעטן, און אפשר נאָך דערצו באַקומען בעסער עסן. ער האָט מיר געענטפערט, אַז איך פאַרשטיי זייער ווייניק דעם ענין. אָנפירן מיט יידן, הייסט, קודם כל שלאָגן יידן. דעריבער וויל ער בעסער שווער אַרבעטן, און אויך מוותר זיין אויף אַלע אַנדערע פּריווילעגיעס, איידער עס זאָל אים אויסקומען ווען צו שלאָגן אַ ייד.

איינער, מיטן נאָמען סאַמועל פון שאַרלערוא, אַ געוועזענער אָפיציר פון דער עסטרייכישער אַרמיי, איז געוואָרן הויפּט־אָנפירער פון אַ גרויסער גרופּע. ווען מיר זענען געבליבן מיט אים אַליין, האָט ער צו אונדז געזאָגט:

„חברה, איר זאָלט וויסן, אַז איך בין דאָ געוואָרן אייער אָנפירער און איך בין פאַר אייך פאַראַנטוואָרטלעך, בעט איך אייך פיל מאָל אַנטשולדי־קונג, אויב עס וועט מיר אויסקומען אין זייערע אויגן, ווען עס איז וועמען פון אייך צו געבן אַ פּאַטש, אָבער אַז איך וועל שוין געבן עמעצן אַ פּאַטש, וועט ער זיין בלויז אַ „יידישער"... און דורך אים וועט איר ווערן אָפּגעהיטן פון זייערע קלעפּ".

אין אַ געוויסן טאָג זענען מיר צעפּאַלן געוואָרן די שיך פון דער זון און פון די טיפע זאַמדן, וואָס איז אונדז אויסגעקומען יעדן טאָג אַדורכצו־גיין צו דער אַרבעט. מיינע ביידע פיס זענען געוואָרן פאַראייטערט. אויב

איך וועל גיין באַרוועס, ווען דאָס זאַמד אַריינקומען אינעווייניק אין די ווונדן, און דאָס קען ווערן געפערלעך. האָב איך אויסגעטאָן דאָס העמד, עס צעריסן אויף פאַסן און מיט זיי אַרומגעוויקלט מײַנע פיס; און דערבײַ האָב איך געטראַכט, אַז דאָס לײַב איז מיר נענטער פונעם העמד.

אַ גאַנצע וואָך זענען מיר געווען באַשעפטיקט ביים פאַנאַנדערנעמען די ווילעס ביי דער פּלאַזשע; יעדן טאָג האָבן זיך געטוישט די מיליטערישע אויפזעער איבער אונדז. אין אַ געוויסן טאָג איז אָנגעקומען אַן אויפזעער, אַן אונטעראָפיציר — אַן אמתער המן. ביי דער אַרבעט האָבן מיר זיך דורכ־גערעדט, אין פאַרשידענע שפּראַכן ווי פראַנצויזיש, פויליש און אַפילו אין רוסיש, כדי ער זאָל נישט פאַרשטיין. האָט ער זיך צעשריגן: „איר ציגיינער־באַנדע! איר רעדט דאָך אין אַלע שפּראַכן, אַזוי ווי די ציגיינער״.

ווען מיר האָבן געענדיקט דאָס פאַנאַנדערנעמען די ווילעס, האָט מען אונדז געהייסן אויסהאַקן דעם אַספאַלט. בלויז דאָס אויפהייבן און אַראָפּ־לאָזן דעם שווערן פּיאַש האָט מיך צעבראָכן. לעבן מיר איז געשטאַנען אַ וואַך־סאָלדאַט, אפשר צוויי מעטער די הויך, און זיך צוגעקוקט ווי איך מאַ־טער זיך מיטן פּיאַש. ער איז צו מיר צוגעגאַנגען און געזאָגט: „זי ארבעטן נישט ריכטיק״. ער האָט גענומען דעם פּיאַש צו ווייזן מיר ווי אַזוי צו אַר־בעטן און דערווייל האָט ער אויסגעהאַקט דעם טייל, וועלכן איך האָב גע־האַט צו ענדיקן.

אין אַ געוויסן טאָג, נאָך אַ באַזונדערס שווערן טאָג פון אַרבעט, און הונגעריקע ווי די וועלף, זענען מיר צוריקגעקומען אינעם לאַגער. מיר האָבן זיך דערנענטערט מיט קלאַפּנדיקע הערצער צום באַראַק פונעם לאַ־גער־קאָמענדאַנט, פאַר וועלכן מיר האָבן שטענדיק געמוזט פאַרבייגיין — און געזען, אַז עס איז ביטער; ער אַליין שטייט אין דרויסן און וואַרט אונדז אָפּ. דאָס היטל אויף זיין קאָפּ אין דער זייט; זיין נאָז ווי שטענדיק — רויט פון שיכרות. ער האַלט אַ שפּיצרוט אין דער האַנט; קלאַפּט אויף די הויכע כאַלעוועס פון זיינע שטיוול, און פרעגט אונדז גוטמוטיק מעשה פּאַטער: „האָבן זי הויטע שווער געאַרבייט?״ „זינד זי מידע״?

מיר פאַרשטייען שוין היינט נישט קיין חכמות, און מיר האָבן געענט־

פערט, אַז מיר האָבן היינט זייער שווער געאַרבעט און מיר זענען, נאַטיר־לעך, מיד.

ער האָט געזאָגט: „וויסן זי וואָרום זי זינד מידע? ווייל זי קיין ספּאָרט מאַכען", און ער האָט אונדז געהייסן מאַכן דעם זעלבן ספּאָרט, וועלכן מיר האָבן געמאַכט דעמאָלט ביי אונדזער אַריינקומען אין לאַגער. דאָס באַרימטע בויך־קריכעניש.

אויף צומאָרגנס האָט זיך ווידער איבערגעחזרט דאָס זעלבע. ער האָט אונדז אָפּגעוואַרט ביים צוריקקומען, און ווידער געפרעגט די זעלבע פראַגע ווי נעכטן. דאָס מאָל זענען מיר שוין געווען קלוגער און געענטפערט: „ניכט געפערליך".

אַהאַ! — האָט ער צו אונדז געזאָגט — „זי זינד דאָך פון אימער פוי־לענצער, אונד וואָלן ניכט אַרבייטן; מאַכן זי איין ביסיען ספּאָרט, אונד זי ווערדען בעקומען אַפּעטיט צו אַרבייטן".

דערווייל, ביז מיר האָבן שוין באַקומען דעם אַפּעטיט צו אַרבעטן אין די ביידע טעג, איז דאָס עסן פון קיך שוין געווען אויסגעטיילט. אויב עס איז נאָך אַפילו איבערגעבליבן בלויז דאָס ביסל וואַסער, האָט עס שוין דער קוכער אויך געהאַט אויסגעגאָסן, כדי ריין צו מאַכן די קעסלען און צוצו־גרייטן פריש עסן אויף מאָרגן.

אָפּטער האָט מיט אונדזער גרופּע פּאַסירט, צוליב דעם, וואָס מיר זע־נען געקומען אַמשפּעטסטנס פון דער אַרבעט, אַפילו ווען מיר האָבן שוין געהאַט דאָס עסן גענומען אין אונדזערע כלים, און איידער מיר האָבן געהאַט צייט צו נעמען דעם לעפל אין מויל, האָט מען פלוצים גערופן צום אַפּעל, און מיר האָבן בחפזון געמוזט אויסגיסן דאָס עסן אויף דער ערד. ווייל מיר קענען דאָך נישט שטיין מיט קיין עסן ביי דעם אַפּעל.

אַנטלויפן — דער אייציקער אויסוועג

מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן. מען אַנטלויפט פון די גרופן, אויפן וועג צו דער אַרבעט, און פון דער אַרבעט, מען לויפט דורך די שטעכל־דראָט. מען ציילט אָפּ ביים אַפּעל אין אָוונט — און אויף צומאָרגנס, ביים פרישן ציילן, פעלן שוין, אַמאָל צוויי פערזאָן און אַמאָל מערער.

ווי אַזוי זיי קענען אַנטלויפן דורך די שטעכל־דראָט קען איך עד היום נישט פאַרשטיין.

די אַנטלאָפענע, — זאָגט מען — קריגן זיך אַרויס פון דער מיליטער־זאָנע און שפּעטער באַקומען זיי שוץ אין די אַרומיקע דערפער און זיי ווערן אַרויפגעזעצט אויף לאַסט־באַנען, און ווערן דאָרט באַהאַלטן דורך פּראָנ־צויזישע מאַשיניסטן. קיין איינער פון זיי איז נאָך — בעת מיין זיין דאָרט — נישט געכאַפּט געוואָרן, אַנדערש וואָלט מען זיי צוריק געבראַכט אין לאַגער, ווי אַן אָפּשרעקונג־מיטל.

דער קאָמענדאַנט האָט געסטראַשעט יעדן טאָג, אַז ער וועט פאַראַנט־וואָרטלעך מאַכן די גאַנצע גרופּע פון וועלכע די אַנטלאָפענע שטאַמען, אָבער ער האָט די גאַנצע צייט ביי מיין זיין דאָרט גאָרנישט געטאָן.

אין אָוונט ביים אַפּעל האָט דער קאָמענדאַנט געפרעגט, ווער עס וויל זיך פרייוויליק מעלדן צו לאָזן זיך אויפהענגען. עס איז אַרויסגעטראָטן פון דער שורה אַ יינגל פון אַ יאָר 15־16, פון ליעזש, און ער האָט געזאָגט: „איך מעלדע זיך גרייט צו לאָזן זיך אויפהענגען". מען האָט געברענגט אַ קלאָץ און מען האָט אים איינגעגראָבן אין דער ערד. מען האָט גענומען דאָס יינגל, געבונדן אים די הענט, און ווען אַלץ איז שוין געווען גרייט אים אויפצוהענגען, האָט אים דער קאָמענדאַנט געפרעגט, הלמאי ער וויל זיך לאָזן אויפהענגען? האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט דאָ אַן אַלטן פאָטער, און ער קען באַין אופן נישט צוזען זיין מאַטערן זיך און זיין צער. נאָך

האָט דאָס ייִנגל דערקלערט דעם קאָמענדאַנט, אַז „אַזאַ שייס־לעבן ווי מיר האָבן דאָ היער ביי אייך, איז מיר קיין שאָדע דאָס לעבן אָנצוווערן״.

דאָס ייִנגל האָט מען נישט געהאַנגען. מען האָט אים צוריק אויפגע־בונדן, אָבער מען האָט אים אַוועקגענומען פון אונדזערע רייען, און מיר האָבן אים קיינמאָל מערער נישט געזען. מען האָט צווישן זיך געשמועסט, אַז מען האָט אים מיט זיין פאָטער צוריקגעשיקט אַ היים.

ווען איך זיץ איצט ביי מאַרקאָן אין קעלער, און אין דרויסן גיסט אַ שלאַקס רעגן, דערמאָן איך זיך אַן עפּיזאָד, וואָס האָט דעמאָלט — בעת מיין זיין אין לאַגער — געמאַכט אויף מיר אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. אין אַזאַ רעגנדיקן טאָג, האָב איך געזען — צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן — אַ טויטן קערפּער, וואָס איז געלעגן נאַקעט פאַרן באַראַק. דער מת האָט אויסגעזען ווי אַ געפּגרטע קאַץ, אַפילו נישט איבערגעדעקט. ווער דאָס איז געווען? און ווו איז ער געשטאָרבן? און פאַרוואָס ער איז דאָרט געלעגן, האָב איך נישט געוווּסט. מען פרעגט דאָ נישט צופיל. קיינער האָט נישט קיין צייט, מען האַלט אין איין לויפן; יעדער האָט מיט זיך צו טאָן.

דער איינציקער פרייער טאָג, וועלכער איז אונדז נאָך איבערגעבליבן איז געווען דער זונטיק, ווייל זיי אַליין האָבן אים אויך געוואָלט האָבן פריי פאַר זיך. אין דעם טאָג האָבן מיר אויסגענוצט זיך אָפּצושערן, אָנצונייען אַ קנעפּל, און אַרומוואַשן זיך.

איינמאָל אין אַ זונטיק איז אַרויסגעקומען דער קאָמענדאַנט און אונדז געפרעגט: „צי וואָלט זי — אַלס זאָנטאַג געשאַנק — גיין אין סיניעמאַ״? (קינאָ).

מיר האָבן אים שוין גוט געקענט, און טראָץ אַלעם געמוזט מסכים זיין. מיר האָבן געטראַכט, וואָס פאַר אַ שפּיצל גייט ער ווייטער אונדז אָפּטאָן. די פּעסימיסטן האָבן שוין געזאָגט, אַז ער גייט אונדז שיסן.

מיר האָבן אָנגעהויבן גיין מיט אַ וואָך, אין דעם כלומרשטן קינאָ. בערך אַ האַלבע שעה גאַנג, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ קאַלך־האַקעריי. דעמאָלט איז מיר אויפגעקלערט געוואָרן דער ענין מיט די קראַנקע, וועלכע האָבן זיך נישט געפונען אין די באַראַקן.

ביים ערשטן אָנקומען האָב איך געזען באַראַקן, מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס זענען די באַראַקן פון קראַנקע, אָבער איך האָב דאָרט קיינעם נישט געזען. איצט אָבער האָב איך זיי יאָ דאָ געזען — די קראַנקע — ביי דער אַרבעט אין דעם קאַלך־גרוב. זיי האַקן דאָ דעם קאַלך און פירן דאָס אָפּגעהאַקטע קאַלך אויף טאַטשקעס — אמתע קאַטאָרגע־אַרבעט.

די דייטשן זענען פּראַקטישע מענטשן. ווער עס איז קראַנק און קען נישט אַרבעטן, איז אַ שאָד אַפילו צו געבן אים עסן; נעמען זיי אים צו דער אַרבעט, ביים קאַלך, און דאָ ווערן זיי פון אים שנעל פּטור...

איך געפינען מיר ביי דער אַרבעט שטראָפלינגען (אַרעסטאַנטן), וועלכע האָבן זיך פאַר עפּעס פאַרזינדיקט.

דער אָנפירער פון דעם קאַלך־גרוב איז אַ הויכע יונגע, בלאָנדע בעסטיע מיט אַן אָפּצייכן פון אוניווערסיטעט. ער האָט געזאָגט צו מיין שכן, אַ יינגן אינזשיניער פון שאַרלערואַ, אַז ער זאָל געבן אַ פּאַטש אַ שטראָפלינג — אַ ייד מיטן נאָמען דויטש, פון אַנטווערפּן.

ווען ער האָט אים געענטפערט: „פאַרוואָס זאָל איך אים שלאָגן? ער האָט דאָך מיר גאָרנישט געטאָן”, האָט ער צו אים געזאָגט: „איך פרעג דיך צום צווייטן מאָל”. האָט דער אינזשיניער באַין ברירה געגעבן דעם שטראָפלינג אַ פּאַטש, אָבער אַ לייכטן.

דאָ האָט דער אָנפירער אויפגעהויבן זיין האַנט און דערלאַנגט דעם אינזשיניער אַזאַ פּאַטש, אַז ער איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. „אָט דאָס הייסט אַ פּאַטש”, האָט אויסגערופן דער אָנפירער.

אַזוי האָבן מיר אָפּגעאַרבעט דעם גאַנצן זונטיק אינעם „סיניעמאַ”.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער מערן דאָס אַנטלויפן. כמעט יעדן טאָג זענען אַנטלאָפן פרישע מענטשן. אַממערסטן איז מען געלאָפן פון די וועגן ביים גיין צו דער אַרבעט, און ביים צוריקגיין פון דער אַרבעט. מיר האָבן אָנגעהויבן מורא קריגן פאַר די קאָנסעקווענצן, וואָס מיר וועלן דאַרפן ליידן, אָבער דערווייל זענען מיר אָפּגעקומען נאָר מיט דראָונגען.

אין אַ געוויסן טאָג איז צו אונדז צוגעקומען אַן אויבערמייסטער און צוקוקנדיק זיך צו דער אַרבעט האָט ער געפּרוּווט מיט אונדז פאַרבינדן אַ געשפרעך; ער האָט אָנגעהויבן: „זאָגען זי מיר, וואָס דענקען זי יעצט ביי

דער אַרבייט? זי בעטן, אַז די טאַמעס (די ענגלענדער) זאָלן קומען אייך בעפרייען?״

אַ טייל פון אונדז האָבן אים געזאָגט, אַז מיר זענען נישט קיין פּאָליטיקער. מיר בעטן נאָר, עס זאָל זיין פרידן, און מיר זאָלן באַלד צוריקקומען צו אונדזערע פאַמיליעס.

דאָס האָט אים אָבער נישט באַפרידיקט, און ער האָט ווידער געפרעגט: „זאָגען זי מיר, וואָס וואָלטן זי גערן געהאַט אין איצטיקן מאָמענט" און דאָס מאָל שוין שטרענגער, אָבער דער שמייכל איז ביי אים נישט פאַרשוואונדן פון זיינע ליפּן.

איך האָב זיך פאַרגעסן אין דעם פּאַקטישן מצב, זיין שמייכל, זעט אויס, האָט מיר צוגעגעבן מוט, און איך האָב אים געענטפערט: „מיין הער אָבער־וואַך־מייסטער, וויר דענקען דאָס זעלבע ווי זאָ זי וואָלטן געדענקט, ווען זי אויף אונדזער פּלאַץ ווערן"...

ער איז רויט געוואָרן, האָט זיך קענטיק פאַרשעמט און איז גלייך אַוועק. איך האָב חרטה געהאַט אויף דעם, וואָס איך האָב אים געזאָגט. אָבער צום גליק איז עס אָפּגעלאָפן אָן פאָלגן.

די תפילה

אין אַן אָונט קומען מיר אַרויס צום אַפּעל, ווי געוויינלעך, אָבער דאָס מאָל שטייען מיר שוין העכער אַ האַלבע שעה, און מיר זעען, אַז מען וואַרט אויף עפּעס. דאָס האָט אונדז געשראָקן, ווייל ביי יעדן אַפּעל קענען אַרויסשפּרינגען פאַרשידענע סיורפּריזן; אַפילו ווען נאָר איינער איז נישט אין אָרדענונג, די דייטשן זאָגן: „איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם״, ווען דאָס האַנדלט זיך נאָר וועגן יידן, און נאָר ביי ליידן און צרות.

מיר שטייען שוין העכער אַ שעה, און מיר וואַרטן נאָך אַלץ; אַ שרעק האָט אונדז אַלעמען אַרומגענומען. וואָס גייט מען מיט אונדז מאַכן? ענדלעך האָבן מיר דערזען ווי עס זענען אַרויסגעקומען אַלע ס. ס.־לייט מיטן קאָמענדאַנט בראש און נאָך אַ גרופּע אָפיצירן, צווישן זיי אַ גענעראַל.

עס האָבן זיך באַוויזן פילם־רעפּאָרטערן מיט זייערע אַפּאַראַטן, גרייט צו פילמירן. מען האָט אויסגערופן: ווער עס איז רעליגיעז זאָל זיך שטעלן אין אַ באַזונדערער גרופּע מיט די היטלען אויף די קעפּ; עס האָט זיך געבילדעט אַ רעליגיעזע גרופּע מיט היטלען אויף די קעפּ.

כ׳מיין, ס׳וועט זיין אינטערעסאַנט צוצוגעבן, אַז אין דער רעליגיעזער גרופּע איז נישט געווען קיין צען פּערזאָן, דאָס הייסט קיין מנין, טראָץ דעם, וואָס אינעם לאַגער האָט זיך געפונען אין יענער צייט העכער טויזנט מענטשן און דער גרעסטער טייל פון זיי זענען פון אַנטווערפּן, וועלכע זענען אַמערסטן שטאַרק רעליגיעז. דאָס באַווייזט, אַז יידן האָבן שוין מער נישט געהאַט קיין צוטרוי צו זייערע גליקן, און אויך נישט געוואָלט באַין אופן זיך אָפּטיילן באַזונדער פונעם כלל ישראל, אַפילו אין רעליגיעזן זינען.

זיי האָט מען געהייסן אויך אָנטאָן טליתים. מען האָט געהייסן איינעם פון די יידן אָפּריכטן אַ תפילה. און די פילם־רעפּאָרטערן זענען אָנגעגאַנגען מיט זייערע אויפנאַמען.

אינצווישן איז אַרויסגעטראָטן אַ צווייטער ייד און געבעטן, אַז מען זאָל אים דערלויבן אָפּצוריכטן די תפילה. דער ייד האָט אָנגעהויבן מיט אַ קלינגענדיקער שטימע, וועלכע האָט דורכגעלעכערט דעם גאַנצן חלל פון לאַגער, און נאָכמער אונדזערע אַלעמענס הערצער, אַריינגעדרונגען ביז אין דער טיפעניש פון דער נשמה; אַפילו די, וועלכע האָבן נישט געגוי אַלץ פאַרשטאַנען, האָבן עס דערפילט.

אָנגעהויבן האָט ער מיט דעם קאַפּיטל תהילים כ״ב „אלי, אלי, למה עזבתני״. יעדעס וואָרט האָט צעבראָכן אונדזערע נשמות, אַרויסגעבראַכט דאָס גאַנצע ביטערניש, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין אונדזערע הערצער, און האָט אויסגעשריגען אונדזער גאַנצן ווייטיק. פון דער אַנדערער זייט, האָט די תפילה אויך געווירקט אַ ביסל אויף אונדז ווי אַ היילונג; מיר האָבן דערפילט, אַז מיר זענען נישט אין גאַנצן הפקר; עס איז נאָך געבליבן אַ שטיקל אַדרעס...

געענדיקט דאָס קאַפּיטל, האָט ער אָנגעהויבן דאָס קאַפּיטל ל״ה: „לדוד ריבה ה׳ את יריבי לחם את לחמי״, וואָס דער אינהאַלט דערפון איז, אַז עס קומט אָן צו אייך הערן־פאַלק דער טאָג פון דער גרויסער אָפּרעכענונג.

צום סוף האָט ער אויסגעלאָזט מיטן קאַפּיטל ס״ט: „הושיעני אלהים, כי באו מים עד נפש״, אין וועלכן עס שיטן זיך פאַרשידענע קללות אויף זייערע קעפּ, אַז זייערע הייזער זאָלן פאַרוויסט ווערן, און זייערע פרויען זאָלן ווערן אלמנות, און זיי זאָלן בכלל אָפּגעמעקט ווערן פון דער ערד.

ווען זיי ווייסן, וואָס ער זאָגט, וואָלט נישט גוט געווען — האָבן מיר געטראַכט — דערווייל האָט ער אונדז מאָראַליש געשטאַרקט, און פאַר זיי איז דאָס געווען וואַרשיינלעך אַ רעקלאַמע...

דער עולם דאָ פאַרגעסט אין אַלעם, נאָר איין זאַך האָט מען אין זינען, דעם הונגער, בפרט ביי דער אַרבעט, דאָ ביים ים, וואָס מאַכט אָן אַזאַ אַפּעטיט, אַז מען קען אַפילו עסן שטיינער. נישט קיין וווּנדער, וואָס אַלע גיבן זיך אונטער דעם „מאַיעסטעט״ דעם הונגער.

איך דערמאָן זיך, ווי איך בין געזעסן נישט ווייט פון ים ביי דער פויזע און געחלומט. אָ, ווען איך וואָלט געקענט זיין אויף יענער זייט ים...

ס'איז דאָך אינגאַנצן פון דאַנעט אפשר צוואַנציק קילאָמעטער, ביזן ענג־לישן ברעג. ווי אַזוי דרייט מען זיך פון דאַנעט אַרויס? איך האָב פאַרגעסן אין אַלעם און זיך איבערגעגעבן אינגאַנצן דעם חלום. מיר האָט זיך גע־דאַכט, אַז עס קומט אָן אַ זעגל־שיפל פון יענער זייט און איך בין שוין דאָרט.

עס האָט מיך אויפגעוועקט פון מיין חלום אַ געשפּרעך, וואָס איך האָב געהערט פון אַ דערבייַיק הייזל. איך האָב געהערט ווי איינער האָלט דאָרט אַ פאָרטראָג פאַר אַ גרופּע סאָלדאַטן. ער זאָגט, זיי זאָלן זיין אָפּפּערוויליק, ווייל אויף דעם ים־ברעג פון 10—12 קילאָמעטער געפינען זיך בלויז 187 סאָלדאַטן. ווען איך וואָלט געקענט דאָרט די וויכטיקע ידיעה מיטטיילן.

אַהיימגייענדיק האָבן מיר אויפן וועג געהאַט אַ צוגאָב צו דער אַרבעט. מען האָט צוזאַמענגענומען אַ פאַר הונדערט מאַן, אויך פון אַנדערע גרופּעס, און מען האָט געהייסן אַרויפציען אויף אַ באַרג אַרויף אַ האַרמאַט, וואָס אין מיין לעבן האָב איך אַזעלכן נישט געזען.

בעת דעם ערשטן וועלט־קריג, האָט מען דערציילט וועגן אַ „דיקער בערטע״, וואָס די דייטשן האָבן מיט איר באַשאָסן פּאַריז. אַן ענלעכן האַר־מאַט האָט מען אונדז געהייסן אַרויפציען אויפן שפּיץ באַרג. מען האָט אונטער אים אונטערגעלייגט ברעטער; אַ טייל פון אונדז איז געוואָרן איינגעשפּאַנט פון פאָרנט צו שלעפּן אים; אַן אַנדער טייל האָט געדאַרפט נאָכשטופּן; אַזוי האָבן מיר געשלעפּט און געשטופּט, העכער 2 שעה, ביז אויפן שפּיץ באַרג. ווען איינע פון די ביידע גרופּן — וואָלט חלילה — געוועזן נאָכלאָזן, וואָלט אונדז אַלעמען געדראָט צעקוועטשט צו ווערן.

איך האָב געקלערט, ווי אַזוי איז שוין מעגלעך איצט צו לאַנדן, ווען עס שטייט ביים ים־ברעג אַזאַ האַרמאַט? ווען מיר זענען צוריקגע־קומען אין לאַגער אַריין, האָבן מיר שוין, פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט קיין עסן. נאָר וועמען אַרט אַזעלכע נאַרישקייטן?

אין אַ געוויסן אָוונט האָט מען אונדז פאַרזאַמלט און אַן ס.ס.־מאַן האָט געהאַט צוגעגרייט אַ רעפּערטואַר פון לידער. די לידער זענען אונדז גע־ווען פרעמד. אָבער דער ס. ס.־אָנפירער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גוטן לערער. טאָמער האָט זיך אים געדאַכט, אַז מיר זינגען נישט אַזוי אַקו־

ראַט, ווי ער האָט געוואָלט, האָט ער זיך נישט געפּוילט און אונדז גע־הייסן איבערזינגען נאָך אַמאָל און נאָכאַמאָל. ער האָט קודם כל אָנגע־הויבן דאָס „האָרסט־וועסל״־ליד: „ווען דאָס יודן בלוט פון מעסער שפּריצט, ווי איז עס אונדז אַזוי וווּיל און גוט״. און נאָך ענלעכע צוקער־דיקע לידער קעגן יידן.

אין אַ געוויסן טאָג האָט געטראָפן אַמאָל מיט אַ ייִנגל. ווען זיין פאָ־טער איז דאָרט געשטאָרבן, האָבן זיי באַין אופן נישט דערלויבט דעם ייִנגל בייצוזיין ביי דער קבורה פון זיין פאָטער. ווען ער האָט אָנגעהויבן צו וויינען און בעטן, אַז מען זאָל אים דאָך דערלויבן בייצוזיין ביי דער קבורה, האָבן זיי אים געזאָגט: „דרעק יודע״ וויר ווערדען דיר שוין צייגן, פאַרוואָס דו וויינסט...

איך רייס דאָ איבער מיט מיינע זכרונות, וואָס זענען אָנגעזאַפּט מיט צרות און טרויעריקע איבערלעבענישן, און גיב איבער פון היינט, וואָס הויבט אָן צו ווייזן — אפשר — אויף בעסערע צייטן פאַר מיר און פאַר דער וועלט.

מיר זענען שוין אין יולי 1943. דער שליח פונעם געהיימען קאָמי־טעט איז מיט אַ צייט צוריק ביי מיר געווען. אַ חוץ דער פּראָדוקטן־קאַרטע, וועלכע ער פלעגט מיר, אין די לעצטע חדשים, צו ברענגען, האָט ער מיר שוין דאָס מאָל אויך געבראַנגט 325 פראַנק צו קענען אויסקויפן די פּראָדוקטן פון דער פּראָדוקטן־קאַרטע. די סומע וועט ער מיר האָפנט־לעך יעדן חודש ברענגען.

ווער קען זיך איצט צו מיר גליכן, אויסער דעם פחד, וואָס איך האָב, ווייל די געסטאַפּאָ קען מיך פון דאַנעט יעדן מאָמענט אַרויסנעמען. און אויך אויסער דעם ווייטיק און שרעק, וואָס איך לייד צוליב מיין אַוועקגענומענער פאַמיליע. טראָג דעם אַלעמען — „מי ידמה לי ומי ישווה לי״. אויך אויף די פראָנטן גייט עס, לויט די מעלדונגען פון די פרעמדע ראַדיאָ־סטאַציעס אויסגעצייכנט. איבערהויפּט אויפן רוסישן פראָנט. דאָרטן ליידן די דייטשן ריזיקע מפּלות. זייער צוזאַמענברוך איז שוין האָפנטלעך אַ זיכערע.

אויף פרעמדער ערד

איך קער זיך צוריק צו מיינע זכרונות.

מיר זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט יעדן טאָג מיט געמישטע געפילן: פון איין זייט דאָס גליק צו קענען כאָטש אויף אַ קורצער צייט פטור צו ווערן דאָס פינצטערע גיהנום פון ציטערן אויף שריט און טריט פאַר יעדן איינציקן פון זיי, וועלכער קומט דיר אַנטקעגן; אָבער פון דער אַנדערער זייט, דער פחד פון דעם אומבאַוווסטן, וואָס קען אונדז טרעפן ביי דער אַרבעט... ווער ווייסט, וואָסער אַרבעט מיר גייען אַנטקעגן?... וועלכן אויפזעער מיר וועלן אָנטרעפן ביי דער אַרבעט?

די פּרווו-לאַנדונג אין דיעפּ

אין אַ געוויסן פרימאָרגן, ווען מיר זענען אַרויס צו דער אַרבעט, האָבן מיר געהאַט צווישן די אַנדערע שומרים, אַ סאָלדאַט, וואָס איז צו אונדז געווען פריינדלעך. ווי באַוווּסט, טאָרן די שומרים מיט אונדז נישט האָבן קיין שום קאָנטאַקט... זיי טאָרן מיט אונדז נישט רעדן. נישט געבן אָדער נעמען אַ ציגאַרעט, אָדער אַפילו פייער.

דעם אמת געזאָגט, איז אַ גרויסער טייל פון זיי נישט מקפּיד אויף דעם אויף הונדערט פּראָצענט (ווייל זיי זענען אַלע פון דער „טאָדט"־אָרגאַניזאַציע, עלטערע מענטשן, און איך גלויב אויך אינוואַלידן). אָבער דער שומר אונדזערער איז געווען באַזונדערס צו אונדז פריינדלעך. ער האָט דערלאַנגט פון צייט צו צייט ווען אַ ציגאַרעט און האָט אַ ביסל שפּעטער געפּרובירט אַריינמישן אין זיין דייטש עטלעכע פּוילישע ווער־טער. און ווען ער האָט געזען, אַז מיר פאַרשטייען, איז ער אינגאַנצן אי־בערגעגאַנגען אויף פּויליש און אונדז דערציילט, אַז ער שטאַמט פון פּויזן (פּוילן) און אַז ער איז געצוווּנגען געוואָרן דורך די דייטשן מיט־צוגיין אין מיליטער.

מיר זענען אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר קילאָמעטער און עס האָט זיך אונדז געדאַכטן, אַז מיר הערן עפּעס גאַנץ ווייט שיסן. ווען מיר זענען ווידער אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר קילאָמעטער האָבן מיר אָנגעהויבן צו הערן דייט־לעכע שטאַרקע שיסערייען. מיר האָבן געמיינט, אַז דאָס זענען אי־בונגען פון די דייטשן, אָבער אונדזער שומר האָט געזאָגט, אַז דאָס איז נישט קיין איבונגען; ער האָט אונדז געגעבן צו פאַרשטיין מיט ווונק און שמייכל אין קאַרגע ווערטער, אַז דאָס איז אַ לאַנדונג פון די ענגלענדער. אונדזערע שומרים האָבן אונדז צוגעפירט צו דער וואַך (אַ פּאָר קילאָמע־טער פון ים), און פון דאָרטן דאַרף דער מיליטערישער אָנפירער אונדז פירן צו דער אַרבעט, וועלכע געפינט זיך האַרט ביים ים.

דאָרט האָבן מיר שוין אָנגעטראָפן אויף מיליטערישער גרייטקייט. זיי האָבן שוין דעמאָלט נישט אין זינען געהאַט קיין אַרבעט, אָבער ווען זיי האָבן אונדז דערזען אויפֿן פּלאַץ און וויזט אויס איז זיי דאָך געווען אַ שאָד אונדז סתם צו לאָזן אַ טאָג אָן אַרבעט. זיי האָבן געמאַכט אויף דער שנעל אַ באַראַטונג צווישן זיך און באַשלאָסן, אַנשטאָט אונדז צוריקצושיקן אין לאַגער, טראָץ דער שווערער סיטואַציע, איז בעסער, אַז די שומרים זאָלן אונדז צופירן די פּאָר קילאָמעטער ביז צום אַרבעטס־פּלאַץ. די שומרים האָט מען באַפוילן זיך גלייך אומקערן.

מיר זענען אָנגעקומען צום אַרבעט־פּלאַץ, דאָ זענען מיר געבליבן מיט זיך אַליין און מיטאַמאָל האָבן מיר דערזען ווי דער הימל איז טונקל געוואָרן און עס האָט זיך דערהערט אַ מעכטיק גערויש פון הונדערטער עראָפּלאַנען, און איידער מיר זענען געקומען צו זיך, האָט אָנגעהויבן צו רעגענען מיט באָמבעס.

אונדזערע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו זוכן אַ באַהעלטעניש, וווּ זיך צו באַשיצן פון די אויפרייסנדיקע באָמבעס; ענדלעך האָבן מיר דערזען אין דער נאָענט אַ פאַרמאַסקירטן בונקער, און מיר האָבן גענומען לויפן אַהין.

ווען מיר זענען שוין געווען ביים איינגאַנג איז אונדז אַנטקעגנגעלאָפן אַ סאָלדאַט מיט אַ געשריי: „דער אויבערלויטענאַנט האָט באַפוילן נישט אַריינצולאָזן די יידן אין בונקער. יידן דאַרפן נאָר לויפן אין דער קירכע".

מיר האָבן גענומען לויפן און זוכן די קירכע, מיינענדיק צו געפינען עפּעס אַ קירכע, אַזוי ווי מיר זענען געווען געוווינט צו זען אין פּוילן און אין בעלגיע; געבויט מיט ריזיקע מאַסיווע מויערן; מיר האָבן אָבער דער־זען פאַר זיך אַ קליינע הילצערנע דאָרפישע קירכע, וואָס איז נאָך דערצו געווען פאַרשלאָסן.

דער אויבער־לויטענאַנט, וואָס האָט אונדז דערלויבט צו באַהאַלטן זיך אין דער קירכע, האָט זיכער נישט געטראַכט, אַז אין זכות פון דער קירכע וועלן מיר ניצול ווערן. דער דייטשער אָפיציר איז, פונקט ווי אַלע,

אויך געווען פאַרסמט פון געבעלס פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע האָט נישט אויפ־געהערט צו שרייען, אַז די ענגלענדער און אַמעריקאַנער האָבן מורא זיך צו דערנענטערן צו די דייטשע פּאָזיציעס, דעריבער וואַרפן זיי אַראָפּ זייערע באָמבעס אויף קירכעס און שפּיטעלער. און דערפאַר האָט ער אונדז געהייסן גיין צו דער קירכע, האַלטנדיק, אַז מיר ווילן דאָרט געהרגעט ווערן.

די באָמבאַרדירונג איז דערווייל ווייטער אָנגעגאַנגען, און מיר האָבן אַרומגעבלאָנקעט איבערן פרייען פעלד זוכנדיק עפּעס אַ באַהעלטעניש.

מיט אַמאָל האָבן מיר דערזען דורכלויפן אַ גרופּע סאָלדאַטן, צווישן זיי איז אויך געווען אונדזערס אַן אויפזעער צו די שוץ־גרובנס. דער אויפזעער האָט געשריען צו אונדז: „מענטשן, וואָס דרייט איר זיך אַרום אונטערן פרייען הימל? לויפט שנעל אַריין אין בונקער״.

האָבנדיק פון אים די דערלויבעניש, זענען מיר גלייך אַריין אין בונקער, און דאָרטן האָבן מיר אויך געטראָפן צוויי פון די דייטשע העלדישע זעל־נער, וועלכע האָבן געדאַרפט לויפן אין די שוץ־גרובנס, אָבער דערווייל בעסער זיך אויסבאַהאַלטן אינעם בונקער. זייערע פּנימער זענען געווען ווייס ווי קאַלך און אינגאַנצן האָבן זיי געציטערט ווי פון קדחת. דער־שראָקענע האָבן זיי גערעדט צו אונדז און געזידלט די וואַנזיניקע מלחמה. איינער האָט דערציילט, אַז ער האָט איבערגעלאָזן אין דער היים אַ פרוי מיט זיבן קינדער. דער אַנדערער האָט אויך געשטאַמלט וועגן אַ שטוב מיט קינדער, דאָס האָבן זיי זיך געוואָלט פאַרענטפערן פאַרן באַהאַלטן זיך אינעם בונקער.

דאָס וואָס איז דעם טאָג פאָרגעקומען, ווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, איז געווען אַ פּראָבע־לאַנדונג פון די קאַנאַדער אין דיעפּ (אַ האַפן אין נאָרד־פראַנקרייך).

ווען די באָמבאַרדירונג האָט אויפגעהערט זענען מיר אַרויס אין דרויסן און נישט ווויסנדיק, וואָס מיר האָבן מיט זיך צו טאָן, האָבן מיר זיך אָוועקגעלייגט אויף דער ערד אין מיטן פעלד. מיט אַמאָל איז פאַר אונדז — אַזוי ווי פון דער ערד — אויסגעוואַקסן עפּעס אַן עלטערער ציווילער דייטש, ביי די זיבעציקער; ער האָט אונדז דערקלערט, אַז ער

איז אַ בוי־מייסטער, און אין אַ פּאַטערלעכן טאָן האָט ער אונדז דער־ציילט וועגן זיין ווייטיק, אַז ער האָט פאַרלוירן זיין איינציקן זון, וועל־כער איז געפאַלן אויפן אַפריקאַנער פראָנט, אין ראָמעלס אַפריקע־קאָר־פּוס. גלייכצייטיק האָט ער געזאָגט אַז מען דאַרף זיך נישט אַרומדרייען אַזוי ליידיק, ווייל עס איז אַ שאָד, און ער האָט אונדז גלייך געגעבן עפּעס אַן אַרבעט.

ווען מיר האָבן געענדיקט די אַרבעט, וועלכע איז באַשטאַנען אין אויסגלייכן אַ פּאָר ברעגלעך, האָט ער אונדז געהייסן צוריק אָנשיטן די ברעגלעך, ווי זיי זענען געווען פריער.

מיר האָבן געטראַכט, אַז ער האָט זיכער געהאַט אַ טעות אָבער ווי דערשטוינט זענען מיר געוואָרן, ווען ער האָט נאָך דעם ווי מיר האָבן די ברעגלעך שוין געהאַט פאַרשאָטן, ווידער געהייסן זיי אויסגלייכן. אַזוי האָט ער איבערגעחזרט כסדר איינס נאָכן אַנדערן.

מיר זענען געוואָרן שרעקלעך פאַרמאַטערט, נישט נאָר פון דער אַרבעט, נאָר נאָכמער פון איר עקלהאַפטיקייט און בוצלאָזיקייט.

ענדלעך איז געקומען אונדזער צייט אַהיימצוגיין. לויט דער דייטשער מיינונג, האָט עס דעמאָלט יאָ געזאָלט זיין אַן אמתע לאַנדונג, נאָר עס איז נישט געלונגען. אָבער אויך די דייטשע זיכערקייט פון זיגן און נאָכאַמאָל זיגן, איז דערמיט פאַרשוווּנדן. עפּעס אַן אומרויִקייט איז אַריינ־געטראָטן אין זייערע רייען. מען הערט שוין נישט, אַז זיי זאָלן רעדן מיט אַזאַ זיכערקייט וועגן געווינען דעם קריג. איצט הערט מען בלויז, ווי זיי זאָגן: „מיר טאָרן דעם קריג נישט פאַרלירן". אַזוי האָט שוין צו אונדז גערעדט אונדזער ערשטער אויפזעער: „מיר טאָרן און קענען נישט פאַר־שפּילן"...

כאָטש מיר זענען געווען אָפּגעשניטן פון וועלכע עס איז אָפיציעלע נייעס, וועגן דעם וואָס עס הערט זיך אויף די פראָנטן. און עס איז גע־שען — ווי מען זאָגט — „עוף השמים יוליך את הקול". מיר האָבן געוווּסט, אַז ביי סטאַלינגראַד האָט זיך עפּעס פאַרהאַקט... אַ סימן, אַז עס גרייט זיך דאָ אָדער דאָרט עפּעס אַזעלכעס, וואָס מען רופט אַ מאַרש אויף צוריק...

דער אויפזועער איבערן פּראָוויאַנט האָט אין אַ שיכורן צושטאַנד געזאָגט צום קיכער: „מיר זענען פאַרלוירן; וועלן מיר זיגן, וועלן מיר זיין אייביקע סאָלדאַטן, וועלן מיר פאַרלירן, וועלן מיר זיין אייביקע שקלאַפן...״

מיר האָבן געטראַכט, אַז מיר האָבן שוין נישט וואָס אָנצווווערן. אויפן ערגסטן פאַל וועט שוין איצט זיין „תמות נפשי עם פלישתים״, וואָס ביים איצטיקן צושטאַנד איז דאָס אויך אַ גרויסע טרייסט. איך האָב גע־לעכצט נאָך עפּעס אַ צייטונג כדי צו וויסן ווו מיר האַלטן עפּעס אין דער וועלט.

די חברה טראַכט נאָר און איז פאַרזונקען אין איין געדאַנק ווי אַזוי צו קריגן נאָך אַ ביסל עסן, אַ בעסערע געדיכטערע זופּ, אָדער בעסערע, לייכטערע אַרבעט.

מיין פּלאַן אַהיימצוקומען

מיינע אַלע חושים זענען געווען אַריינגעטאָן בלויז אין דעם איינעם, ווי אַזוי אַרויסצודרייען זיך פון דאָרט און געפינען אַ וועג צו אַנטלויפן; סתם אַנטלויפן איז ביי מיר נישט געקומען אין באַטראַכט צוליב פאַרשידענע טעמים... אָבער איך האָב אָנגעהויבן קלערן וועגן אַן אַנדער אויסוועג. ערשטנס, פּרוּוון זיך אַליין ראַטעווען און אפשר אויך — אויב ס'וועט מיר געלונגען — אַראָפּכאַפּן זיך אַהיים באַצייטנס צו ראַטעווען דאָרט די פאַמיליע.

איך האָב געקלערט, אַז מיט דער הילף פון מיין צויבער־שליסל — די ענגלישע וואַלוטע — וואָס איך האָב נאָך געהאַט אין מיין באַזיץ, וועט מיר געלונגען דאָס דורכצופירן. איך האָב געטראַכט וועגן אַ מיטל צו ווערן אויף אַן אמת קראַנק און דאַן אפשר מיט דער הילף פון סאַני־טאַר אויספועלן, אַז מען זאָל מיר שיקן קיין בולאָן אינעם אַרטיקן פראַנ־צויזישן פּריוואַט־שפּיטאָל. ווען עס וועט מיר שוין געלונגען צו זיין דאָרט, וועל איך זיי דאָרט קענען איבערצייגן מיט מיין „אייגנאַרטיקן מיטל" מיך אָפּצושיקן אַהיים.

איך האָב געוווּסט, אַז דאָס זענען דערווייל חלומות. איך האָב דאָך גע־זען, ווי אַזוי עס קומט פאָר די באַהאַנדלונג פון די קראַנקע. אָבער אפשר? ווייל איך האָב אויך אין זינען געהאַט: הכסף יענה את הכל.

אינצווישן זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז לעצטנס איז דאָ געווען אַ דייטשער גענעראַל, און זעענדיק דעם צושטאַנד פון די אַרבעטער, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי איז שוין באַשטאַנען פון אינוואַלידן, האָט ער אַרויסגע־געבן אַ באַפעל, אַז די אמתע קראַנקע זאָל מען זען ווי וויט מעגלעך אָפּ־שיקן צוריק אַהיים. ער האָט זיכער געוווּסט, אַז אין דער היים וועלן זיך

מיט די דאָזיקע אינוואַלידן שוין באַשעפטיקן די געסטאַפּאָ־לייט. ער איז געווען אַ פּראַקטישער מענטש און עס איז אים אַ שאָד געווען אויך דאָס קאַרגע עסן, וואָס די אינוואַלידן האָבן באַקומען פאַר זייער אַרבעט. עטלעכע טעג שפּעטער האָבן מיר אויך געהערט, אַז מען האָט אַראָפּ־געבערענגט פון בריסעל אַ פּריוואַטן דאָקטאָר.

נישט פאַרלירנדיק קיין איין טאָג, האָב איך אָנגעהויבן רעאַליזירן מיין פּלאַן. קודם כל האָב איך אָנגעהויבן מיטן אָוועקשטעלן דאָס גאַנצע עסן. דאָס איז נישט געווען קיין הונגער־שטרייק. איך האָב עס גערופן, אַ הונגער־קוראַציע, און אַזוי ווי עס האָט זיך נאָך געהאַט פאַרוואַלגערט ביי מיר נאָכן ערשטן גרויסן רויב עטלעכע פעקלעך טאַבאַק, האָב איך איין טאָג אויסגערויכערט אַן ערך 30—40 סיגאַרעטן. דאָס נישט עסן פון אַ פּאָר טעג, און דאָס אויסרויכערן מיט איינמאָל אַזוי פיל פּאַפּיראָסן, האָט געמאַכט דאָס זייניקע, און דערפירט, אַז איך האָב געקריגן אַן אָנפאַל פון ברעכן, און אַ שווער האַרץ־קלאַפּעניש.

פאַרנאַכט, אַנשטאָט צו גיין נעמען דאָס טעפּל זופּ, בין איך געגאַנ־גען זיך מעלדן צום דאָקטאָר. דאָרט האָב איך שוין געטראָפן אַ גרויסע רייע אמתע קראַנקע. ווען עס איז דערגאַנגען צו מיר און ער האָט גענו־מען אין האַנט אַריין מיין פּולס, האָט ער גלייך אַרויסגעטראָגן זיין אור־טייל, אַז איך בין נישט קראַנק, נאָר צופיל אויפגערעגט. איך האָב זיך גענומען בעטן ביי אים, אַז איך פיל זיך באמת קראַנק, האָט ער געזאָגט, אַז איך זאָל צוּוואַרטן ביז ער וועט באַטראַכטן נאָך עטלעכע פּאַציענטן און ער וועט דאַן קענען נאָכאַמאָל מיך אונטערזוכן, און פעסטשטעלן וואָס מיט מיר איז.

במשך דער צייט, וואָס איך האָב געדאַרפט וואַרטן, האָב איך געטאָן אַלץ נישט נאָכצולאָזן פון מיין גייסטיקער אויפרעגונג; איך האָב געוווּסט, אַז אַלע מיינע האָפענונגען זענען געשטעלט אויף דער קאָרט. ווען דער דאָקטאָר איז ענדלעך נאָכאַמאָל צוגעקומען צו מיר און גענומען מיך אונ־טערזוכן, האָב איך געזען ווי ער נעמט צווייפלען אין זיין ערשטער דיאַג־נאָזע. ער האָט מיר געזאָגט אַז ער גיט מיר דעם מאָרגנדיקן טאָג פריי, און אַז איך זאָל אויפצומאָרגנס ווידער קומען צו אים. איך האָב געזוכט

אַ געלעגנהייט מיט אים עפּעס צו רעדן. אָבער עס איז נישט געווען מעגלעך.

אויף צומאָרגנס האָב איך ווידער אָנגעוואָנדן מיין רעצעפּט, און ער האָט מיר ווידער געגעבן נאָך אַ טאָג פריי. אַזוי זענען אַוועק דריי טעג. מיינע חברים האָבן אויף מיר רחמנות געהאַט, געקוקט אויף מיר ווי אויף איינעם, וואָס קען שוין בכלל נישט עסן און איז שוין אין גאַנצן דער־ליידיקט...

ווען איך בין אַריינגעקומען צום דאָקטאָר, האָט ער מיר ווידער גע־געבן נאָך אַ טאָג פריי און דערביי מיר געזאָגט, אַז מער וועט ער פאַר מיר גאָרנישט קענען טאָן, ווייל דאָס געזעץ דערלויבט נישט צו באַ־פרייען מער ווי אויף פיר טעג. וואָלט איך געווען שווער קראַנק, וואָלט ער מיך אַהיימגעשיקט, אָבער איך געהער נישט צו דער קאַטעגאָריע, און דערפאַר איז עס מיין לעצטער רו־טאָג.

איך האָב זיך געפילט ווי איינער, וואָס מען וואָלט אים מיטאַמאָל אָפּ־געהאַקט דעם קאָפּ. איצט האָב איך געטראַכט איז אַלץ פאַרלוירן, און איך דאַרף צוריק גיין צו דער אַרבעט. וואָס טוט מען?

אַרומדרייענדיק זיך אַזוי אַ דערשלאָגענער, אינעם הויף פון לאַגער, האָב איך מיטאַמאָל דערהערט, אַז מען האָט איצט געבראַכט אַ 15־16־יאָריק יינגל, וועלכער איז געוואָרן צעקוועטשט צווישן צוויי אייזערנע וואַגאָנדלעך ביי דער אַרבעט, און אַז מען האָט אים אַוועקגעלייגט אין אַ באַראַק, וואָס געפינט זיך אין צוויטן עק לאַגער. דאָס יינגל, וועלכער האָט מיר געברענגט די ידיעה, האָט צוגעגעבן, אַז ביי יענעם זענען אַרויס די קישקעס. דערהערנדיק דאָס, האָב איך זיך געטראַכט, מילא, וואָס עס איז מיט מיר איז פאַרפאַלן, אָבער דערווייל בין איך נאָך אַ מענטש, און מען דאַרף צוגיין זען, וואָס מיט יענעם יינגל טוט זיך. צוקומענדיק אַהין האָב איך דערזען, אַז פון אונטערן דיקן טייל קערפּער הענגט ביי אים אַרויס אַ ווייסע לאַנגע קישקע.

איך בין געוואָרן אויפגעקאָכט, און געלאָפן ברענגען דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט געוווינט אין דעם באַראַק צוזאַמען מיט די ס. ס. לייט. מיר איז געווען זייער שווער אַריינצוקומען אַהין, און זיך באַגעגענען מיט

זיי. אָבער איך האָב זיך נישט געקענט אָפּזאָגן פון מיין מענטשלעכער פליכט. גייענדיק אַהין, איז מיר גלייכצייטיק איינגעפאַלן אַ פּלאַן...

אַריינקומענדיק אין דעם באַראַק, האָב איך צום גליק נישט געטראָפן קיינעם פון די ס. ס. לייט, נאָר בלויז דעם דאָקטאָר און נאָך אַ פּאָר יידי־שע אויפזעער. איך האָב אַ געשריי געטאָן צום דאָקטאָר, אַז ער זאָל לויפן שנעלער צו דעם קראַנקן, וואָס די קישקעס זענען ביי אים אַרויס, און ער געפינט זיך אין אַ גסיסה־צושטאַנד.

דער דאָקטאָר איז גיך אַרויס און אויפן וועג האָב איך צו אים געזאָגט: „הער דאָקטאָר, אויך איך בין זייער קראַנק. און איך בין גרייט אייך גוט צו באַלוינען מיט אַ זאַך, וואָס אייך פעלט גאָרנישט אייך". איך האָב דאָס געזאָגט זייער שנעל, געוואָלט מאַכן אויף אים די געהעריקע ווירקונג.

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט שטוינונג „ווייסטו וואָס דו האָסט צו מיר איצט געזאָגט? ווייסטו וואָס אונדזביידע דראָט פאַר אַזאַ זאַך"? ער האָט דערזען די שרעק, וואָס האָט זיך געמאָלן אויף מיין פנים, און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט דערפון נישט מאַכן קיין געברויך, און אַז איך זאָל מער נישט קומען צו אים מיט אַזעלכע פאָרשלאָגן. ער איז מיט מיר אַריינגעגאַנגען אין באַראַק און פעסטגעשטעלט, אַז ביי דעם יינגל איז בלויז אַרויס אַ באַנד־וואָרעם.

צעבראָכן און צעווייטיקט בין איך צוריק אַוועק אין מיין באַראַק. אויך די אויסערגעוויינלעכע געלעגנהייט, וואָס האָט זיך מיר אַזוי אומ־געריכט באַוויזן, איז אַזוי שנעל אויסגערונען געוואָרן, נאָך שנעלער ווי זי איז געקומען.

עס איז נישט אַוועקגעגאַנגען קיין שעה, ווי איך האָב דערהערט פּלוצים רופן מיין נאָמען. אַ יינגל פון אַ יאָר 12 איז געגאַנגען פון איין באַראַק צום צווייטן און מיך גערופן. איך בין געוואָרן שטאַרק דערשראָקן, וואָס קען דאָס זיין?... אָבער דאָס יינגל האָט מיר געזאָגט, אַז דער דאָק־טאָר שטייט פון דערווייטנס און וואַרט אויף מיר...

הייסט עס, אַז מיין פאָרשלאָג האָט יאָ געהאַט אַ ווירקונג... איך בין צו אים צוגעקומען.

קודם כל האָט ער זיך פֿאַר מיר אַנטשולדיקט. ער האָט פֿריער נישט געקאָנט מיט מיר רעדן, ווייל די ס. ס. האָבן זיך געפֿונען אויפֿן לאַגער־שטח (אַ תּירוץ). ער האָט מיר געהייסן איבערחזרן מיין פֿריערדיקן פֿאָר־שלאָג.

דאָס מאָל האָב איך מיין פֿאָרשלאָג מער צעשפּרייט. ער האָט מיך געפֿרעגט פֿון וואַנען בין איך. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין פֿון אַנטווערפּן; אַז איך בין דאָרט געווען איינער פֿון די גרעסטע דיאַמענ־טערן, און אַז איך האָב ביי מיר אַ גרויסע סומע וואַלוטע. ער האָט געזאָגט צו מיר, אַז מען ווייסט נישט ווו עס איז בעסער פֿאַר אַ ייד, צי דאָרט אין דער היים צי דאָ אין לאַגער. ער, זאָגט ער, פֿאָרט אַהין קיין בריסעל און צוריק, און ער ווייסט, אַז דאָרטן ווערן אַלע יידן געשיקט נאָך אָסטן... ער האָט מיך אויך געפֿרעגט, ווו איך טראַכט צו פֿאָרן, נאָכן באַפֿרייען זיך.

איך האָב באַמערקט ביי אים, אַז ער האָט מורא, טאָמער פֿאָר איך צוריק קיין בעלגיע... דעריבער האָב איך אים געענטפֿערט, אַז איך רעכן צו פֿאָרן קיין פּאַריז, ווייל איך האָב דאָרט אַ נאָענטע פֿאַמיליע.

ער האָט מיך געהייסן גלייך אַריינגיין אין מיין באַראַק און דאָרטן בלייבן ליגן. ער וועט דאָרט באַלד אַריינקומען און וועט מיך אונטערזוכן. דאַן זאָל איך אים געבן, וואָס איך וויל אים געבן, ווייל דערווייל איז קיי־נער נישטאָ אין לאַגער...

איך בין געלאָפֿן שנעל צוריק אין מיין באַראַק, און זיך געלייגט אויף דער אויבערשטער פּריטשע און אַרויסגענומען פֿון מיין באַהעלטעניש, וואָס איך האָב געהאַט אין דאַשעק פֿון היטל. כ׳האָב סאָרטירט דאָס גאַנצע בינטל ענגלישע פֿונטן. די גרויסע באַנקנאָטן האָב איך געלייגט פֿון ביידע זייטן אין דער הויך און צווישן זיי די האַלבע און איינציקע פֿונטן. אַזוי אַז עס האָט אויסגעזען אַ ריזיקע סומע. איך האָב געוווּסט, אַז ביז ער וועט אַהיימפֿאָרן, וועט ער עס נישט וואַגן צו באַקוקן און איבערציילן.

ער איז אַריינגעקומען און גענומען באַטראַכטן מיך. אינצווישן האָב איך אים אַריינגעשטעקט אין האַנט דאָס פּעקל באַנקנאָטן; ער האָט אַ בליק געגעבן דערויף, און עס שנעל אַריינגעלייגט אין זיין הויזן־טאַש.

ער האָט מיר אַרויסגעגעבן אַ צעטל און ביי זיך געלאָזן אַ קאָפּיע, אין וועלכן ס׳איז געשריבן, אַז איך מוז תיכף פאַרלאָזן דעם לאַגער, ווייל עס אַנטוויקלט זיך ביי מיר אַן אַנשטעקנדיקע קראַנקהייט און עס איז אַ געפאַר, אַז מיט מיין קרענק קען איך אַנשטעקן דעם גאַנצן לאַגער. ער האָט מיר נישט פאַרגעסן אַנצוזאָגן, אַז טאָמער דערוויסט זיך ווער דער־פון, דראָט אונדז ביידן די קויל...

גראָד איז דער טאָג געווען זייער אַ רעגנדיקער, ממש ס׳האָט געגאָסן מיט עמערס. ווען מיין שכן פון געלעגער איז אַהיימגעקומען, האָט פון אים געררונען ווי פון אַ קוואַל. ער האָט צו מיר געזאָגט, ווי גליקלעך איך בין, אַז איך האָב היינט נישט געאַרבעט. ער איז געווען איינגאַנצן צע־בראָכן, ווייל ער האָט געליטן פון אישיאַס; איך האָב געקריגן שטאַרק רחמנות אויף אים בפרט, ווען איך האָב אים געזען וויינען; דער געפיל ביי מיר האָט גובר געווען דעם שכל; איך האָב אים געראָטן, אַז ער זאָל נישט גיין נאָך קיין עסן, נאָר זאָל גיין אין דער צייט בעסער צום דאָקטאָר (ווייל דער דאָקטאָר האָט נאָר אָנגענומען אין אָוונט, ווען מען האָט גראָד געטיילט דאָס עסן), און זיך באַקלאָגן אויף די אישיאַס, און ווייטער וועט מען זען.

ער האָט עפּעס פון מיר פאַרשטאַנען. ער איז גלייך אַוועק צום דאָק־טאָר, צוגעבנדיק דערביי: „משטיינס געזאָגט, וואָס קען מען מיר אַלס ייד העלפן, נאָר מן הסתם, אַז איר זאָגט גיין, גיי איך״.

ער איז צוריקגעקומען פון דאָרט מיט אַ טאָג באַפרייונג פון דער אַרבעט. זיין נאָמען איז טשעק, אַ קצב אין אַנטוועריפּן. נאָך דעם האָט ער מיך אָנגעהויבן צו בעטן, אַז איך זאָל אים נאָך עפּעס זאָגן, און האָט פאַר מיר שטאַרק געוויינט, ער האָט אַ פרוי מיט קינדער.

איך האָב מיר געטראַכט, אַז עס קען גיין מיט איינעם, אפשר קען דאָס גיין מיט נאָך איינעם. ווי אַזוי קען איך ביי זיך פועלן אַוועקצופאָרן און אים איבערלאָזן? אָבער ער האָט נישט געהאַט ביי זיך קיין געלט. אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט האָט ער אויפגעגעסן, קויפנדיק זיך ביי דעם פראַנצויזישן שאָפער ברויט, און שפּעטער עפּל און טרויבן. איך דאַרף האָב געשפּאָרט, אַפילו מיט די קליינע איבערגעבליבענע סומע

בעלגישע פראַנקן, פאַר אַן אַנקומענדיקן שוואַרצן טאָג, ווען מען וועט דאָס געלט שטאַרק דאַרפן. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ זייגער זייער אַ גוטן, מיט אַ גאָלדן קייטל, און מיך געבעטן, איך זאָל אים צובאָרגן נאָך טויזנט פראַנק, אפשר וועט עס גיין.

איך בין אַרויס עפנטלעך אויפן לאַגער־פּלאַץ צום דאָקטאָר מיט פּאַ־פּירן אין האַנט, כלומרשט אים עפּעס פרעגן וועגן מיר, ווייל אַלע האָבן געוווּסט, אַז איבערמאָרגן גיי איך אַהיים. בעתן ווייזן די פּאַפּירן האָב איך אים שטילערהייט איינגערוימט, אַז איך האָב דאָ מיין שוואָגער מיט מיר, און אַז איך האָב נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי אים צו דערציילן. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז מיין שוואָגער פאַרמאָגט נישט מער ווי בלויז אַ זייגער מיט אַ קייטל און טויזנט פראַנק.

ער האָט דערויף מסכים געווען, געהייסן איך זאָל אים דאָס ברענגען, אַריינגעלייגט אין אַ פּעקל טאַבאַק. איך האָב דאָס אַלץ צוזאַמען אַריינגע־לייגט אין אַ פּעקל טאַבאַק, ווי אויך מיינע לעצטע טויזנט פראַנק, וועלכע זענען מיר נאָך איבערגעבליבן, און מיט גרויס האַרצקלאַפּן בין איך געגאַנגען צום דאָקטאָר אין זיין באַראַק, בעטנדיק גאָט, אַז איך זאָל, חלילה, נישט אַנטרעפן אויך אויף די ס. ס. לייט. און עס איז געלונגען, איך האָב דאָרט פון זיי קיינעם נישט געטראָפן. דער דאָקטאָר איז געקו־מען אין אָוונט און געמאַכט מיין שכן אַן איינשפּריצונג, און מען האָט אויך אים אַריינגענומען אין דער ליסטע פון די אַהיימפאָרערס.

דער דריטער פון מיין געלעגער (מיר זענען געשלאָפן צו דריי אויף איין געלעגער), מיטן נאָמען נאַטאַוויץ האָט דאָס באַמערקט, און האָט אויך אָנגעהויבן פאַר מיר צו וויינען טענהנדיק, אַז קודם כל איז ער מיין גע־לעגער־חבר און האָט אויך געוווינט מיט מיר אין אַנטווערפּן בשכנות, און האָט אויך איבערגעלאָזן אין דער היים אַ פרוי מיט קינדער... אגב בין איך אים שולדיק געווען אַ מאָראַלישן חוב, מחמת ער איז דאָס געווען דער יעניקער, וואָס איז אַמאָל געגאַנגען בעטן פאַר מיר דעם אויפזעער, אַז איך קען נישט טראָגן אַזעלכע שווערע זאַכן און ער האָט דעמאָלט אויסגע־פועלט פאַר מיר אַ גרינגערע אַרבעט; און דער עיקר ער האָט ביי מיר נישט געבעטן, אַז איך זאָל פועלן ביים דאָקטאָר אויף איצט גלייך מיט מיר

אַהיים צוגיין, ווייל ער האָט אויך געוווּסט — גלייך מיט מיר — אַז עס קען פּלאַצן דער גאַנצער ענין, אַז דריי פּערזאָן פון איין געלעגער זאָלן מיט איינמאָל אַהיים גיין. ער האָט דעריבער ביי מיר געבעטן, אַז איך זאָל כאָטש ביים דאָקטאָר אויספועלן, אַז מען זאָל אים אַהיימשיקן מיטן נאָענטסטן טראַנספּאָרט.

ווידער האָב איך געפונען אַ געלעגנהייט זיך צו זען מיטן דאָקטאָר. אָבער דאָס מאָל שוין מיט גרויס בושה, און כ'האָב אונטערגעשטראָכן, אַז איך בעט נישט, חלילה אויף איצט, נאָר אויף שפּעטער. איך האָב פון אים באַקומען אַן ענטפער: „באַק ווי לאַנג דער אויוון איז הייס"... ווייל איך ווייס נישט, וואָס עס וועט זיין שפּעטער.

ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז יענער האָט ביי זיך גאָרנישט, האָב איך באַקומען פון אים אַן ענטפער: אויב איך בין גרייט צו גאַראַנטירן פאַר אים, איז דאָס גענוג. איך האָב דערצו מסכים געווען. ער איז טאַקע גלייך געקומען אין באַראַק און אים געגעבן אַן איינשפּריצונג, אָבער אַזאַ שווערע, אַז ער איז ווירקלעך דערפון קראַנק געוואָרן...

אַז איך האָב דערזען, אַז עס איז אַן עת רצון צו העלפן מענטשן, האָב איך געטראַכט, אַז אַלע קען מען טאַקע מיט איין מאָל נישט באַפרייען, אָבער כאָטש נאָך איינעם, מיינעם אַ שכן פון אַנטוועררפּן מיטן נאָמען ראָטמאַן, אַ דרוקער פון פאַך. איך בין געלאָפן אין זיין באַראַק און אים דאָרט נישט געטראָפן, בין איך געלאָפן אין אַנדערע באַראַקן, אויך איבערן שטח, האָב איך אים געזוכט אָבער לײדער, האָב איך אים אין ערגעץ נישט געפונען.

איצט ווען איך זיץ ביי מאַרקאָן דערמאָן איך זיך אין יענעם טאָג, טראַכט איך וועגן זיך גופא, צי בין איך דעמאָלט נישט אַראָפּ פון זינען? איידער ס'איז מיר געלונגען און כ'האָב ענדלעך דערגרייכט, אַז איך זאָל פון אַזאַ גיהנום באַפרייט ווערן, האָב איך נאָך גענומען ריזיקירן מיט אַנדערע; איז עס נישט געווען די גרעסטע נאַרישקייט פון מיין זייט.

טראַכטנדיק איצטער מיט אַ ביסל לאָגיק, קען איך מיך אַליין נישט פאַרשטיין; איך פּראָביר אָבער דאָס פאַרענטפערן דערמיט, וואָס פון איין

זייט האָט מיך באַהערשט אַזאַ אויסערגעוויינלעכע פרייד פון באַפרייונג, און פון דער אַנדערער זייט דער געדאַנק, אַז די אַנדערע נאָענטע מענטשן וועלן דאַרפן דאָ איבערבלייבן. איך האָב געזען פאַר מיינע אויגן זייערע טרערן, און זייערע שרעקלעכע איבערלעבונגען, און איך האָב זיך פשוט נישט געקענט פאַרגינען, אַז די פרייד זאָל נאָר מיך אַליין אַרומנעמען.

איך דערמאָן זיך אויך, אַז אין מיין דעמאָלטיקער האַנדלונג האָט אויך געהאַט אַ חלק די טיפע רעליגיעזע איבערצייגונג, אַז „שליחי מצוה אינם נזיקין" (אַז דער מענטש, וואָס העלפט דעם אַנדערן, אויס אידעישע סיבות, ווערט דערביי נישט נכשל). דאָס אַלץ האָט אויף מיר אַזוי געווירקט, אַז איך האָב דעמאָלט נישט געוואָלט און אויך נישט געקענט טראַכטן וועגן דער אָפענער געפאַר, וואָס האָט מיר געדראָט. איך האָב זיך געקע־רעוועט מיטן בלויזן געפיל, וואָס האָט מיר דיקטירט איינצושטעלן זיך, און ריזיקירן מיט אַלעם. בפרט, ווען איך האָב געזען, אַז ס'איז דאָ אַ מעגלעכ־קייט צו ראַטעווען מענטשן, ווי אַזוי קען מען זיך דערפון אָפּזאָגן? און אין מיין אייגענער געפאַר האָב איך דערווייל געהאַט פאַרגעסן.

אויף מאָרגן זענען מיר אויפגעשטאַנען אַ סך פריער ווי געוויינלעך, און מיט אַ שעה פאַרן געוויינלעכן אויפשטיין זענען מיר שוין געווען אויף יענער זייט טויער. מיר זענען געווען דריי פון אונדזער געלעגער און נאָך 14 מאַן, אַ טייל פון זיי זענען שוין געווען איבער די זיבעציקער, און דער אַנדערער טייל זענען ווירקלעך געווען קראַנקע.

ווען מיר האָבן זיך דערזען אויף יענער זייט טויער איז געווען 3 אַ זייגער פאַרטאָג. די לופט איז געווען אַ שאַרפע. פון ים האָט געבלאָזן אַ בייסיקער ווינט, וואָס האָט געשמיסן אין פנים אַריין. אָבער ווער איז איצט איינגעפאַלן צו טראַכטן וועגן אַזעלכע נאַרישקייטן; מיר האָבן בשום אופן נישט געקענט זיך גלויבן, אַז דאָס איז נישט קיין חלום. אַלע ווילע האָבן מיר זיך אומגעקוקט און זיך אַליין געפרעגט, צי דאָס איז אמת, אַז מיר זענען פריי.

מיר האָבן נאָך איצט געהאַט שומרים, וועלכע האָבן געדאַרפט אונדז ברענגען קיין בעלגיע, פון וואַנען מיר זענען געקומען, אָבער דאַסמאָל האָבן

מיר געוווסט, אַז דאָס זענען שוץ־שומרים, וועלכע דאַרפן אונדז פאַרהיטן קעגן שלעכטס. דערצו האָבן מיר אויך געהאַט אַ פּאַפּיר אונטערגעשריבן פונעם קאָמענדאַנט אַליין, מיט דעם סטעמפּל פון גרויסן לאַגער־קאָמענדאַנט מיטן האַקנקרייץ. אין דאַרטיקן בריוו האָט דער קאָמענדאַנט געבעטן אַלע אַמטן און וועג־פּאָסטנס נישט צו שטערן אונדז און לאָזן אונדז ווייטער פאָרן. קיין בעסערן דאָקומענט האָט זיך דעמאָלט קיין ייד נישט געקענט ווינטשן.

מיט פולע הערצער פון האָפענונג זענען מיר געפאָרן אַהיים און זיך פאַרגעשטעלט די פרייד פון אונדזערע פאַמיליעס, ווען זיי וועלן אונדז דער־זען. עס האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז די באַן פאָרט צו לאַנגזאַם. מיר האָבן געוואָלט פליען...

איך פיל מיך געצווונגען איצט איבערצורייסן מיינע דערינערונגען.

אויגוסט 1943. מיין מאַרקאָ איז אַהיים געקומען שפּעט ביינאַכט מיט אַ שטאַרק פאַרווונדעטן פוס. ביז ער איז אַהיימגעקומען איז שוין געווען נאָך צוויי פאַרטאָג, האָב איך געמיינט. אַז כ׳וועל משוגע ווערן, גלויבנדיק, אַז ס׳איז מיט אים עפּעס געשען. ווען ער איז שוין אַריינגעקומען אין דירה און כ׳האָב אים דערזען אַ לעבעדיקן האָב איך זיך דערפרייט. אָבער גלייכ־צייטיק האָב איך זיך אויך שטאַרק דערשראָקן, זעענדיק אין וועלכן מצב ער געפינט זיך. זיין רעכטער פוס האָט זיך געבאָדן אין בלוט. ער איז דורך אַ נס ניצול געוואָרן, בעת זיין אַרבעט אין קוילנגרוב, ווען אַ גרויס שטיק קויל האָט זיך אָפּגעריסן און איז אויף אים אַרויפגעפאַלן. צום גליק האָט עס געטראָפן בלויז אין פוס אַריין. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געהאַלטן זיין פוס אין קאַלט וואַסער. אויף מאָרגן איז ער אַוועק אין שפּיטאָל, ווו מען האָט אים צוגענייט דעם פוס און ער איז אַהיימגעקומען. ער איז כמעט אַ גאַנצע וואָך געבליבן מיט מיר.

איך האָב ערשט איצט געזען דערפילט מיין מצב. וואָס וואָלט מיט מיר געשען, ווען, חלילה, ער וואָלט דערהרגעט געוואָרן? אָדער אַפילו ווען ער וואָלט בלויז געווען איבערגעבליבן אין שפּיטאָל אַ געוויסע צייט. איך וואָלט שוין דעמאָלט מער נישט געקענט דאָ איבערבלייבן.

אַנטווערפּן — אַ בית עולם פאַר יידן

איצט קער איך זיך צוריק צו מיינע זכרונות:

אין בריסעל ביז צו דעם אַרבעטס־אַמט, ווו מיר האָבן געדאַרפט דער־לייזיקן די פאָרמאַליטעטן און אָפּסטעמפּלען אונדזערע אינדיטיטעט־קאַרטן, איז געווען אַ מהלך פון קנאַפּע צוויי שעה. אונדזערע באַגלייטער, די ס. ס. לייט זענען געגאַנגען פון פאָרנט און מיר נאָך זיי. מיר האָבן געזען ווי די קריסטן שטעלן זיך אָפּ, קוקן אויף אונדז, אויף די יודן־שטערנס, וועלכע קוקן אַראָפּ פון אונדזערע ברוסטן, זיי שטעלן אויס אויף אונדז די אויגן ווי אויף עפּעס אַ ווונדער, צו וועלכן זיי זענען שוין נישט צוגעוווינט. נישט פון די גוטע סימנים... עס איז אונדז געוואָרן באַזונדערס אויפפאַלנד, דאָס וואָס מיר באַגעגענען נישט קיין איינציקן ייד איבער דעם גאַנצן וועג, פון דער באַן־סטאַציע ביז צום אַרבעטס־אַמט. צי האָבן זיי זיך אַלע אויס־באַהאַלטן, אָדער האָט מען זיי שוין אַלע אַוועקגענומען פון דאַנען? האָבן מיר געטראַכט. עס ווערט שווער, זייער שווער אויפן האַרצן.

מיר זענען אָנגעקומען אין אַרבעטס־אַמט. דער בעלגישער באַאַמטער האָט מיר דערליידיקט מיינע פּאַפּירן און מיר צוריקגעגעבן מיין אינדע־טיטעט־קאַרטע, און ער האָט מיר געזאָגט אין דער שטיל, אַזוי ווי אונטער דער נאָז, „פאַר שנעל אַהיים און באַהאַלט זיך, ווו דו קענסט״.

הייסט עס, אַז דאָס באַפרייונג־פּאַפּיר פונעם קאָמענדאַנט אַליין איז ווערט פאַרן פייער. מיר שטייען אויסער יעדער רעכט און געזעץ; און אַפילו די אונטערשריפט פון זייערס אַ קאָמענדאַנט האָט קיין ווערט נישט פאַר אַ יידן.

אַז דער באַאַמטער האָט געהאַט רעכט מיט זיין וואָרענונג צו מיר, בין איך געוואָר געוואָרן אַ ביסל שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אין אַנט־

ווערפּן; מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דער גרעסטער טייל פון דער באַפרייטער מיט מיר גרופּע איז צוריק געכאַפּט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ.

ווען כ׳בין אַרויסגעגאַנגען פון דעם אַרבעטס־אַמט, האָב איך גלייך אַראָפּגעריסן פון זיך די געלע לאַטע, האָבנדיק אין זינען די ווערטער פון מאַקסים גאָרקי: „אויב דערטרינקען, זאָלסטו זיך דערטרינקען אין אַ טיף וואַסער".

איצט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די גזירה פון דער געלער לאַטע האָט אויך אין זינען אַלס מיטל און נעץ כדי דערמיט צו כאַפּן יידן. איך האָב ביי זיך באַשלאָסן, אַז פון איצט אָן מוז איך גיין מיט זיי נאָר מיט ליגן און אָפּנאַרעריי, אַזוי ווי זיי פירן זיך מיט אונדז, אַז דאָס איז דער איינציקער וועג, וואָס גיט אפשר אַן אויסזיכט — פון די באַנדיטן ניצול צו ווערן.

איך בין גלייך אַוועק צו דער באַן־סטאַציע און אַרויף אויפן צוג, וועל־כער פירט קיין אַנטווערפּן, ווי וואָלט איך שוין געוואָלט זיין אין דער היים, ביי מיין פאַמיליע, און זען וואָס דאָרט הערט זיך.

אָנקומענדיק אין אַנטווערפּן האָב איך אויפן וועג צו מיין היים באַ־געגנט עטלעכע יידישע פרויען, פון וועמענס אויגן עס האָט אַרויסגעקוקט אַ וועלט מיט צער.

אָבער דערזעענדיק מיך, האָבן זיי זיך אויפריכטיק דערפרייט, זאָגנדיק אַז געלויבט איז גאָט, ווען מען זעט כאָטש וועמען עס איז צוריקקומען פון יענער וועלט. זיי האָבן זיך אויסגעפרעגט אויף אייגענע און באַקאַנטע, וועלכע זענען אויך אַוועקגעשיקט געוואָרן אין יענעם לאַגער.

קיין איינע פון זיי האָט מיר נישט געזאָגט, וואָס עס הערט זיך אין מיין שטוב. אויך איך האָב נישט געוואַגט צו פרעגן. אין דער לופט איז געהאָנגען עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז שווער עס אויסצודריקן אין ווערטער. אַ דערדריקנדיקע מרה־שחורה, דער פחד פאַרן טויט. איך האָב נישט גע־ווּסט, צי זאָל איך אַהיים גיין שנעל, אָדער פאַמעלעך... דאָס האַרץ ביי מיר איז אין יענעם מאָמענט געווען ווי אַ באַראָמעטער...

צוקומענדיק צו מיין הויז, האָב איך דערזען די טירן אויפגעפּראַלט, מיך האָט באַדעקט אַ שווייס. מיר איז שווער געוואָרן צו אָטעמען, און אַ

אויף פרעמדער ערד

פאַרציטערטער האָב איך גישט געקענט שטעלן קיין טריט ווייטער. ווען איך בין דאָך אַריין אין שטוב, האָב איך דערזען, אַז אַלץ איז אויסגעליידיקט. אויף דער פּאָדלאָגע האָבן זיך געוואַלגערט צעוואָרפענע פּאַפּירן...

מען האָט מיין פרוי און טאָכטער אַוועקגענומען...

מאַשע קליימאַן, די טאָכטער
פון אַלטער קליימאַן

זיסל (געבוירן שעכטמאַן),
די פרוי פון אַלטער קליימאַן

ווען איך שרייב איצט די דאָזיקע שורות, פיל איך אויך ווי מיין האַרץ בלייבט שטיל. איך ווייס און געדענק נאָר איינס, אַז ווען איך האָב אויפגע־וואַכט פון מיין פאַרגליווערטקייט בין איך שנעל אַרויס פון דער שטוב אין דרויסן און אין מיינע אויערן האָט זיך דערטראָגן דאָס קול פון סליחות פון דעם קעגנאיבערדיקן בעלזער שטיבל.

איך בין אַריינגעגאַנגען צו זיי אין זייער שטיבל. זיי האָבן זיך מיט מיר זייער געפרייט. באַלד נאָכן אָפּזאָגן די סליחות, האָט זיך באַוויזן אויפן טיש

אַ פלאַש בראַנפן. און אַלע האָבן געוואָלט וויסן, ווי אַזוי עס איז מיר דער־גאַנגען דורך דער צייט, ווי אַזוי איך האָב זיך געראַטעוועט פונעם לאַגער.

איך האָב זיי געפרעגט, ווי אַזוי זיי וואַגן אין אַזאַ צייט צוזאַמענצוקומען זיך? דאָס גיט דאָך די מעגלעכקייט די באַנדיטן אייך אַלע כאַפּן מיט איין מאָל. און אַפילו לויט דער יידישער רעליגיע טאָר מען דאָך נישט שטיין במקום סכנה?

אין זייער ענטפער איז געווען דער בטחון, אַז גאָט וועט העלפן, און אַז אַלץ וועט זיך ענדיקן צום גוטן. מיר איז שווער געווען מיט זיי צו רעדן. איך האָב געזען, אַז זיי זענען בלינד און זעען נישט די קאַטאַסטראָפע, וואָס רוקט זיך אָן אויף אונדז.

איך האָב זיך אָנגעגאַרט מיט מוט און באַין ברירה צוריק אַריין אין מיין שטוב, וואָס האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם. איך האָב זיך אַראָפּ־געבויגן צו דער ערד, אויפגעהויבן די בילדער, פּאַפּירן און איבערגעבלי־בענע דאָקומענטן, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט. אינסטינקטיוו האָב איך אויך געזוכט געלט, ווייל איך בין געבליבן אָן אַ גראָשן. די לעצטע 50 פראַנק האָב איך אויך אַוועקגעבאָרגט מיין חבר טשעק, ווען מיר זענען אַרויס פונעם לאַגער־טויער, ווייל ווי עס האָט זיך געהאַט אַרויסגעוויזן, אַז אויך געלט אויף דער נסיעה אַהיימצופאָרן האָט ער נישט געהאַט.

ביסלעכווייז האָב איך זיך אָנגעהויבן צוגעוווינען זיך צו די צרות. דער גוטער מלאך האָט מיר איינגערוימט אין אויער, אַז זיי זענען דאָך פרויען און אַ מיידל פון 12 יאָר און די באַנדיטן וועלן זיך מיט זיי באַגיין מילדער, וועלן נישט טאָן מיט זיי דאָס, וואָס זיי טוען מיט די מענער...

כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און געטראַכט, אַז ביי דער קלענסטער מיטהילף פון די קריסטלעכע שכנים, וואָס וואָלטן זיי בלויז דערלאַנגט אַ האַנט פון צווייטן הויף, וואָלטן זיי געקענט אינמיטן דער נאַכט אַריבערקלעטערן איבערן גלעזערנעם דעכל פון מיין הויף, וואָס האָט שוין געפירט אין אַ צווייטער גאַס און וואָלטן אַזוי אַרום געראַטעוועט געוואָרן.

איך האָב זיך אויך דערוווסט, אַז כ׳האָב פאַרשפּעטיקט מיט מיין צו־

ריקקומען קאַרגע צוויי וואָכן. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אז ווען איך וואָלט דאָ געווען, וואָלטן מיר זיך אַלע געווען אָפּגעראַטעוועט.

כ׳בין אַריבערגעגאַנגען אויף דער קראַאַן סטראַט צו זען, וואָס עס טוט זיך מיט מיינע עלטערן. כאָטש כ׳האָב זיך קיין שום אילוזיעס נישט געמאַכט, וויסנדיק שוין פון פאַרויס, אַז דעם גאַנצן קוואַרטאַל דאָרט האָט מען שוין אויך אויסגעליידיקט פון יידן. געפונען האָב איך זייער דירה אַ פאַרחתמעטע מיטן סטעמפּל פון האקנקרייץ. דעם טאַטן, אַן אַלטן ייד פון 72 יאָר, און די מאַמע, אַן אַלטע פרוי פון 67 יאָר, האָבן זיי מיט זיך מיטגענומען...

עלקע הינדע
די מוטער פון אַלטער קליימאַן



נתן דוד שוחט פון גאַרוואָליו,
דער פאָטער פון אַלטער קליימאַן

ווי עס ווייזט אויס, ציט אַדורך דורכן מענטשלעכן קערפּער אַזאַ פאַדעם, וואָס הייסט לעבנס־עגאָיזם, און אַפילו, ווען עס בלייבט נאָך איבער פון דעם גאַנצן פאָדעם אַ קליינע רעשט, קלאַמערט זיך נאָך אַלץ דער מענטש אין דעם פיצעלע איבערבלייבעכץ, גלייך ווי עס וואָלט נאָך געהאַט וועלכע עס איז ווערט. דער מענטש פאַרענטפערט זיין האַלטונג פאַר זיך אַליין מיט פאַרשידענע, אפשר אָפּנאַרערישע תירוצים. ווי אַ שטייגער ביים

איצטיקן מצב מיט וועלן איבערלעבן און דערלעבן די דייטשע מפּלה. און דעסגלייכן מיט אַנדערע אויך אפשר נישט אמתע תירוצים. און וויל אַזוי אַרום ווייטער בלייבן לעבן — טראָץ אַלץ און אַלעמען.

איך האָב זיך אויך דערוווּסט, ווי אַזוי זיי האָבן, שוין אין אַנטווערפּן, געהאַנדלט ביים אָוועקשיקן די יידן. למשל, דעם אַלטן דאַווידזאָן, וואָס איז געווען געליימט און נישט געקענט אַליין אַראָפּגיין צום טראַנספּאָרט, האָבן זיי אים פּשוט אַראָפּגעוואָרפן דורכן פענצטער פון צווייטן שטאָק.

די בעלגישע פּאָליציי, וואָס האָט מיטגעהאָלפן ביים טראַנספּאָרטירן, האָט אויך זייער אייפעריק אָפּגעהיטן די דייטשע באַפעלן.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט ווו איך בין אין דער וועלט, באַטראַכט מיין לאַגע און זיך געפרעגט: וואָס האָב איך ווייטער צו טאָן?

נאָך אַ קורצער וואַקלעניש האָב איך באַשלאָסן אַריבערצוגיין צו מיין חבר טשעק און אָפּנעמען דעם חוב. אָבער קומענדיק אַהין האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זיין פאַמיליע האָט מען אויך צוגענומען, און ער זאָל זיך געפינען ביי זיינעם אַ מחותן. איך האָב אים געזוכט אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, ביז איך האָב אים געפונען.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער חוב איז געבליבן חוב — און איך בין געבליבן אָן אַ פראַנק אין קעשענע.

גייענדיק אין דער גאַס, האָב איך באַגעגנט אַ באַקאַנטן מיטן נאָמען זאַנאַוועגד, וועלכער האָט מיר דערציילט, אַז בעלגיער האָבן געפונען אַ בריוו, וועלכער איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון דער באַן. דער בריוו איז געווען פון מיין אומגליקלעכער פרוי, וואָס האָט אין יענע שווערע מינוטן געזאָרגט, כ׳זאָל האָבן פון וואָס צו לעבן, אויב כ׳וועל אַהיימקומען. אין יענעם בריוו, האָט זי צו מיר געשריבן, אַז זי האָט איבערגעלאָזט געלט ביי אַ סוחרטע, מיט וועלכע זי פלעגט האַנדלען אויפן פאָגעל מאַרק. די סוחרטע אַננאַ פלעגט אָפּקויפן ביי די אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר די דייטשן, ליכט, וואָס די דייטשן האָבן נויטיק אין זייערע בונקערס אויף זייערע פראָנטן. די אַרבעטער האָבן אַזעלכע גניבות געהאַלטן פאַר אַ מצווה. דערצו איז עס געווען דערביי אַ גוטער פאַרדינסט.

איך בין אַוועק צו אַננאַ און זי האָט מיר גלייך אָפּגעגעבן דעם חוב.

דאָס איז געווען אין יענעם מאָמענט פאַר מיר אַ רעטונג; איך האָב אויך געפונען אונטער די קוילן אַן אָריגינעלע באַנקע מיט אימפּעריאַל־בוימל, וואָס איז אין יענער צייט ווערט געווען ביי 900 פראַנק.

ווען איך בין אַריינגעקומען צו דער פרוי ראָטמאַן, כדי איבערצוגעבן אַ גרוס פון איר מאַן, האָט זי זיך ביטער צעוויינט. זי האָט מיר געגעבן געלט, אַז איך זאָל זיך באַמיען דורך דעם דאָקטאָר אַפּצוראַטעווען אויך איר מאַן. איך האָב איר דערציילט, אַז דעם דאָקטאָרס פרוי דאַרף זיין ביי מיר אָפּצונעמען דאָס געלט, וואָס איך האָב גאַראַנטירט — פאַר נאַטאַוויצן. דערפאַר האָט זי מיך געבעטן, אַז פאַר איינוועג זאָל איך איר אויך איבער־געבן דאָס געלט, כדי ער דער דאָקטאָר זאָל אויך אַרויסשיקן איר מאַן.

דעם דאָקטאָרס פרוי איז טאַקע צו מיר געקומען אָפּנעמען דעם חוב, פאַר וועלכן איך האָב גאַראַנטירט, און איך האָב איר טאַקע געגעבן דאָס געלט פאַרן באַפרייען ראָטמאַנען. דעם אמת געזאָגט, ווען דער דאָקטאָר האָט מיך געפרעגט צי איך גאַראַנטיר פאַר דעם הער נאַטאַוויץ, האָב איך זיך דערביי געטראַכט, אַז ווען כ'וועל נישט אימשטאַנד זיין צו האַלטן מיין וואָרט, מיט וועלכן איך האָב גאַראַנטירט — צוליב סיבות, וועלכע וועלן נישט זיין אָפּהענגיק פון מיר, אָדער פון אים — וועט אויך די וועלט נישט אונטערגיין. דערווייל האָב איך געטראַכט, דאַרף מען אַרויסראַטעווען דעם ייד. ווען עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז עס איז מיר יאָ געלונגען אויסצופירן די גאַראַנטיע, בין איך געווען שטאַרק צופרידן, בפרט אַז עס האָט אויסגעזען צו שאַפן אַ מעגלעכקייט צו באַפרייען נאָך יידן.

איך ווייס נישט פון וואַנען די מענטשן האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם; מען האָט אָנגעהויבן קומען צו מיר און בעטן, אַז איך זאָל זיי העלפן באַפרייען די מענער אָדער די קינדער. איך האָב אָבער נאָך נישט געוווּסט דעם רעזולטאַט פון דער אינטערווענץ פאַר ראָטמאַנען, און האָב געהייסן וואַרטן, ביז איך וועל זיך עפּעס דערוויסן.

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז דער אַנדערער טראַנספּאָרט, וועלכער איז אָפּגעגאַנגען צוויי וואָכן נאָך אונדז מיט 97 מאַן איז דערגאַנגען ביז ברי־סעל, און דאָרט זענען זיי אַלע אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די געסטאַפּאָ־לייט און אַוועקגעשיקט געוואָרן אין טורמע אויף אַן אויספאָרשונג. באַלד

דערנאָך איז צו מיר דערגאַנגען די ידיעה, אַז דער דאָקטאָר איז אַנטלאָפן פון לאַגער...

מיך איז באַפאַלן אַ שרעק, און איך האָב מורא געהאַט צו שלאָפן ביי זיך אין שטוב. איך האָב געהאַלטן די זאָמער סטראַאַט, וועלכע איז געווען אַ 90 פראָצענטיקע יידישע, אַפילו ווען היינט איז דאָרט פאַראַן ווייניק איי־בערגעבליבענע יידן, אַלס אַ געפערלעך אָרט, און אַז אין אַ ליאַדע נאַכט וועט מען קומען אַלעמען אַרויסנעמען.

בין איך אַריבערגעגאַנגען צו מיין חבר נאַטאַוויץ, וועלכער האָט געוווינט אין אַן אַנדערער גאַס, וועלכע איז אויך נישט געווען קיין ריין קריסטלעכע געגנט, אָבער דאָך נישט אַזוי יידיש ווי די זאָמער סטראַאַט. איך האָב גע־מיינט, אַז דאָרט וועל איך זיין זיכערער, און דאָרט קענען איבערנעכטיקן.

אָבער ער האָט זיך שטאַרק געשראָקן, ווייל עס איז דאָך געווען אַ גע־זעץ, וועלכער פאַרבאָט אַ יידן איבערצונעכטיקן אין דער פרעמד. ער האָט אויך געמיינט, ווייל ער איז געווען אין לאַגער, און איז געוואָרן באַפרייט אַלס קראַנקער, און ער ליגט ווירקלעך קראַנק, אַפילו ווען זיי זאָלן קומען ביי נאַכט אים נעמען און וועלן זיך דערוויסן דאָס אַלץ, וועלן זיי אים שאַ־נעווען? און צוליב אים, וועט זיין גאַנצע פאַמיליע ניצול ווערן. און אויב זיי וועלן מיך אַלס פרעמדן דאָרט געפינען, קען איך אַריינברענגען אים מיט זיין פאַמיליע אין אַ גרויסער סכנה.

קעגן אַזאַ אַרגומענט האָב איך זיך נישט געוואָלט קעגנשטעלן. איך האָב אים בלויז געזאָגט ביים אַוועקגיין: „דו זאָלסט וויסן, אַז אויב זיי וועלן שוין יאָ קומען צו דיר ביי נאַכט, וועט נישט העלפן דיין קראַנקייט און אַוודאי נישט דיין באַפרייונגס־צעטל פונעם גרויסן לאַגער־קאָמענדאַנט".

צוליב דער גאָר קנאַפער צייט, וואָס איז מיר נאָך איבערגעבליבן ביז זיבן אַ זייגער, ווען יידן טאָרן שוין נישט גיין אין גאַס, בין איך באַין ברירה שנעל געלאָפן צוריק אין מיין וווינונג.

דאָס ערשטע האָב איך אַוועקגעלייגט אַ פּאָר ברעטער איבערן גלע־זערנעם דעכל, וואָס איך האָב געהאַט אין קיך, וואָס האָט געפירט אין אַן אַנדער גאַס. כ'האָב זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן, אָבער די גאַנצע צייט בין איך געלעגן אויף דער פלייצע מיט אָנגעשפיצטע אויערן, אַזביידע אויערן

זאָלן ביי מיר זיין פריי, כדי צו הערן יעדן שאָרך, ווי אַ האָז. געשלאָפן בין איך אין די מלבושים, מיט דעם רוקזאַק אויף זיך, און מיט דער וואַליזע ביי דער זייט גרייט צו שפּרינגען ביים דערהערן דעם ערשטן קלאַפּ אין טיר, גלייך צו קענען אַנטלויפן. טראָץ דעם, וואָס איך האָב גוט פאַרשלאָסן די טיר, האָב איך זי נאָך צוגעשפּאַרט מיט אייזנס, כדי עס זאָל זיי נעמען מער צייט זי אויפצוברעכן.

דעם אַנדערן טאָג, האָב איך, טראָץ דער שטילקייט, וואָס האָט דערוויל נאָך געהערשט אין אַנטווערפּן, דערפילט, אַז דאָס איז אַ שטילקייט פאַר אַ שטורעם, וואָס קען אויסברעכן יעדע מינוט.

נאָך יעדער אַקציע האָבן די יידן געמיינט, אַז דאָס איז שוין דאָס לעצטע מאָל, און זיי וועלן שוין ווי עס איז איבערבלייבן. יעדער איינער האָט זיך געמאַכט זיינע פאַרשידענע אויסרעכענונגען, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן פאַר זייער נאַרישע.

אין יענער צייט האָב איך שוין אָנגעהויבן צו באַגרייפן די גאַנצע סי־טואַציע און איך האָב זיך קלאָר געמאַכט, אַז דאָס בעסטע וואָס איך קען טאָן אין אַזאַ מאָמענט, איז קודם כל צו פאַרלאָזן אַנטווערפּן, ווייל אַנטווערפּן האָט ביי מיר שוין אויסגעזעזן ווי אַ פּולווער־פאַס, וואָס קען און וועט אָן ספק יעדן מאָמענט אויפרייסן. איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַ קונה אויף מיין מעבל, זיך געגרייט אַוועקצופאָרן.

מיטאָג צייט האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן אויף די מויערן, וועלכע האָבן געמאָלדן, אַז יעדער וואָס וועט קויפן יידיש מעבל, וועט ווערן באַשטראָפט מיט 20 טויזנט פראַנק. איך בין שנעל אַוועק צו מיינעם אַ באַקאַנטן סוחר, אַ בעלגיער מיטן נאָמען אַלבערט, לעבן פּאָגעל מאַרק, און האָב אים גע־פרעגט, צי ער איז גרייט כל זמן דאָס געזעץ איז נאָך פריש, קויפן ביי מיר אַ ביסל מעבל. ער האָט געענטפערט, אַז קויפן וועט ער נישט, אָבער ווען איך וויל אים דאָס מעבל סתם געבן צו באַהאַלטן, איז ער גרייט דאָס צו טאָן. און ווען עס וועט זיך ענדערן די לאַגע, וועט ער עס מיר אָפּגעבן.

ער איז מיט מיר גלייך אַוועק אין מיין וווינונג און איך האָב אויף גיך געכאַפּט צוויי לייכטע זאַכן: אַ גאַז־אויוון און אַ קאַנאַפּע (גרעסערע זאַכן

צו געבן איז שוין געווען אַ געפאַר, סיי פאַרן געבער און סיי פאַרן נעמער) האָב עס אים אָוועקגעגעבן, און ער איז דערמיט שנעל אָוועקגעפאָרן.

כ׳האָב שוין מורא געהאַט צו בלייבן נעכטיקן ביי זיך, בין איך אין אָוונט אַריבערגעגאַנגען צו דעם זעלבן אַלבערט און גענעכטיקט ביי אים.

כ׳האָב געהאַט בדעה צו פאָרן מאָרגן קיין שאַרלערואַ, ווייל אינצווישן האָב איך באַקומען אַ קאַרטל פון דאָרט, אַז דערווייל איז ביי זיי רויִק. איך האָב וועגן דעם גערעדט מיט אַלבערטן און עס איז געבליבן, אַז מאָרגן וועט מיך אויף דער רייזע קיין שאַרלערואַ באַגלייטן אַלבערטס זון, נאָר בלויז ביז בריסעל. ווייל ער האָט סיי ווי געדאַרפט אַהינפאָרן. אָבער דאָך האָט ער געפאָדערט, איך זאָל אים געבן 50 פראַנק פאַר דער טובה, וואָס אויפן וועג וועט ער, אָנשטאָט שמועסן מיט זיינע חברים, רעדן מיט מיר.

איך האָב געוווּסט, אַז טאָמער געשעט עפּעס אויפן וועג, וועט אַל־בערטס זונס שמועסן מיט מיר, ווי זיין גאַנץ באַגלייטן מיך — העלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. דאָך האָב איך געטראַכט, אַז אין אַזאַ אומגליקלעכער צייט איז בעסער ווייניקער צו זיין אויפפאַלנד, בעסער צו שמועסן מיט אַ קריסט, און בכלל איז היימלעכער מיט נאָך עמעצן צו פאָרן, איידער געפינען זיך אַליין.

יענע נאַכט, ווען איך האָב גענעכטיקט ביי דעם בעלגיער, האָט ער צו מיר געזאָגט, וויזנדיק דערביי אויף זיין הינטל: „זעסט, אים איז בע־סער פון דיר. ווער טשעפּעט אים? פאַר וועמען דאַרף ער אַנטלויפן?‟. אין זיינע רייד האָט זיך מכלומרשט געפילט דער טאָן פון מיטלייד, אָבער נאָכמער איז אין דעם געווען אַ געוויסער שאָדנפרייד, וואָס האָט אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך געפילט העכער, וויכטיקער פון מיר. ער האָט געזען אין מיר אַ נישטיק, ווערטלאָז ווען.

אויף צומאָרגנס, איידער איך בין געפאָרן קיין שאַרלערואַ, האָב איך נאָך געהאַט די געלעגנהייט צו הערן וועגן דער פרישער אַקציע, וואָס איז אָקאָרשט פאָרגעקומען פאַרטאָג אין דעם יידישן קוואַרטאַל. דערביי איז טאַקע געשען, אַז מען האָט צוגענומען די אַלע יידן, וועלכע מען האָט גע־כאַפּט ביים זאָגן סליחות אין בעלזער שטיבל. זייער צונויפזאַמלען זיך אויף איין אָרט האָט פאַרלייכטערט די אַרבעט פון די מערדער.

אַלטער קליימאַן

איך דערמאָן זיך, ווען איך בין אַרויס פון אַנטווערפּן האָב איך אָפּגע־אָטעמט, ווי איינער, וואָס ס׳איז אים אַראָפּגעפאַלן אַ שווערע לאַסט פון קאָפּ, טראָץ דער פרעמדקייט און דער אומזיכערקייט, וואָס איך האָב גע־האַט פאַר מיר.

אַנטווערפּן, וואָס איז פאַר מיר אַמאָל געווען אַ היים, אַ מער ליבנדיקע ווי די אַלטע היים, אין וועלכער איך בין געבוירן געוואָרן, איז איצט פאַר מיר געוואָרן דער סינאָנים פון אומגליק און אומקום.

שאַרלערואַ — אַ „גן־עדן"

מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש בין איך אָנגעקומען אין שאַרלערואַ. איך בין אַוועק אויף דעם פריערדיקן אַדרעס צום הער ר. דער הער ר. האָט מיר געזאָגט, אַז ביים אַריינקומען האָט ער מיך קוים דערקענט. דערוויל זעט ער ווי איך לאָם. פרעגט ער מיר, פאַרוואָס איך לאָם?

ער הייסט מיך אויסטאָן די שיך און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז טיף אין פוס שטעקט אַ שטיק האָלץ. ווער ווייסט ווי לאַנג דאָס געפינט זיך אין מיין פוס. פון גרויס נחת האָב איך נישט געפילט דעם ווייטיק און איך האָב אַפילו נישט געוווּסט, אַז איך לאָם. ווען ער האָט אַרויסגענומען דאָס האָלץ, האָב איך אויפגעהערט צו לאָמען.

דער הער ר. איז אַוועק אין שטאָטהויז מיך איינמעלדן, כדי איך זאָל קענען באַקומען די פּראָדוקט־קאַרטן. ווער ער איז צוריקגעקומען איז ער געווען שטאַרק אויפגערעגט, ווייל ער האָט דאָרט באַגעגנט דייטשע אָפּי־צירן, וועלכע האָבן געוואָלט — לויט זיין דערציילונג — אים אויספּרעסן; אַזאַ בעסטיאַלישע שנאה האָבן זיי צו אים אַרויסגעוויזן.

איך גיב דערביי צו, אַז ס׳קען זיין, ווען ער ווייסט פריער, וואָס פאַראַ קבלת פנים ער וועט דאָרטן אָנטרעפן וואָלט ער אַהין נישט געווען געגאַנ־גען. פריער, פאַרן גיין, האָט ער געמיינט, אַז אויב ער האָט מיט זיך צוויי אייזערנע שומרים, איינס, וואָס ער איז אַ רומענישער בירגער, וואָס איז ביי די דייטשן אַ שטיקל יחוס, און צווייטנס איז ער דאָך אַ מיטגליד פונעם יודענראַט אָבער נאָך זיין צוריקקערן זיך פון דאָרט, האָט ער דערזען, אַז די ביידע אייזערנע שומרים זענען ווערט אויף כפרות, אויב צו דעם אַלעם איז מען אַ ייד.

דערוויל איז געווען אין שאַרלערואַ שטיל. אין פאַרגלייך צו אַנטווערפּן איז דאָ אַ גן עדן. מיין פריערדיקע שטוב איז נאָך פריי, אָבער דער הער ר. האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל ביי אים וווינען. ער וווינט אין אַ דירה

פון פינף־זעקס צימערן און אין אַזאַ צייט איז גוט, ווען מען וווינט מיט נאָך עמעצן, און מען האָט מיט וועמען צו רעדן אַ פּאָר ווערטער.

פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט דאָ געלעבט, איז שוין מער ווי אַ העלפט אויסגערוימט. אַ טייל איז פריווויליק אַוועק קיין פראַנק־רייך צו דער אַרבעט פאַר די דייטשן. דער אַנדערער טייל איז אַוועק דורך די ליסטעס, וואָס עס האָט אויפגעשטעלט דער יודנראַט, און זיי זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין מאַליך, און פון דאָרט נאָך אַסטן...

מען גרייט זיך צו ראש־השנה — פון יאָר 1942 — מען ווייסט אָבער נישט, וואָס מען דאַרף טאָן. לויטן געזעץ דאַרף מען מעלדן וועגן יעדן צו־נויפקום פון אַ גרופּע מענטשן. מען האָט אָבער אַ קנאַפּן צוטרוי צו זייער דערלויבעניש... אָבער נישט מעלדן וועגן אַ צונויפקום, הייסט אויך ריזיקירן מיטן לעבן. עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז מען דאַרף אינגאַנצן רעזיגנירן פונעם דאַווענען — אַפילו ראש השנה. איך ווייס נישט וועמענס מיינונג איז אָנגענומען געוואָרן. אַ פאַקט איז, אַז מען האָט יאָ געדאַוונט, מיט אָדער אָן אַ דערלויבעניש — ווייס איך נישט. אָבער מען האָט געדאַוונט מיט פּחד פאַר יעדן שאָרך, וואָס מען האָט געהערט אינדרויסן. יידן קענען נישט אַזוי לייכט רעזיגנירן פון ראש השנהדיקן און יום־כיפּורדיקן דאַווענען בציבור. אין שאַרלערואַ האָט מען געגלויבט, אַז עס קען זיין, אַז עס וועט יאָ אַדורך בשלום. עס איז געשען אַ נס און עס איז אַדורך בשלום.

איך רייס דאָ איבער מיינע זכרונות. איך מיין, אַז עס איז כדאי עפּעס וואָס דערציילן פון דער איצטיקער צייט.

סעפּטעמבער 1943. די באָמבאַרדירונג פון די דייטשע שטעט קומט כסדר פאַר בייטאָג און ביינאַכט דורך די אַליאירטע, לויט ווי ס׳גיבן איבער די דייטשע צייטונגען זעלבסט. מיר דאַכט זיך אויס, אָדער ס׳איז טאַקע אמת, אַז איך הער זינט אַ געוויסער צייט, שפּעט ביינאַכט, דאָס באָמבאַר־דירן די דייטשע שטעט, וועלכע ליגן ביי דער בעלגישער גרענעץ, ווי למשל, אַאַכן און די אומגעגנט. קיין דייטשע עראָפּלאַנען זעט מען שוין דאָ נישט, אַפילו אויף קיין רפואה. אויך זייער פלאַג, דאָס הייסט, די אַפּווער זייערע, איז אויך פון דאַנען פאַרשוווּנדן. „אַ סימן דלות" — זיי מוזן דאָס איצט

אַלץ האָבן אין דייטשלאַנד, כדי זיך אַליין צו פאַרטיידיקן. כ׳מיין, אַז איצט זענען שוין אַלע זייער אומפאַרמיידלעכע מפלה. וואָס וועלן זאָגן זייערע מיט־לויפער, די בעלגיער?

איך קער זיך אום צו מיינע דעריגערונגען.

די איבערגעבליבענע יידן אין שאַרלערואַ הויבן אָן קודם כל צו באַ־האַלטן זייערע קינדער און אויך די קינדער, ביי וועלכע מען האָט צוגענומען די עלטערן, און זיי זענען צוליב אַ נס געבליבן.

ביים הער ר. צעטיילט מען קודם צוויי מיידלעך; יעדערס אויף אַן אַנדער אָרט. איינע פון די מיידלעך איז קוים אַלט 3 יאָר. איך וועל קיינ־מאָל נישט פאַרגעסן די סצענע, וועלכע איך האָב בייגעוווינט, ווען די מו־טער האָט זיך געזעגנט מיטן קינד — איר 3 יאָריק טעכטערל, שיין ווי די וועלט, מיט גרויסע שוואַרצע קאַרשן־אויגן. מוטער און קינד האָבן געוויינט. די מוטער האָט זיך נישט געקענט באַהערשן, געבראָכן זיך די הענט און געוויינט. מיט רויטע צעפלאַמטע באַקן האָט זי געזאָגט וויינענדיקערהייט: „ווער ווייסט צי איך וועל נאָך דערלעבן דיך אַמאָל צו זען, מיין טייער קינד”. דער סוף איז טאַקע געווען, אַז אין אַ קורצער צייט שפּעטער האָט מען געכאַפּט די מוטער און זי אַוועקגעשיקט קיין אָסטן.

אויך דערמאָן איך זיך ווי דער הער ר. האָט זיך געלערנט „גימנאַס־טיק”; ער האָט געפּרובירט נעמען זיין פּרוי אויף די הענט און אַריבער־שפּרינגען מיט איר דורכן פענצטער. פון יענער זייט פענצטער איז געווען אַ גאָרטן, אַרומגעצוימט מיט אַ מויער, וואָס גייט אַרויס אויף אַן אַנדער גאַס. אַזוי האָט מען זיך געגרייט אויף יעדן פאַל על כל צרה שלא תבוא.

הער ר. האָט מיר אויך געבראַנגט יעדן טאָג נייעס פונעם אויסלענדישן ראַדיאָ, וואָס על פי רוב האָבן זיי גאָרנישט דערציילט, און אין יעדער ידיעה האָט מען אַרויסגעפילט דעם בלאָף פון די אַליאירטע איינצושלעפערן אונדז. די ידיעות זענען נאָר געווען פון מערב־ און דרום־פראָנטן. פון מזרח־פראָנט האָבן זיי גאָרנישט געבראַנגט, גלייך ווי ער וואָלט גאָר נישט עק־זיסטירט. אַ ביטערער סימן.

דער הער ר. האָט מיר געבראַנגט צוויי סאָרטן טינט, אַ רויטן און אַ

ווייסן. ווען מען האָט אַרויף געטאָן אויף דעם געשריבענעם מיטן רויטן טינט, און דערנאָך מיטן ווייסן טינט ווערט דאָס געשריבענע אָפּגעמעקט. ער האָט פּרובירט דערמיט אָפּמעקן פון זיין אינדיטעטס־קאַרטע דעם סטעמפּל זשוויף (ייד). אָבער עס האָבן זיך דאָך אָנגעזען צייכנס פון דעם טוש־סטעמפּל.

ער האָט מיר דערקלערט, אַז ער זעט נישט קיין אַנדער אויסוועג ווי אַריינצודרייען זיך צו די פּריוויליקע בעלגיער, וועלכע פאָרן אויף אַרבעט קיין פראַנקרייך פאַר די דייטשן, דערפאַר טאָר ער נישט אָנגיין אַלס ייד. ער האָט געזאָגט, אַז מיך קען ער נישט מיטנעמען, ווייל איך קען נישט די פראַנצויזישע שפּראַך.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז עס איז אים געלונגען דורך זיי־נעם אַ באַקאַנטן בעלגיער — אַ הויכער באַאַמטער פון דער שטאָט־פאַר־וואַלטונג — אַרויסצונעמען אידענטיטעטס־קאַרטעס פאַר זיך און פאַר זיין זעכצן יאָריקן זון, אָן שום צייכן אַלס ייד.

דערווייל איז נאָך געווען שטיל, אָבער אַלע איבערגעבליבענע יידן האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט ערטער אויף יעדן נויטפאַל. פאַר זיין פרוי האָט הער ר. צוגעגרייט אַ פּלאַץ. עס איז אויך אינצווישן אָנגעקומען זיינס אַ פאַמיליע פון בריסעל, און ער האָט זיי אַוועקגעשיקט אויף אַ צוגעגרייטן פּלאַץ אין אַ צווייטער שטאָט — נאַמיר. אויך זיינס אַ משפּחה פון אַנט־ווערפּן, אַ פרוי מיט צוויי קינדער, האָט ער אויך געשיקט אין דער זעלבער שטאָט נאַמיר.

איך האָב פּרובירט רעדן מיט זיין משפּחה איבער מיין לאַגע, אָבער זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי דאַנקען גאָט, אַז ער האָט פאַר זיי געשאַפן אַ באַהעלטעניש. איך האָב אויך געפּרובירט רעדן מיט איינעם פון שאַרלעראָאַ, וואָס איז געקומען זיך זען מיט ר. אפשר ווייסט ער וועגן עפּעס. אָבער אָן רעזולטאַט.

איך וויל צוגעבן, אַז צו געפינען אַ פּלאַץ אויף צו באַהאַלטן זיך, איז דאַן אויך געווען אַזוי שווער ווי צו שפּאַלטן דעם ים. כ׳האָב זיך געוואַנדן דורך דעם זעלבן ייד צו דער יידישער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אין שאַרלעראָאַ גרויסע פאַרצווייגטע פאַרבינדונגען צווישן די

אַרבעטער פון דער שווער־אינדוסטריע און זיי האָבן אַזוי אַרום אַ גענוגנדיקע צאָל קאָנספּיראַטיווע פּלעצער. אָבער מיינע באַמיונגען האָבן נישט גע־ברענגט קיין שום רעזולטאַט.

איך האָב זיך אַליין געפילט ווי אַן איבעריקער, וואָס דרייט זיך נאָך דערווייל אַרום. איך בין געווען אַליין, אָן אַ פאַמיליע, אָן שום ווערט, אָן אַ נאָמען, אַ פרעמדער. איך וויל דאָ אויסדריקן מיט די ווערטער פון תלמוד: אַן „אבר המדולדל", וואָס האָט געהאַט אַ ווערט, ווען ער איז געווען גאַנץ, באַהאַפטן צום גוף. ווערט ער אָבער טיילווייז אָפּגעריסן, אַפילו נישט איינ־גאַנצן, דאַרף מען אים בעסער אָפּשניידן, אַ נישט שטערט ער דעם גאַנצן גוף, און פאַלט אים בלויז צו לאַסט. אַזוי האָב איך זיך געפילט אין דער דעמאָלטיקער סביבה.

איך האָב מורא געהאַט צו רעדן איבער מיין ענין מיט דעם הער ר. כדי נישט צו באַקומען אַן אָפּזאָג, וואָס וועט דערנאָך נאָכמער פאַרערגערן מיין, אַזוי אויך קלאָגעדיקן מצב, וועלכער איז אַזוי אויך אומדערטרעג־לעך... מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָב איך געוואַרט אויף מיין גורל.

ערב סוכות, פונעם זעלבן יאָר 1942, איז געקומען ר. צו לויפן, שטאַרק צעקאָכט. ער האָט מיר דערציילט, וואָס עס האָט אָקאָרשט פּאַ־סירט: דער פּרעזידענט פון יודנראַט איז גערופן געוואָרן אויף דער קאָמענ־דאַנטור. און מען האָט אים געגעבן אַ בלאַנקן פּאַפּיר און אים געהייסן תיכף אויסשטעלן אַלע נעמען און וווינפּלעצער פון די איבערגעבליבענע יידן. ווען ער האָט געענטפערט, אַז פון זכרון געדענקט ער נישט און געבעטן, מען זאָל אים געבן, כאָטש 24 שעה צייט, כדי אויפצושטעלן די ליסטע, האָט ער באַקומען אַ הילכיקן פּאַטש, אַזוי אַז דאָס פּאַפּיר איז אים פון האַנט אַרויס־געפאַלן. מען האָט צו אים אַ געשריי געטאָן: „יודן שווינן זאָפאָרט אויפ־הייבן דאָס פּאַפּיר און ברענגען די נעמען". ער האָט צוגעזאָגט צו ברענגען די ליסטע ביז דריי שעה.

אַהיימקומענדיק האָט ער גלייך צונויפגערופן דעם יודנראַט און אים דערקלערט אַלס אויפגעלעזן. ער האָט אויך געהייסן אַלע מיטגלידער פון יודנראַט לויפן צו אַלע באַקאַנטע יידן, און אָנזאָגן, זיי זאָלן זיך באַהאַלטן ווו נאָר זיי קענען.

אַלטער קליימאַן

אין יענעם טאָג איז דער יודנראַט געוואָרן פונאַנדערגעלאָזט. אַדאַנק דעם פּאַטש, וועלכן עס האָט איצט באַקומען דער פּרעזידענט פון יודנ־ראַט, האָבן זיך די איבערגעבליבענע יידן דאָך ווי עס איז געראַטעוועט. דער פּאַטש האָט זיי אויסגעניכטערט פון די אילוזיעס...

הער ר. האָט צוזאַמענגענומען אויף דער שנעל דאָס וויכטיקסטע, וואָס ער האָט געקענט, און מיר אַנגעזאָגט קיינעם נישט אויפצומאַכן די טיר, אויסער ווען מען וועט קלינגען שנעל דריי קלינג, איינער נאָכן אַנ־דערן. דאָס וועט הייסן, אַז ער איז עס; ווייל ער האָט נאָך בדעה געהאַט אַהערצוקומען און אַרויסצונעמען זיינע נויטיקע זאַכן. ער האָט אויך אָפּ־גערעדט, מיט דעם קעגנאיבערדיקן שכן, אַ בעלגיער, וואָס זיינע פענצטער גרענעצן זיך מיט אונדזערע פענצטער דורכן הויף, אַז ווען איך וועל זיי געבן געלט, זאָלן זיי מיר ברענגען ברויט און נאָך עפּעס צום עסן. מיר האָט ער אָנגעוויזן דעם וועג, וועלכער פירט דורכן לאַנגן הויף. אין פאַל, ווען איך וועל הערן, אַז די געסטאַפּאָ רייסט זיך שוין אַריין דורך דער טיר, זאָל איך לויפן דורך דעם דאָזיקן וועג און אַריבערשפּרינגען דעם געמויערטן פּלויט, וועלכער האָט געפירט אין אַן אַנדערער גאַס.

איך האָב געטראַכט, ווען דאָס אַלץ זאָל ווירקלעך געשען, און איך וועל שוין באַוויזן זיין אויף דער אַנדערער גאַס, אַ פרעמדער, וועלכער קען אַפילו נישט די שטאָט און נישט די שפּראַך, וואָס וועט דאַן מיט מיר געשען ?

דאָס איז איצט ביי מיר געבליבן דאָס שווערסטע פּראָבלעם און איך האָב נישט געזען פאַר זיך קיין אויסוועג; איך האָב אָבער נישט געהאַט קיין אויסוועג, קיין ברירה, ווייל איך האָב אויך געפילט, אַז עס טוט באַנג דעם הער ר. דאָס גאַנצע עסק, וואָס ער האָט מיך אַריינגענומען אין זיין שטוב און איך בין פאַר אים איצט געוואָרן די גרעסטע שטערונג אין זיינע פּלענער. דער געדאַנק וועגן דעם האָט מיך געקאָסט געזונט, און האָט מיר שטאַרק ווי געטאָן. די לאַגע האָט דעמאָלט אויסגעזען, ווי אַ צוזאַמענגעבראָכענער פראָנט, ווו יעדער לויפט וווהין ער קען, וווהין די אויגן פירן אים. אין אַזאַ מאָמענט טראַכט יעדער נאָר וועגן זיך אַליין.

איך בין דערווייל איינער אַליין געבליבן אין דער פינף־צימערדיקער וווינונג און אין צענטער פון שטאָט. עס זענען אַריבער עטלעכע שעה, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טיר; יעדער קלונג, האָט אין מיין האַרץ אָפּגעהילכט ווי קלעפּ מיט אַ שווערן שטיין... דאָס קלינגען האָט זיך שפּעטער פיל מאָל איבערגעחזרט, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. אָפטמאָל אינמיטן דער נאַכט. איך האָב געהאַלטן אָפן אַלע טירן, וועלכע האָבן זיך געצויגן איבער דער לענג פון דער דירה, כדי צו זיין גרייט, אויף יעדן פאַל, ווען געסטאַפּאָ וועט נעמען ברעכן די טירן. איך האָב זיך גע־פונען שטענדיק אינעם לעצטן צימער פון וואַנען די טיר פירט צום הויף. איך האָב געמוזט דעריבער זיין אינעם לעצטן צימער, ווייל דער הויף איז אַ לאַנגער און איידער וואָס ווען קענען זיי שוין זיין אינעווייניק און ווען זיי וועלן זען מיך אַנטלויפן, וועלן זיי מיר גלייך נאָכשיסן.

דאָס קלינגען האָט זיך אַזוי אָפט איבערגעחזרט, אַז איך האָב געפילט, אַז איך וועל משוגע ווערן פון פחד. פון צייט צו צייט האָט מיר די שכנטע, אַן עלטערע פרוי, אַריינגעוואָרפן דורכן פענצטער שטיקלעך פּאַפּיר אין מיין פענצטער, אַלס סימן, אַז איך זאָל נישט עפענען ווען מען קלינגט און געגעבן מיר צו פאַרשטיין מיט צייכנס, אַז דאָס איז געסטאַפּאָ. מיינע שכנים פון דעם זעלבן הויז האָבן מיר אַריבערגעוואָרפן דורכן פענצטער פון צייט צו צייט אַ ברויטל, עטלעכע עפּל פאַר דעם געלט, וואָס איך האָב זיי פון פאַרויס געהאַט באַצאָלט. אָבער ווער האָט געקענט אין אַזאַ צייט עפּעס נעמען אין מויל אַריין? ס'זענען אַדורך טעג — געדענק איך — וואָס איך האָב פּשוט פאַרגעסן, אַז מען דאַרף עפּעס וואָס נעמען אין מויל אַריין. דאָס קלינגען אין דער טיר האָט זיך אַזוי געצויגן אַמאָל מערער און אַמאָל ווייניקער, אָבער געגנוג צו צעברעכן דעם שטאַרקסטן מענטש פיזיש און גייס־טיק. זיי האָבן קענטיק פאַרשטאַנען, אַז עמעצער געפינט זיך יאָ דאָ.

דאָס האָט זיך געצויגן אפשר אַכט ביז צען אָדער צוועלף טעג. ווער האָט דעמאָלט געקענט ציילן טעג. די שכנטע האָט מיר דעמאָלט דער־ציילט, אַז זיי קומען זייער אָפט פרעגן, אויב עס איז נאָך ווער איבערגע־

בליבן אין דער וווינונג. זי האָט זיי דערקלערט, אַז קיינער איז דאָרט נישטאָ. זיי האָבן אָבער קענטיק געהאַט ווייניק צוטרוי צו אירע רייד.

פאַר דער צייט זענען אויך געווען פּרוּוון אויפצוברעכן די טיר, אָבער דערווייל איז נאָך די טיר געווען גענוג שטאַרק, און האָט זיך נישט אונטער־געגעבן דעם דרוק פון די איינברעכער. איך וויל דאָ צוגעבן: ווען דאָס וואָלט געווען געשען אין אַנטווערפּן, וואָלטן זיי יאָ געווען באַוויזן איינצו־ברעכן די טיר. סוף כּל סוף איז דאָך די טיר נישט געווען קיין אייזערנע, אָבער דאָ אין שאַרלערואַ האָבן זיי זיך נאָך אַלץ גערעכנט מיט די געפילן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג און זיי האָבן געוואָלט אַלץ אָפּטאָן אָן צופיל ליאַרם און געפילדער. שפּעטער אַ ביסל איז דאָס קלינגען געוואָרן שוואַכער און זעלטענער.

איינמאָל האָט געגאָסן אַ רעגן, האָב איך דערהערט דעם אָפּגערעדטן צייכן. דריי קלינג, איינער נאָכן אַנדערן. איך האָב אויפגעמאַכט די טיר און עס איז אַריין געקומען ר. ער האָט צוזאַמענגענומען פאַרשידענע זאַכן אין פּעקלעך, ער האָט מיך געפרעגט, ווי עס גייט מיר און איז באַלד אַוועק. אין עטלעכע טעג אַרום איז ער ווידער געקומען און דאָ האָט ער צוגענומען דאָס רעשט ביסל זאַכן, איבערגעלאָזט בלויז דאָס מעבל.

שפּעטער אין אַ טאָג, אָדער צוויי איז ער געקומען גאַנץ פרי, פאַנאַנ־דערגענומען דאָס מעבל און עס גרייט געמאַכט פאַר דעם לאַסט־אויטאָ, וועלכער האָט געדאַרפט באַלד קומען. איך האָב אים צוגעהאָלפן ביים אויפ־לאָדן אויפן אויטאָ, כּדי עס זאָל זיין וואָס שנעלער און ער איז צוזאַמען מיטן אויטאָ שנעל אַוועק. ער האָט מיר נאָך באַוויזן צו דערציילן, אַז ער זוכט פאַר מיר אַ באַהעלטעניש, דערווייל אָן רעזולטאַט.

אויף צומאָרגנס איז ר. ווידער געקומען און צו מיר געזאָגט, אַז ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט מיר. ווייל ער דאַרף שוין אַוועקפאָרן קיין פראַנקרייך אויף אַרבעט. אַלץ איז שוין גרייט, און ער וויל צוריק איבער־געבן דעם שליסל פון דער דירה דעם בעלגישן בעל־בית. איך האָב געפילט, אַז איך שטיי אים ווי אַ ביין אין האַלדז. נישט צום אַראָפּשלינגען און נישט צום אויסשפּייען. איך האָב געזען, אַז דאָס געוויסן פּלאָגט אים, אַלס מענטש און אַלס ייד. ביז איצט ווען איך ביז געבליבן הפקר האָט עס נאָך געהייסן

אומדירעקט אָבער איצט? ווען ער וועט איבערגעבן די וווינונג דעם בעל־בית, הייסט עס, אַז ער ליפערט מיך אויס, כמעט דירעקט, צו די דייטשן אין די הענט.

זייענדיק פון פאַך אַ שניידער האָט הער ר. געהאַט ברייטע באַציונגען, באַזונדערס מיט די אויסלענדישע אַרבעטער, למשל, בולגאַרן, יוגאָסלאַוון, ווי אויך מיט אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די קוילנגרובן. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז ס׳איז אפשר דאָ אויסזיכטן צו באַהאַלטן מיך ביי אַ בולגאַרישער משפּחה. אָבער, האָט ער באַלד מיר צוגעגעבן, אַז עס איז נישט קיין גוטער פּלאַן, מחמת זיי זענען באַקאַנטע קאָמוניסטן און האָבן שטענדיק צו טאָן מיט דער מאַכט, און ווי עס זאָל נישט זיין מיט זיי, וועל איך פאַלן דער ערשטער קרבן ביי דער קלענסטער זוך־אַקציע פון דער מאַכט קעגן זיי.

דאָס „קבר" ביי מאַרקאָן

אַמאָל איז ה׳ ר. געקומען צו מיר און דערציילט, אַז ער האָט ענדלעך געפונען נאָך אַ פּאָר טאָג זוכן צווישן די אויסלענדישע אַרבעטער איינעם אַ יוגאָסלאַוו, וועלכער וווינט איינער אַליין, אין אַ פאָרשטאָט פון שאַרלערואַ, נאָענט צו די קוילנגרובנס. ער איז זייער אָרעם, האָט ער צוגעגעבן און ער האָט מסכים געווען מיך ביי אים אויסצובאַהאַלטן. ער דער יוגאָסלאַוו איז אויך אַ שונא פון די דייטשן, און האָט נישט קיין ספּעציעלע שנאה־געפילן צו די יידן. איך דאַרף אים אָבער באַצאָלן דאָס דירה־געלט, וואָס ער צאָלט פאַר זיין דירה. דאָס הייסט, 140 פראַנק אַ חודש, כדי ער זאָל באַפרייט ווערן פון דעם לאַסט פון צאָלן דירה־געלט. מאָרגן פאַרטאָג וועט ער קומען מיטן יוגאָסלאַוו, כדי מיך אַהינצופירן אין דער נייער היים.

אויף מאָרגן פאַרטאָג האָב איך געהערט דאָס באַקאַנטע קלינגען ביי דער טיר. אין דער טיר האָט זיך באַוויזן ר. מיט נאָך אַן אומבאַקאַנטן מאַן — לויטן אויסזען פון אַן איטאַליענישן קריסט. אַ הויכער און אַ דאַ־רער. ר. האָט שנעל צוגעשלאָסן די טיר און מיך פאַרגעשטעלט דעם אומ־באַקאַנטן מיטן נאָמען מאַרקאָ, אַ קוילנגרעבער, וועלכער שטאַמט פון יוגאָ־סלאַוויע, וווינט אין דער פאָרשטאָט פון שאַרלערואַ מיטן נאָמען לעדינאַ־סארד. ער האָט צוגעגעבן, אַז דער מאַן איז גרייט מיך צו נעמען אין זיין וווינונג און אויסבאַהאַלטן מיך פאַר דעם אָפּגערעדטן פּרייז.

אויך האָט ער מיר געזאָגט, אַז איצט וועט ער נעמען מיין רוקזאַק מיט דער וואַליזע, כדי איך זאָל נישט ווערן אויפפאַלנדיק אויף דער גאַס. איך דאַרף איצט געבן 50 פראַנק מאַרקאָן פאַרן וועג. מאַרקאָ איז אַרויסגעגאַנ־גען דער ערשטער און איך נאָך אים, אָפּגערוקט אויף אַ געוויסן מרחק. ר. האָט גלייך צוגעשלאָסן די וווינונג, און איז פאַרשוווּנדן פון אונדזערע אויגן.

מאַרקאָ איז נישט געגאַנגען דורך די הויפּט־גאַסן, נאָר דורך זייטיקע,

שטילע, ענגע געסלעך. דאָס איז געווען אַ מהלך פון אַ שעה גאַנג, ביז ער איז צוגעקומען צו אַן ענג שמאָל געסל. מאַרקאָ האָט זיך אומגעקוקט פון אַלע זייטן און באַלד זענען מיר ווי איינגעשלונגען געוואָרן צווישן צוויי נידעריקע הייזלעך פון וואַנען עס האָבן געפירט טרעפּ אַרויף און פון דאָרט זענען מיר אַראָפּ אין אַ קעלער.

אַזוי בין איך אַריין אין מיין איצטיקער דירה. דער ערשטער אַריינקום האָט מיר אויסגעזען, ווי איך וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ קבר. נישט געקוקט דערויף, וואָס אינדרויסן איז שוין געווען גענוג ליכטיק, האָט דאָ געהערשט אַ פינצטערניש. איך בין שטיין געבליבן און מורא געהאַט צו שטעלן אַ טריט ווייטער. מאַרקאָ האָט באַמערקט מיין צעמישטקייט און מיך גע־פרעגט: „וואָס, ס׳געפעלט דיר נישט״? איך בין שנעל צו זיך געקומען, זיך קלאָר געמאַכט מיין איצטיקן ווירקלעכן מצב און האָב געזאָגט: אַז דאָס איז בלויז דער ערשטער מאָמענט, ווייל איך פיל זיך דאָ אַ פרעמדער.

דער יוגאָסלאַוו האָט מיר דערציילט, אַז ער שטאַמט פון אַ דאָרף אין דאַלמאַציע, לעבן ספּליט, אַ פּאָרט ביים אַדריאַטישן ים. דאָ וווינט ער אַליין. 12 אַ זייגער בייטאָג גייט ער אַוועק אַרבעטן אין קוילנגרובן און קומט צוריק ערשט האַלב צוועלף ביינאַכט. אויך אינדערפרי איז ער זעלטן אין שטוב, ווייל ער האָט צו דערליידיקן פאַרשידענע ענינים.

די וווינונג באַשטייט פון צוויי סוטערינע־שטובן. איין שטוב איז אין גאַנצן פינצטער אָן אַ פענצטער, די אַנדערע שטוב האָט יאָ אַ קליין פענצ־טערל, וואָס איז שטענדיק פאַרהאָנגען מיט אַ געדיכט געוועבט גאַרדינדל, אַזוי, אַז אַפילו ביינאַכט, ווען דער לאָמפּ ברענט, קען מען פון דרויסן נישט זען, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. בייטאָג קוים וואָס מען זעט די שיין פון דרויסן. ווען איך בין ביי אים נאָך נישט געווען, נאָר ער אַליין, האָט ער געהאַלטן אָפּגערוקט דאָס גאַרדינדל, און אָפטמאָל געעפנט דאָס פענצטערל; איצט צוליב מיר, קען ער דאָס שוין נישט טאָן. בייטאָג קען מען דאָ באַ־מערקן בלויז פיס, וועלכע גייען פאַרביי פאַר דעם פענצטערל. ווען מ׳וויל פאָרט עפּעס זען, מער ווי פיס, מוז מען זיך אַרויפשטעלן אויף אַ בענקל — דעמאָלט זעט מען, ווי דורך אַ געדיכטן שלייער, די מענטשן, וועלכע גייען פאַרביי אויף דער גאַס.

אין דער פינצטערער שטוב געפינט זיך אַ בעט, אַן אַלטע קליינע מל־בושים־שאַנק און אַ קופער פאַר וועש. די אַנדערע שטוב, די „ליכטיקע", איז אויסגעקלעפּט מיט טאַפּעטן, וואָס דער גלאַנץ איז שוין לאַנג פון זיי פאַרשוווּנדן. אין אַ סך ערטער איז דאָס פּאַפּיר צעריסן; אויף דער וואַנט הענגט אַ בילד נאָך פון קעניג אַלבערט מיט זיין פרוי. אויף אַן אַנדער בילד זעט מען יעזוסעס מוטער, וואָס האַלט דאָס קינד אויף דער שויס. אויף דער שויב ליגט אַ געדיכטע שיכט סאַזשע. אַזוי זעט אויך אויס דאָס בילד מיט די צווײ מלאכים. פאַראַן אויך אַן אַלטער טיש מיט פיר אַלטע בענקלעך; אַן אַלטמאָדישער בופעט אויף כלים, און אַ שיינע קיילעכדיקע קיך — אַ גרויסע פון בעלגישער פּראָדוקציע, איבערגעצויגן מיט ניקל, וואָס מאַרקאָ איז אויף איר שטאָלץ און האַלט זי שטענדיק אין אײן פּוצן.

מאַרקאָ איז אַ פּראַוואָסלאַוונער, ער איז אָבער נישט שטאַרק פרום, גייט זעלטן אַמאָל אין דער קירך. ער זאָגט, אַז זיין גאָט איז ביי אים אין האַרצן. פון כאַראַקטער איז ער אַ שטילער, ער פאַרמאָגט אַ גוט האַרץ מיט אַ סך געפיל פאַר אַנדערע, און איז אויך גרייט צו העלפן אַ צווייטן. קוים פאַלט ער אָבער אַריין אין כעס, קענען זיינע אַלע גוטע מידות מיט אַמאָל פאַרשווינדן.

ער איז מיט מיר זייער צופרידן און עס זעט אויס, אַז ער האַלט פון מיר. ער דערציילט מיר פון זיין שנאה צו די דייטשן. באַזונדערס נאָכן אָנפאַל אויף יוגאָסלאַוויע. פריער האָט ער געהערט צום קעניגס פעטערס און מיכאַילאָוויטשעס אַנהענגער, אָבער שפּעטער איז ער געוואָרן אַן אַנהענגער פון טיטאָ, נישט ווי אַ קאָמוניסט, נאָר ווי אַ נאַציאָנאַליסט. מיט דער צייט האָב איך דערפילט, אַז אַחוץ דעם, וואָס ער האָט מיטלייד מיט מיר, לעבט אין אים אויך אַ טיף באַהאַלטענער געדאַנק, אַז נאָך דער באַפרייונג וועט ער דערשיינען אַלס העלד און וועט נאָך אפשר אויך באַקומען דערפאַר עפּעס אַנדערש...

אויך מאַרקאָ האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אויב מען וועט קלאַפּן אין טיר זאָל איך נישט עפענען; עס קען פּאַסירן, אַז דאָס זאָלן זיין זיינע חברים, פאַר סתם יוגאָסלאַוון איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן — זאָגט ער — זיי זענען אַלע ערלעכע אָרנטלעכע מענטשן און קענען האַלטן די צונג, נאָר

היינט איז צווישן זיי דאָ אַזעלכע, וואָס זענען מיכאַילאָוויטשעס אָנהענגער און פאַר זיי האָט ער מורא, זיי האַלטן מיט די דייטשן.

אויך איז ער אַ שונא די בולגאַרישע אַרבעטער, וועלכע זענען דאָ אין בעלגיע, ווייל זיי האַלטן מיט די דייטשן. פון צייט צו צייט קומט ווער פון זיי אים באַזוכן און דעריבער האָט ער מורא, אַז זיי זאָלן מיך וועגן עס איז זען.

באַזונדערס האָט ער מורא פאַר איינעם אַ פּאָליאַק, וואָס פלעגט קומען איינמאָל אין חודש, צו פאַרקויפן אים פלייש אויף שוואַרץ. „טאָמער וועט ער דיך טרעפן — זאָגט ער צו מיר — ביסטו פאַרלוירן". פּאָליאַקן — זאָגט ער — זענען פאַלשע מענטשן, און מען קען זיך אויף זיי נישט פאַר־לאָזן און דערצו האָבן זיי פיינט יידן...

אָפט פּאַסירט, אַז בייטאָג, איידער ער גייט צו דער אַרבעט, קומען צו אים חברים אויף אַ באַזוך; דעמאָלט מוז איך שנעל אַריין אין דער פינצטע־רער שטוב און אַרונטער אונטערן בעט, דאָרט מוז איך אָפט אָפּליגן אַ צוויי־דריי שעה, נישט קענענדיק אַפילו אָטעמען, כדי זיי זאָלן, חלילה, דאָס נישט דערהערן.

מאַרקאָ מוז צוליב מיר אַ סך ליידן. אַפילו דאַן, ווען ער ווערט דער־שטיקט פון רויך, טאָר ער נישט אויפמאַכן נישט די טיר און נישט דאָס פענצטער.

דאָס הויז איז אַ דריי־שטאָקיקע געביידע — פון די אַמאָליקע פעסטע מאַסיווע הייזער; עס וווינען דאָרט אַרבעטער־פאַמיליעס. אויך איז פאַראַן אַ הויף אין וועלכן עס געפינען זיך אויך אַ רייע קליינע הייזלעך אין וועלכע עס וווינען אַרבעטער־פאַמיליעס. קיינער פון די אַלע איינוווינער ווייסט נישט וועגן מיין דאַזיין, אַחוץ די ווירטין פון די אַלע הייזער, מאַדלען, אַ פלעמערין, וועלכע מאַרקאָ האַלט פאַר אַן ערלעכער און פאַרטרויונגס־פולער פרוי. מאַרקאָ האַלט אויך, אַז אַלס ערלעכער לאָקאַטאָר איז זיין פליכט געווען איר צו דערציילן וועגן מיין דאַזיין... מאַדלען האָט אויך אַ מאַן און אַ נישט פאַרהייראַטן זון. אינעם זעלבן הויז וווינט אויך איר שוואָגער מיט זיין פרוי, וועלכע פריער אָדער שפּעטער מוזן זיי אויך וויסן וועגן דעם סוד...

צוליב דער גרעסערער צאָל איינוווינער, וועלכע זוינען אַזוי געדיכט אַרום מיר, מוז איך זיך אויך ביינאַכט היטן, און מיט דער גרעסטער פאַר־זיכטיקייט זיך אַריינשאַרן ביינאַכט אין קלאָזעט, וועלכער געפינט זיך אויפן הויף.

אויך אין דער לבנה זע איך אַ שונא — צווישן אַלע מיינע אַנדערע שונאים. ווען איך מוז אַמאָל אין אַן אָוונט גיין, נישט ווייט פון מיר, צום שערער און דערפיל די פרישע לופט, ווערן מיר אונטערגעהאַקט די פיס, ווי ביי אַ שיכור. איך ציטער, אַז איך זאָל דאָרט, ביים שערער, נישט אָנ־טרעפן וועמען עס איז פון די אומגעוווּנטשענע עלעמענטן. דעריבער קלייב איך אויס צו גיין זיך שערן בלויז אין אָוונט, ווייל ס׳איז כמעט נישטאָ דאָרט קיין קליענטן.

דער הונגער דאָקוטשעט מיר זייער, ווען איך דערזע — אַמאָל דורך אַ שפּאַלט פון דער טיר ווי מאַדלען גיט אויפן הויף עסן דעם הונט אַזאַ טייער איבערבלייבעכץ, שטיקער ווייס ברויט מיט פּוטער אָדער מיט פלייש, גייט דאַן מיר אויס דאָס חיות.

מאַדלען ווייסט גוט פון מיין הונגערן; ווייל מאַרקאָ — ווייס איך, לויט ווי ער האָט מיר געגעבן אָנצוהערן — דערציילט איר. אָבער אין משך פון דער גאַנצער צייט, וואָס איך געפין זיך דאָ האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געפרוּווט מיר געבן עפּעס וואָס צום עסן.

מאַדלענען גייט עס זייער גוט, לעבן מיין שטוב האָט זי אַ קעלער־שטוב, אָנגעשטאָפּט מיט ווײַנען און אַלערליי סאָרטן פלייש, ווי אויך אַנדערע פּראָדוקטן. זי פאַרנעמט זיך מיט שוואַרצן האַנדל, קויפט אויף די פּראָ־דוקטן־קאַרטן פאַר אַ האַלבן פּרייז, און די פּראָדוקטן, וואָס זי באַקומט דער־פאַר, פאַרקויפט זי אויפן שוואַרצן מאַרק. און היות ווי מאַדלענס מאַגאַזין גרענעצט זיך מיט מיין קעלער־וווינונג, האָט זיך אויף מיר אָנגערוקט אַ נייע צרה: מאַדלענס זון האָט אַ געליבטע. יעדעס מאָל, ווען ער גייט אַרונטער עפּעס נעמען פון מאַגאַזין צום פאַרקויפן, גנבעט ער אַרויס אַ שטיק פלייש, אַ שטיקל פּוטער און אַנדערע פּראָדוקטן, וועלכע ער ברענגט צו מיר דערווייל צום באַהאַלטן. אין אָוונט, ווען ער גייט צו זיין געליבטער, נעמט עס ער צוריק אַרויס.

מאַרקאָ וויסט פון דעם און האַלט, אַז עס איז זייער שלעכט, ווייל מאַדלען קען זיך וועגן דעם דערוויסן, אָבער איך טאָר מאַדלענס זון אויך נישט אָפּזאָגן. אַזוי אַרום געפין איך זיך צווישן האַמער און קאָוואַדלע.

איך רייס דאָ איבער מיט מיינע זכרונות פון מיט אַ קאַרגן יאָר צוריק, און גיב דאָ איבער פון די אָקאַרשט איצטיקע געשעענישן וועלכע זענען עלול, לויט מיין מיינונג, צו ברענגען אַ שנעלע ראַדיקאַלע ענדערונג אין די וועלט־געשעענישן.

אָקטאָבער 1943, מאַרקאָ איז אַריינגעפאַלן אין שטוב מיט גרויס שמחה, און מיר דערציילט, אַז ער האָט געהערט אין דרויסן, אַז מוסאָליני איז אַרעסטירט געוואָרן אין איטאַליע און איז צוגעשטאַנען צו די אַליאירטע.

איך קער זיך צוריק צו מיינע זכרונות פונעם יאָר 1942.

איך דריי זיך אַרום איינער אַליין, ווי ווייט מעגלעך שטיל, אין די צוויי קעלער־שטובן. אַזוי שטיל, אַז איך אַליין האָב שוין מורא פאַר מיינע אייגענע טריט. פון צייט צו צייט זע איך דורכגיין פיס, און די אייגנטימער פון די פיס קענען נאָך אַמאָל באַמערקן, אַז עמעצער געפינט זיך אין שטוב, אין דער צייט, ווען אין דער גאַנצער סביבה איז באַוווּסט, אַז מאַרקאָ איז איצט נישט אין שטוב.

דערווייל האַלט איך אויף פאַר אַ גליק דאָס, וואָס איך קען טראַכטן. אַנדערש קומט מיר אויס משוגע צו ווערן: אָן אַ צייטונג, אָן עפּעס וואָס צו לעזן. איך טראַכט אַ סך. צווישן אַנדערן בין איך געקומען צו דער דער־קענטעניש, אַז „שכר מצוה — מצוה"; דו דאַרפסט זיין צופרידן און גליק־לעך, ווען דו באַקומסט אַ געלעגנהייט צו קענען העלפן דעם צווייטן. עס דאַרף זיין פאַר דיר אַ סאַטיספאַקציע, ווען דו ווייסט, אַז האָסט עמעצן גע־האָלפן, אָן שום חשבון, און ממילא וועט דאָס דיר אַליין אויך צונוץ קומען, ווייל עס איז אַ גלגל החוזר בעולם (אַזאַ מין רעדל, וואָס דרייט זיך אַרום דער וועלט).

איך טראַכט אויך, אַז נאָך דער יידישער קאַטאַסטראָפע, וועט ענגלאַנד געוויס אַנדערש האַנדלען לגבי ארץ־ישראל און לגבי די יידן; און די

יידן אַליין — ווו זיי זאָלן נישט זיין — וועלן דאַן שוין קומען מאַסנווייז קיין ארץ־ישראל.

מאַקס נאָרדאַו האָט אַמאָל געזאָגט, אַז יידן לערנען נישט די פּאָרויס־געזעענע געשעענישן פון שכל, נאָר פון די קאַטאַסטראָפעס. אַ ייד קויפט נישט קיין שירעם, ווען ער זעט אַפילו אויפן הימל די צונויפגעזאַמלטע וואָלקנס; נאָר ווען ער איז שוין דורכגעווייקט פון רעגן און ליגט שוין אויפן בעט קראַנק אויף אַ לונגען־אָנצינדונג. אָבער היות ווי דאָס אַלץ איז שוין געשען, וועלן די יידן שוין זיכער דערפון לערנען, און עס וועלן זיך פאַר יידן אָנהייבן אַנדערע צייטן.

איך לייג יעדן טאָג טלית און תפילין, וועלכע איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך נאָך פון לאַגער. איך טו עס אין דער פרי, ווען מאַרקאָ גייט אַוועק איינקויפן; מאַרקאָ גייט אַרבעטן ערשט נאָך 12 אַ זייגער בייטאָג. אַ מאָל איז ער צוריקגעקומען פריער פון זיין איינקויפן און איך האָב קוים געהאַט באַוויזן צו באַהאַלטן די תפילין, איך בין נאָך געווען אָנגעטאָן אי־נעם טלית. ער האָט זיך דערשראָקן, וואָס איז דאָס פאַר אַ זאַך? איך האָב אים דערקלערט, אַז דאָס איז פון וואָל, און ווען עס ווערט מיר קאַלט, היל איך זיך איין אין דעם. איך האָב אים מורא געהאַט צו דערציילן דעם אמת, ווייל אַפילו דאָס ביסל קריסטלעכקייט, וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט, קען אים אויפרעגן, ווען דאָס וועט זיך צונויפטרעפן מיט דער יידישער רע־ליגיע.

קורץ נאָך דעם, און איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין טעות אין מיין אָפּשאַצונג איבער מאַרקאָן. דערביי וויל איך אונטערשטרייכן, אַז מאַרקאָ איז אַ זעלטן גוטער מענטש. ער איז שטאַרק אָרעם און היינט קאָסטן קוילן זייער טייער. דאָך הייצט מאַרקאָ פון צייט צו צייט אָן די קיך אַפילו, ווען ער גייט אַוועק צו דער אַרבעט אין קוילנגרוב, ווען עס איז אין דרויסן זייער קאַלט. ער זאָגט דערביי צו מיר: הונגעריק ביסטו און זאָלסט נאָך דערצו פרירן. דאָס קאָן איך שוין נישט פאַרטראָגן. נאָך דער געשעעניש מיטן טלית האָט ער מיר שבת געהייסן צעהאַקן אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ אונטערצוהייצן די קיך. איך האָב זיך געוואָלט אַרויסדרייען דערפון דורך אַ תירוץ, ווייל אויך זייענדיק

אויף פרעמדער ערד

אין לאַגער האָב איך געטאָן אין שבת נאָר וואָס איך האָב געמוזט. אָבער איך האָב גלייך געזען אינעם פּנים פון מאַרקאָן, אַז דאָס קאָן ווערן פאַר מיר אַ געפאַר. האָב איך גלייך מסכים געווען. חוץ מזה, האָט מאַרקאָ ליב באַקומען צו שפּילן די ראָלע פון אַ בעל־בית, אַפילו ווען ער גיט עפּעס טאָר מען אים נישט דערין אָפּזאָגן.

יידישע שכנים...

אין אַ געוויסן פרימאָרגן האָב איך דורך אַ שפּאַלט פון דער טיר באַ־מערקט אין הויף פאַרבייגיין אַ פרוי. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איז אַ יידישע, מער ווי לויט איר פּנים, האָב איך באַקומען דעם איינדרוק דורך אירע נישט זיכערע טריט, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אויף גלאָז. אויך אירע אויגן האָבן פאַרראַטן אַן אינערלעכע שרעק.

איך האָב דאָס דערציילט מאַרקאָן. עס האָט מיר אָבער שפּעטער באַנג געטאָן; ווייל ער האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז מאַדלען האָט אים גע־זאָגט, אַז עס האָבן זיך נעכטן אַריינגעצויגן צו איר פרישע מענטשן, נאָר זיי זענען נישט קיין יידן, זיי רעדן אַזאַ גוטן פראַנצויזיש, און האָבן נאָך דערצו בעלגישע פּעסער. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות. אָבער ביי זיך האָב איך געוווסט, אַז זיי זענען יידן. מען האָט עס אויך געקענט דערקענען אויך לויט זייער הלבשה, וועלכע האָט זיך אונטער־געשיידעט אין דעם אָרעמען אַרבעטער־קוואַרטאַל פון אַנדערע איינוווינער.

צוויי וואָכן נאָך דעם ווי כ׳האָב אינעם הויף דערזען די יידישע פרוי, קלאַפּט אַן אין מיין טיר מאַדלען, אַן איבערגעשראָקענע, און זי דערציילט מיר, אַז די איינוווינער, וועלכע האָבן דאָ נישט לאַנג זיך צו איר אַריינגע־צויגן זענען יידן; זיי זענען טאַקע בעלגישע בירגער. עס איז אָבער איצט אַרויס אַ באַפעל צוצונעמען אויך אַלע בעלגישע יידן, כדי זיי אָוועקצו־שיקן, וואָס ביז איצט האָט מען זיי נישט גענומען, דעריבער בעט זי ביי מיר דערוויל אַריינצולאָזן די יידישע פאַמיליע צו מיר.

איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז מיט זייער אַריינקומען אַהער — אַ פאַמיליע פון פיר פּערזאָן — ווערט מיין לאַגע זייער געפערלעך. דערצו בין איך דאָך נישט אַליין, ס׳איז דאָך דאָ דער בעל בית מאַרקאָ. צי וועט מאַרקאָ מסכּים זיין דערויף? צי וועט ער אַמאָל נישט בייז ווערן אויפן גאַנצן עסק... אָבער עס דראָט דאָך זיי אַ דירעקטע סכּנה, וואָס הענגט איצט

איבער די דאָזיקע יידן. יעדע מינוט פון זייער איבערבלייבן אין זייער וווינונג.

איך האָב מאַדלענען שנעל געענטפערט, אַז איך בין מסכים, אַז זיי זאָלן דערווייל אַריין צו מיר, ביז זיי וועלן געפינען אַן אַנדער אָרט. די עלטערן זענען ביי מיר געבליבן און די קינדער — אַ יינגל פון אַ יאָר 14־15 און אַ מיידל פון אַ יאָר 9־10, זענען אַוועק ערגעץ אַנדערש איבער־נעכטיקן. אויף צומאָרגנס פאַרטאָג, זענען די עלטערן אַריינגעגאַנגען אין זייער וווינונג, עפּעס וואָס אַרויסצונעמען און די געסטאַפּאָ האָט זיי צוגע־נומען...

דאָס יינגל איז צו מיר געקומען אין אָוונט און מיך געבעטן, צי קען איך אים צוהעלפן שפּעט ביינאַכט אַרויסנעמען פון שטוב מלבושים, געלט און עסנוואַרג. עס איז געווען אַ גרויסע סכנה דאָס צו טאָן, ווייל על פּי רוב פלעגט די געסטאַפּאָ נאָכן אַרויסנעמען די קרבנות לויערן אויף די וווינונג, אפשר קומט נאָך ווער פון די יידן. איך האָב אָבער נישט געקענט אָפּזאָגן צו העלפן איבערגעבליבענע קינדער אין זייער נויט.

מיר זענען אַריין אין זייער שטוב און אין משך פון אַ פּאָר שעה האָבן מיר אַרויסגענומען אַ ריזיקע צאָל עסנוואַרג. וואָס די עלטערן האָבן גע־האָט צוגעגרייט. דער גרעסטער טייל דערפון — איז געווען צוקער, מעל, רייז און אַנדערע פּראָדוקטן. דאָס אַלץ איז אָפּגעלייגט געוואָרן ביי אונדז אין קעלער. דאָס יינגל איז אַוועק זוכן אַן אויטאָ, דאָס אַרויסצונעמען פון אונדז.

אַזוי איז דאָס עסנוואַרג געלעגן ביי אונדז אַ פּאָר טעג. מאַרקאָ האָט זיך אויף מיר געבייזערט, פאַר וואָס איך נעם נישט אַראָפּ עפּעס דערפון אויך פאַר מיר. ער האָט געזאָגט צו מיר: „דו ביסט אַ פּאָפּ", ביי יעדער זאַך, וואָס אים האָט אויסגעוויזן צו זיין פון מיין זייט צופיל מענטשלעך, האָט ער געזאָגט, אַז איך בין אַ פּאָפּ (אַ פּראָוואָסלאַוונער גייסטלעכער). איך האָב נישט געוואָלט נעמען אַליין אָן דערלויבעניש פונעם יינגל; דערווייל האָט ער געהאַט מיט זיך צו טאָן, מיטן אַרומלויפן שאַפן אַ פּלאַץ פאַר זיך און פאַר דער שוועסטער זיינער, און פאַרן עסנוואַרג. דער סוף איז געווען, אַז אין אַן אָוונט איז ער געקומען מיט אַן אויטאָ און איידער וואָס ווען איז

אַלץ שוין געווען אויפגעלאָדן און פאַר מיר איז גאָרנישט איבערגעבליבן.

מאַרקאָ האָט מיך דערנאָך דערפאַר געוואָלט אויפעסן. אָבער דערפאַר איז דאָס ייִנגל געקומען צו מיר מיט דריי וואָכן שפּעטער און האָט מיך אַרויסגעפירט אין אַ פינצטערער נאַכט, אונטער אַ טונעל, ביי אַ טראַמוויי־סטאַציע, אין אַ געוויסער פאַרשטאָט. דאָרטן האָב איך באַקומען פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג אַן אַרישן פּאַס מיט מיין פאָטאָגראַפיע, ווי אויך אַ פּאַפּיר פון אַ קוילנגרובן, אַז איך אַרבעט דאָרט, אויך אויף דעם זעלבן נאָמען ווי אויפן אַרישן פּאַס — אַן עכטן פלעמישן אַרישן נאָמען.



דער מחבר פונעם בוך אויף פרעמדער ערד, אין זיין פאַלשן אַרישן פּאַס

ווען מאַרקאָ קומט אַהיים שפּעט אין דער נאַכט און זעצט זיך עסן, געפין איך דעמאָלט אַן אויסרייד, אַרויסצוגיין אין קאָרידאָר כלומרשט כאַפּן לופט, כדי איך זאָל נישט זען ווי ער עסט.

פון איין זייט איז מיר נישט לייכט אַלס הונגעריקער צו זען ווי ער עסט און פון דער אַנדערער זייט איז מיר נאָך שווערער און אוממעגלעך דאָרט צו זיין בעת זיין עסן, ווען ער ווייסט, אַז איך בין טויט הונגעריק,


Nous soussignés :
CHARBONNAGES DU TRIEU-KAISIN
CHATELINEAU
déclarons que le porteur de la présente
Nom VAN ERP
Prénoms Albert
demeurant à Gilly
Rue Lowy N° 29
Profession manoeuvre
Carte d'identité n° 79246
délivrée par la commune de Shatelineau
fait partie de notre personnel.
Cette attestation est remise au titulaire pour sa justification d'emploi et sera présentée à toutes fins utiles.
, le 194
Signature:
Signature du porteur:
Unterschrift des Inhabers
Van Erp Albert

Wir Unterzeichnete :
CHARBONNAGES DU TRIEU-KAISIN
CHATELINEAU
bestätigen hiermit, dass :
Name VAN ERP
Voorname Albert
Wohnhaft in Gilly
Strasse Lowy Nr. 29
Beruf manoeuvre
Inhaber der Identitätskarte Nr. 79246
ausgegeben durch die Gemeinde
Shatelineau, unserm Personal zu behört.
Dieser Ausweis ist dem Inhaber ausgehändigt als Anstellungsbeweis und ist auf Ersuchen vorzuzeigen.
CACHET de la Firme
-1 AVR 1944
CHATELINEAU

דער אַרישער דאָקומענט פון קוילן־גרובן, ווו א. קליימאַן האָט געאַרבעט

און עס איז מיר אַ גרויס רחמנות אויף אים, ווייל איך ווייס, אַז ער אַליין האָט אויך נישט צופיל עסן. און וואָס איז ער שולדיק אין מיין מצב?

איך קען זיין נאַטור, דעריבער וויל איך אויסמיידן די אומאָנגענעמע סיטואַציע סיי פאַר מיר און נאָכמער פאַר אים. מאַרקאָ באַמערקט אָבער און ווי עס זעט אויס, באַקומט אים נישט דאָס עסן, אַפילו ווען איך שטיי אין קאָרידאָר, ער רופט מיך אַריין אין שטוב און דערלאַנגט מיר אַ שטיקל ברויט אָנגעשמירט מיט קאָנפיטור, אָדער אַרויפגעשיט אַ געלן צוקער. איך זאָג אים אָפּ, ויסנדיק זיין לאַגע. ער ווערט אָבער אין כעס און שרייט: „וואָס דו ביסט נישט הונגעריק?" איך, פּשוט אויס מורא פאַר אים — מוז נעמען דאָס שטיקל ברויט.

אַזאַ סצענע חזרט זיך איבער פון צייט צו צייט. מאַרקאָ זעט, אַז מיין לאַגע ווערט מיט יעדן טאָג ערגער און קריטישער. שוין פיל חדשים, ווי איך האָב נישט געהאַט אין מיין מויל קיין שטיקל ברויט (אויסער וואָס

מאַרקאָ גיט מיר פון צייט צו צייט) און נישט קיין קאַרטאָפל. איך לעב נאָר פון דעם ביסל האַבערפלאָקן, וואָס איך צעטייל דאָס אין קאַרגע פּאַרציעס, קוים אויף צו דערהאַלטן די נשמה. מאַרקאָ באַמערקט עס און וויל מיר העלפן מיט וואָס ער קען; למשל, אויף זיין ראַציאָן (צוטיילונג) באַקומט ער — אַלס אַרבעטער פון דער שווער־אינדוסטריע — יעדן חודש אַ קילאָ פלייש. פירט ער זיך אַזוי: ער קויפט צו צו דעם אַ סך פאַרבראָקעכץ, קאָכט עס אָפּ אין איין מאָל, אין אַ זונטיק, און עסט עס טאַקע אויף מיט איין מאָל. דעמאָלט בעט ער מיך, אַז איך זאָל אויך עסן אַ שטיקל פלייש. באַזונדערס בעט ער ביי מיר, אַז איך זאָל אים העלפן עסן פון דעם גרויסן טאָפּ זופּ, מיט וועלכן ער לויפט אַרום צווישן די שכנים, און בעט ביי זיי, זיי זאָלן עסן דערפון.

איך עס דאָס נישט, צוליב דער מיסטישער קבלה, וואָס איז ביי מיר זייער איינגעוואָרצלט; כאָטש על פּי דין מעג מען עסן טריפה אין אַזעלכע מאָמענטן. עס איז אַפילו אַ מצווה „וחי בהם, ולא שימות בהם, ושמרתם את נפשותיכם מאד״, אָבער דאָס האָב איך געטאָן נאָר, ווען איך האָב זיך געפונען אין לאַגער, ווייל נישט עסן פון קעסל, און דערצו נאָך שווער אַרבעטן, וואָלט געהייסן אַ „מאבד את עצמו לדעת״, איינער פון די גרעסטע עבירות ביי יידן; אָבער דאָ, רעכן איך און האָף, אַז איך וועל זיך קענען ווי עס איז דורכשלאָגן און נישט עסן קיין טריפות, וואָס על פּי קבלה קענען זיך אַלע עבירות אויסהיילן דורך תשובה אויסער עסן טריפות, ווייל דער גאַנצער קערפּער איז יונק דערפון, און בפרט, וואָס וועל איך שוין גליקלעך זיין, איינמאָל אין חודש; צי וועט שוין פון דעם איינמאָליקן עסן קומען צו מיר די ישועה?

פאַר מאַרקאָן האָב איך זיך פאַרענטפערט דערמיט, וואָס איך לייד פון אַזאַ קראַנקייט, וואָס איך טאָר נישט עסן — נישט נאָר קיין פלייש, — נאָר אַפילו דעם טעם פון פלייש טאָר איך נישט פאַרזוכן.

דעם זעלבן ענטפער האָב איך אויך געהאַט ווען ער האָט באַקומען, אַלס איינמאָליקע צוטיילונג, יעדן חודש אַ האַלבע קילאָ וווּרשט, און מיר געוואָלט אויך עפּעס געבן דערפון.

מאַרקאָ האָט מיר היינט דערציילט, מיט גרויס איבערראַשונג סיי פאַר

אים, און סיי פאַר מיר, בעת ער איז צוריקגעקומען אין דער פרי פון גאַס, אַז ער האָט היינט געטראָפן דעם הער ר. אַנגעטאָן מיליטעריש אַזוי ווי די דייטשן. ער האָט אָנגעהויבן מיט אים צו רעדן, אָבער ער איז גלייך אַרויף אויף אַ טראַמוויי, און איז פאַרשווונדן.

מאַרקאָ זעט מיין איינזאַמקייט און אָפּגעשניטנקייט פון דער וועלט. ער הויבט מיר אָן ברענגען צייטונגען צום לעזן. היות אָבער ווי איך בין זייער שוואַך אין פראַנצויזיש — און דערצו זענען זיי די צייטונגען זייער קליין, צוליב מאַנגל אין פּאַפּיר, און אויך אָנגעפּיקעוועט כמעט בלויז מיט פּראָ־פּאַגאַנדע־מאַטעריאַל, וואָס איז מיר בכלל אוממעגלעך צו פאַרשטיין, — פרעגט מיך מאַרקאָ, צי איך פאַרשטיי דייטש און צי איך וויל קויפן אַ דייטשע בריסעלער צייטונג. ערשטנס איז זי זייער גרויס, דרייפאַכיק גרעסער פון די אַרטיקע בעלגישע צייטונגען אין דער פראַנצויזישער שפּראַך. און דערצו קאָסט זי פיל ביליקער פון די בעלגישע צייטונגען. איך בין מסכים און מאַרקאָ פאַרפעלט נישט קיין איין טאָג, מיר צו ברענגען די בריסעלער דייטשע צייטונג. עס מעג דונערן און בליצן, אָבער די צייטונג ברענגט ער. כדי צו ברענגען די צייטונג דאַרף מען גיין אַ מהלך, אפשר מער פון צוויי קילאָמעטער, אַזש ביז זשילי (אַ פאַרשטאָט פון שאַרלערואַ). אמת ער גייט סיי ווי אַהין יעדן טאָג, איינצוקויפן פאַר זיך פּראָדוקטן; זיך צו זען מיט חברים, און אויך צו הערן נייעס פון פאַרשידענע געשעענישן, אָבער ווען ער דאַרף אַפילו נישט גיין אַהין, זוכט ער אָן אויסרייד צו גיין אַהין צוליב דעם, ווייל ער האָט די פליכט מיר צו ברענגען די צייטונג.

ביים לייענען די צייטונג, ווייזט זיך מיר אויס, ווי איך וואָלט געלעגן אַ נאַקעטער אויף טשוועקעס; ביים ענדיקן דאָס לייענען פיל איך ווי אַ קאַלטער שוויס באַדעקט מיך, און דער קאָפּ טוט מיר אַזוי ווי, אַז איך מוז זיך צולייגן קאַלטע טיכער צום קאָפּ.

מיין גאָט! וואָס מען שרייבט אַלץ דאָרט נישט וועגן יידן; אַזויפיל טפשות, אָבער איינגעוויקלט אין אַ מאַנטל פון וויסנשאַפט, צונויפגעשטעלט פון פאַכמעניש פאַבריצירטע שקרים. אַזוי, אַז אַ פשוטער מענטש קען ווירק־לעך גלויבן אין זיי.

די דייטשע פּראָפּאַגאַנדע פאַרמאָגט אַ גאַנצע אַרמיי פון ספּעציאַליסטן

צו אַזעלכע שקרים. צווישן זיי איז פאַראַן איינער מיטן נאָמען: פליישהאַאַער. ער איז אַ קינסטלער פון ברענגען ציטאַטן פון יידישע מקורות, הויפּטזעכלעך פון תלמוד, און זיי אַזוי קינצלעך צו פאַרקריפּלען, אַז עס זאָל אַרויסקומען דאָס צו וואָס ער צילט. אַ סך מאָל קלער איך, אַז איך מוז אים אָפּענטפערן. אָבער ווי אַזוי? זיי וועלן דען וועלן אָפּדרוקן מיינע ענטפערס?

אַ באַזונדער קאַפּיטל אין דער דאַזיקער צייטונג זענען די קאַריקאַטורן, וואָס זענען געווידמעט די יידן. צווישן זיי האָבן ספּעציעל דערדריקנדיק געווירקט אויף מיר צוויי פון זיי, איינער, וואָס שטעלט פאָר אַ גרויסן לאַגער, אין וועלכן ס׳דרייען זיך מענטשן מיט סעמיטישע פּנימער, לאַנגע נעז, דיקע בייכער, קורצע פיס, מיט הויכע צילינדערס אויף די קעפּ. די אונטערשריפט זאָגט: „מיר האַלטן שוין אויך ביי די אַמעריקאַנער יידן״.

די צווייטע קאַריקאַטור שטעלט אויך פאָר אַ לאַגער. אָבער דאָס מאָל דרייען זיך אַרום צענדליקער נאַקעטע שקעלעטן, מיט זייער לאַנגע, אויסגעדאַרטע הענט, און נאָך מער דאַרע פיס, מיט לאַנגע ברייטע בערד. אויף אַ פראַגע, וואָס עס שטעלן זיי עטלעכע צוגעקומענע הערן: „ווער זענט איר?״ ענטפערן זיי: „מיר זענען פון די איבערגעבליבענע יידן״.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, לייען איך די דאַזיקע צייטונג. ערשטנס איך זאָל האָבן מיט וואָס זיך צו באַשעפטיקן און אויך כדי איך זאָל נישט זיין אינגאַנצן אָפּגעריסן פון דער וועלט. איבערהויפּט אין די שפּעטערדיקע מאָנאַטן, קומט מיר די דאַזיקע צייטונג צונוץ. איך לייען נישט בלויז די שורות, נאָר אויך צווישן די שורות. דאָס וואָס זיי ווילן פאַרדעקן. איך לייען אויך אַרויס פון זייערע נצחונות — זייערע מפּלות.

ביים לייענען די ידיעות פון די פראָנטן ליגן ביי מיר מאַפּעס פון אַלע וועלט־טיילן. איך זע שוין ווי עס הויבט זיי אָן צו גיין — אַזוי ווי מען זאָגט — מיט דער פוטער אַראָפּ. ווי זייער מזל הויבט אָן צו ווערן אַ שלים מזל. דאָס גיט מיר האָפענונג, שטאַרקט מיך, טראָגט די שווערע אומשטענדן, אין וועלכע איך געפין זיך. דאָס גיט מיר כוח צו קענען אויסהאַלטן, און זיך דערהאַלטן.

מאַרקאָ ברענגט מיר אויך נייעס, וואָס ער הערט ביי זיינע חברים, וועלכע הערן די פרעמדע ראַדיאָ־סטאַציעס.

אויך אין „קבר" ווערט ענג און געפערלעך

מאַרקאָ איז אַמאָל אַהיימגעקומען און איך האָב געזען, אַז ער איז עפּעס זייער נערוועז און רויט אויפֿן פּנים. איך האָב באַמערקט, אַז ער וויל עפּעס רעדן, אָבער ער שעמט זיך.

ענדלעך האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט צו מיר, אפשר וואָלט איך זיך געשאַפֿן אַן אַנדער אָרט. עס זענען פֿאַראַן נאָך יידן, וועלכע באַהאַלטן זיך, האָט ער געזאָגט, און איך זאָל צו זיי גיין, און זיך ביי זיי באַהאַלטן. אויך האָט ער געזאָגט, אַז מען האַלט אין איין כאַפּן יידן און ער האָט שטאַרק מורא.

דאָס לשון איז ביי מיר געוואָרן ווי אָפּגענומען פֿון שרעק. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט, און אים געפֿרעגט, אפשר ווייסט ער ווו זיי באַ־האַלטן זיך אויס, וועל איך צו זיי גיין, ווייל איך אַליין ווייס נישט פֿון אַזעל־כע און אויב ער וויל מיך שיקן אין גאַס אַריין, — הייסט דאָס, כמעט די־רעקט איבערגעבן מיך צו די דייטשן אין די הענט — האָב איך קיין ברירה נישט, זאָל ער טאָן וואָס ער וויל.

מאַרקאָ האָט אָבער קיין האַרץ נישט סתם הייסן מיך גיין.

איך ווייס, אַז דאָס אַלץ איז געקומען פֿון מאַדלענס מויל. איך ווייס נאָך עפּעס, וואָס ער ווייסט נישט און אויך מאַדלען ווייסט עס נישט. ווען מען כאַפּט מיך חלילה, דראָט אים — ווי אַ יוגאָסלאַוו און אויסלענדער — דאָס זעלבע, וואָס מיר... דאָס איז אָבער נישט חל אויף קיין בעלגיער. ווען מען כאַפּט אַ ייד ביי אַ בעלגיער קומט ער אָפּ, אויפֿן ערגסטן פֿאַל, מיט אַ שטראָף פֿון איין וואָך אַרעסט. אין די מערסטע פֿאַלן אויך דאָס נישט.

אויך דאָס קאַסט מיך געזונט. דורך מיר ווערט איינגעשטעלט אַ פֿרעמדע פּערזאָן. אָבער איך פֿאַרענטפֿער מיין געוויסן דערמיט, וואָס עס קען אפשר

בלויז פּאַסירן, אָבער ווען איך בין אויף דער גאַס, איז עס אַ זיכערע גע־שעעניש...

טראָץ דעם, וואָס ס׳איז מיר דערווייל געלונגען מאַרקאָן אָפּצוהאַלטן פון אַזאַ געפערלעכן שריט קעגן מיר, האָב איך ווייטער געלעבט אין פּחד און אין ציטערניש, טאָמער ווערט ווען עס איז דאָך מאַדלענען געלונגען אי־בערצורעדן מאַרקאָן, ער זאָל מיך הייסן אַוועקגיין.

אין אַ געוויסער צייט שפּעטער איז מאַרקאָ אַראָפּגעקומען פון מאַד־לענען און מיר איבערגעגעבן, אַז מאַדלען האָט צופעליק — דאָ איצט — באַגעגנט דעם בעלגישן פּאָליציי־אָפיציר פון דעם קוואַרטאַל און אים דערציילט פון מיין זיין דאָ.

ביז ער האָט געענדיקט זיין ווייטערדיקע דערציילונג, האָב איך אַ ציטער געטאָן פון שרעק. אָבער — האָט מאַרקאָ געענדיקט דערציילן — דער אָפיציר האָט צו איר געזאָגט: „שווייג, דו זאָלסט דערפון קיינעם נישט דער־ציילן און אויך איך האָב גאָרנישט געהערט. פאַרשטאַנען?"...

זי, מאַדלען, האָט זיך פאַר מאַרקאָן נאָך דעם פאַרענטפערט, אַז זי האָט דערציילט דעם אָפיציר — וויל נאָכן קריג וועט מען צו איר האָבן אַ טענה, אַז זי האָט געהאַלטן אין איר הויז אַ נישט איינגעמאָלדענע פּערזאָן.

מאַרקאָ אין זיין תמימות האָט איר אַלץ געגלויבט. אָבער נאָך דעם האָט דערווייל מאַדלען אויפגעהערט העצן מאַרקאָן.

מיינע קאַרגע פאַר הונדערט פראַנק האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצולאָזן. ווען איך וועל שוין אויך מאַרקאָן נישט האָבן צו באַצאָלן דאָס דירה־געלט — איז אויס מיט אַלעמען. פאַרוואָס זאָל ער מיך שוין האַלטן?

איך האָב מיך אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן און געפּרוווט פאַרשידענע מיטלען, אָבער אָן דערפאָלג. איך האָב געזוכט, און נישט געזען פון וואַנען איך קען געהאָלפן ווערן.

איינמאָל זיצנדיק אַזוי פאַרטראַכט האָב איך דערהערט ווי מאַדלען קלאַפּט אָן אין דער טיר. זי האָט מיך געפרעגט, צי זי קען מיר אַראָפּשיקן אַ ייד, וועלכער געפינט זיך איצט ביי איר. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אָרעמער ייד, וואָס דרייט זיך אַרום און וויל עפּעס אַראָפּפאַר־קויפן פון זיך, כדי צו קענען זיך דערהאַלטן.

צו וואָס טויג עס? ער קען נאָר בלויז מיטשלעפּן צרות, ווייל ווען מען כאַפּט אַזאַ יידן, באַקומט ער געשלאָגן, כדי ער זאָל אויסגעבן אַנדערע, איז צוואָס האָב איך עס נויטיק? קיין רייכע יידן, וועלכע קענען יאָ אַמאָל העלפן, דרייען זיך דאָך נישט אַרום אין גאַס. דעריבער האָב איך זי געבעטן, זי זאָל קיינעם פון די יידן צו מיר נישט שיקן.

די ריזיקאַלישע רייזע קיין אַנטווערפּן

זעענדיק, אַז איך האָב שוין נישט וואָס אָנצוווערן, באַשליס איך זיך אויף אַ געוואַגטן, געפערלעכן שריט.

בעת איך בין נאָך געווען ביי ר. אין שטוב, נאָך מיין אָנקומען פון לאַגער, האָט ער מיר דעמאָלט איבערגעגעבן, אַז מיין פרוי האָט אים דערציילט, אַז בעת איר צוריקפאָרן קיין אַנטווערפּן האָט זי דאָס צירונג און דאָס געלט אַריינגעלייגט אין אַ קאַנאַפּע (אין דער זעלבער קאַנאַפּע, וואָס איך האָב געגעבן אַלבערטן, מיין באַקאַנטן בעלגישן סוחר, צום באַהאַלטן). די קאַנאַפּע האָט זי שפּעטער איבערגעשיקט מיט דער באַן קיין אַנטווערפּן, האַלטנדיק אַזוי אַרום איז זיכערער ווי עס צו פירן מיט זיך. האָב איך געטראַכט, אַז דאָס געלט און צירונג האָט זיכער מיין פרוי פון דער קאַנאַפּע נישט אַרויסגענומען. און אַזוי ווי די קאַנאַפּע מיט דעם אַלעמען געפינט זיך איצט ביי אַלבערטן, איז כדאי צוצופאָרן אַהין און דאָס אַלץ אַרויסצונעמען.

אין אַזאַ צייט איז פאַר אַ ייד פאָרן קיין אַנטווערפּן אַזאַ ווייטע שטרעקע אַזש פון שאַרלערואַ, און נאָך וועלן צוריקקומען, איז פונקט ווי באַשליסן צו שפּרינגען פון אַ וואַלקן־קראַצער און דערביי וועלן בלייבן לעבן... דערצו מוז איך נאָך קומען אין דער געגנט פונעם פויגל־מאַרק, ווו אַלע קענען מיך.

דאָס אַלץ איז אויסער יעדערן לאָגישן חשבון; דאָס אַלץ איז מיר געווען קלאָר אין מיינע געדאַנקען. אָבער די אומבאַוווסטע געפאַר פון פאָרן, האָט גובר געווען די זיכערע און קלאָרע געפאַר, וואָס מיר דראָט אויב איך וועל נישט מאַכן דעם געוואַגטן פּרווו.

איך האָב באַשלאָסן צו פאָרן אין דער נאַכט פון ווייַנאַכט פון קריסטערסעס געבורט, דעם 24טן דעצעמבער פון יאָר 1942.

אָנגעטאָן אין מיין בלויען אַרבעטס־אָנצוג, אַ רוקזאַק אויף דער פּלייצע און אינאייינוועגס מיטגענומען מיט מיר די נויטיקע עלעמענטאַרע מענטש־

לעבע זאַכן, טאָמער װער איך געכאַפּט און אַװעקגעשיקט) אַזױ װי אײ־נער, װעלכער פֿאָרט אַהײם אויף יום־טוב, בין איך געפֿאָרן צוזאַמען מיט טויזנטער מענטשן. קײנער האָט מיך נישט געפֿרעגט קײן װאָרט.

אויפֿן װאָקזאַל אין אַנטװערפּן איז צו מיר צוגעקומען אַ שװאַרצער (אַזױ רופֿט מען אין בעלגיע די פּריװיליקע, װאָס גײען מיט מיט די דײַ־טשן — צוליב זײערע שװאַרצע אוניפֿאָרמען), און מיך געפֿרעגט, װאָס איך האָב אין רוקזאַק. איך האָב אים געענטפֿערט, אַז דאָס זענען זאַכן איבער־צוטאָן און בין גלײַך פֿאַרשװוּנדן צװישן דער מאַסע מענטשן.

װען איך בין אַרױס פֿון װאָקזאַל איז שױן געװען פֿינצטער. אַ דראָבנער קאַלטער רעגן, געמישט מיט שנײ, האָט מיך דורכגענומען ביז אין די בײ־נער. אין די גאַסן איז שױן געװען שטאַרק פֿינצטער. אַלע פֿענצטער פֿאַר־האָנגען — צוליב קריגסצײַט. פֿון צײַט צו צײַט האָט זיך אויפֿגעמאַכט אַ טיר, און אַ שמאָלער פּאַס ליכט, געמישט מיט פּאַרע האָט באַשײַנט די גאַס. אַ סימן פֿון װאַרעמקײט, ליכטיקײט און לעבן... װי בין איך זײ מקנא. אַזױפֿיל יאָרן אָפּגעלעבט אין אַנטװערפּן, און איצט געפֿין איך זיך דאָ װי אַ פֿרעמדער הונט, װעלכער האָט נישט קײן אײַנטריט צו קײנעם, — האָב איך געטראַכט.

דער רעגן האָט געשמיסן בײַסיק אין מײַן פּנים און זיך צונויפֿגעמישט מיט די גרויסע טראָפּנס טרערן, װאָס זענען מיר אַראָפּגערינען פֿון מײַנע אויגן. איך האָב געטראַכט, מײַן גאָט! פֿאַרװאָס קומט עס מיר? װעמען האָב איך שלעכטס געטאָן? עס זאָל מיר קומען אַזאַ שװערע שטראָף? דער אײנציקער פֿרײַנד, װאָס איך האָב איצט, איז די פֿינצטערניש.

אַזױ בין איך געגאַנגען טראַכטנדיק, דורך שמאָלע געסלעך צום פֿויגל־מאַרק — צו אַלבערטן. אָבער װאָס איז דאָס? איך דרײ זיך שױן באַלד אַרום אַ האַלבע שעה און קען נישט געפֿינען זײַן הויז. די געגנט איז מיר באַקאַנט, װי מײַן אײגענע האַנט, און איצט קען איך עס נישט געפֿינען. דאָס האַרץ האָט אין מיר געקלאַפּט פֿון שרעק, איך זאָל, חלילה, נישט באַ־געגענען אַ באַקאַנטן. ענדלעך האָב איך געפֿונען דאָס הויז.

איך האָב אָנגעקלונגען אין דער טיר, עס האָט זיך באַװיזן — אין דער האַלבער טיר — אַננאַ, די פֿרוי פֿון אַלבערטן און לויט איר אויפֿעפֿע־

נען אויף מיר אירע אויגן, האָב איך נישט געוואָרט אויף קיין כיבודים, און בין גלייך — כמעט מיט געוואַלד — אַריין אינעווייניק.

זיי האָבן מיך באַגעגנט אין זייער שטוב, ווי איינעם, וואָס מען האָט שוין לאַנג געהאַלטן פאַר געשטאָרבן, און האָט זיך צוריק אַרויסבאַקומען פון קבר. איך האָב געזען, אַז זיי שמעקט נישט מיין צוריקקומען, און זיי האָבן געזאָגט צו מיר, אַז זיי האָבן מורא מיך צו לאָזן איבערנעכטיקן ביי זיי.

אַלבערט האָט מיר געראָטן, אַז ווען איך האָב נישט וווּ צו גיין שלאָפן, זאָל איך גיין איבערנעכטיקן אויפן וואָקזאַל. מיט גרויס געבעט, האָב איך געפּועלט ביי זיי איבערצונעכטיקן, און אויסגעטראַכט עפּעס אַ תירוץ, צוליב וואָס איך בין אַהין געקומען.

ווען איך בין שוין איבערגעבליבן, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן מיך נישט וווּ צו לייגן שלאָפן. איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל מיך לייגן אויף מיין קאַנאַפּע, וועלכע איך זע שטיין אין צווייטן צימער.

דאָס פּאָרפאָלק איז געווען קלוג ווי שדים און האָבן גלייך פאַרשטאַ־נען, אַז איך האָב עפּעס אַן ענין מיט דער קאַנאַפּע, און מיך נישט געלאָזט בשום אופן אויף איר שלאָפן. און זיי האָבן זיך נאָך מער באַוואָרנט, טאָמער כאַפּ איך זיך אַריין ביינאַכט צו דער קאַנאַפּע: זיי האָבן פאַרשלאָסן דאָס צימער, וווּ די קאַנאַפּע שטייט. אויך האָבן זיי מיך איינגעשלאָסן אין דער קיך, און האָבן מיר אָפן געזאָגט, אויב איך וועל פּרובירן אַרויסגיין ביי־נאַכט פון דער קיך, וועלן זיי מיך גלייך איבערגעבן דער געסטאַפּאָ.

איך האָב שוין געזען בולט מיין איצטיקע לאַגע. איך האָב מיט מיר געהאט אַ גאַנץ פּעקל טאַבאַק, האָב איך עס איר דער נאַכט אינגאַנצן אויס־געררויכערט, כאָטש נאָרמאַל פלעגט מיין גאַנץ רויכערן באַשטיין העכסטנס פון 4 ביז 5 סיגאַרעטן אַ טאָג. עס איז איבעריק צוצוגעבן, אַז די נאַכט בין איך שוין נישט געשלאָפן. איך בין אַזוי אָפּגעזעסןביים טיש ביז אין דער פרי.

אין דער פרי האָב איך געזען ווי זיי האָבן פאַר מיינע אויגן דורכגע־טראָגן דאָס גאַנצע פּעקל, וואָס זיי האָבן אַרויסגענומען פון דער קאַנאַפּע. איך האָב מיך געמאַכט נישט זעענדיק, ווייל ס'האָט מיך געדראָט אויסגע־ליפערט צו ווערן צו דער געסטאַפּאָ. איך האָב געטראַכט, אַז איך קען סיי

ווי סיי בײדע פֿאַרלירן... און אַפֿילו אַזאַ הינטיש לעבן איז נאָך דערוויל חשובֿער ווי דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן.

זיי האָבן מיר געהייסן תיכּף פֿאַרלאָזן זייער הויז. דאָס איז מיר זייער שווער געווען, צוליב דעם טאָג־ליכט, וואָס איז שוין געווען אין דרויסן. איך האָב געוווּסט, אַז ווען זיי האָבן נישט קיין מורא, אַז מען וועט ביי זיי אויך צונעמען דאָס געלט צוזאַמען מיט מיר, וואָלטן זיי מיך איבערגעגעבן צו דער געסטאַפּאָ.

איך האָב שטאַרק מורא געהאַט איצט צו גיין צום וואָקזאַל, אָבער באין ברירה. איך האָב דערפֿילט דאָס זעלבע, וואָס מען דערפֿילט, ווען מען דאַרף לויפֿן אונטער קוילן — בין איך געגאַנגען.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך האָב אַמאָל געהאַט אַ שכנה, אַ דייטשע קריסטין, וואָס איר מאַן איז געווען אַ ייד, און זי האָט פֿון אים געהאַט קינדער. אַלס דייטשע בירגער זענען זיי בעתן קריגס־אויסברוך פֿאַרשיקט געוואָרן דורך דער בעלגישער מאַכט קיין פֿראַנקרייך. און אינעם לאַגער סאַן־ציפּעריען איז איר מאַן געשטאָרבן.

ווען איך בין צו איר אַרויפֿגעקומען, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן, ווייל אויך זי האָט געמיינט, אַז איך בין שוין לאַנג נישטאָ. זי האָט מיך שנעל מכבד געווען מיט אַ גלאָז קאַווע און מיט אַ שטיקל ברויט. דאַן האָט זי מיך געבעטן גלייך צו פֿאַרלאָזן איר שטוב. ווייל ווי זי האָט מיר געזאָגט, האָט זי מורא פֿאַר אירע קינדער, וועלכע זי האָט אַרויסגעראַטעוועט מיט גרויס שוועריקייט. זי האָט געמוזט שווערן, אַז זי האָט איר מאַן פֿאַרראַטן מיט אַ קריסט און פֿון אים שטאַמען די קינדער, אירע כשרע אַרישע קינדער. איך האָב זיך געבעטן איבערצובלייבן ביי איר כאָטש בלויז ביז נאַכט, ווייל אַוועקצופֿאָרן פֿון דער אַנטווערפּענער באַן־סטאַציע בייטאָג, בין איך אין דער גרעסטער סכּנה. ס׳האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפֿן, איך האָב געמוזט אַוועק פֿון איר וווינונג.

נישט ווייט פֿון איר בין איך שנעל אַריינגעלאָפֿן צו א באַקאַנטן יידישן סוחר, וואָס איז נאָך געשטאַנען אין זיין געשעפֿט, ווייל ער איז אַן איטאַליענישער בירגער און זיי האָבן די דייטשן דערוויל נאָך געשאַנעוועט, מיינענדיק אפֿשר וועט ער מיך לאָזן זיין ביי אים ביז נאַכט. ער האָט זיך

אָבער געבעטן רחמים, אַז איך זאָל שוין פאַרלאָזן דאָס געשעפט, און דערביי מיר אָנגעוויזן אויף באַנדעס כאַפּערס, בעלגיער, וועלכע דרייען זיך אַרום אין דרויסן צו כאַפּן יידן.

באין ברירה בין איך געלאָפן צו דער באַן, ווילד ווי אַ געיאָגטע חיה, בלויז דער אימפּעט און די אינערציע פון זעלבסט־דערהאַלטונג האָט מיך געטריבן...

כ׳בין צוריקגעקומען קיין שאַרלערואַ שפּעט ביינאַכט, און נאָך באַוויזן צו כאַפּן דעם לעצטן טראַמוויי. קוים וואָס איך האָב געפונען אין דער פינצ־טערניש, און אין צעטומלעניש, מיין וווינאָרט. איך בין געווען פיזיש און גייסטיק צעבראָכן, אָן וועלכער ס׳איז האָפענונג.

פאַר מאָרקאָן האָב איך זיך געמוזט ווי ווייט מעגלעך האַלטן, און נישט פאַרראַטן מיין אינערלעכע צעבראָכנקייט, פאַרקערט ער האָט געדאַרפט דערוויל מיינען, אַז איך האָב דאָס געלט ביי מיר.

הונגער און די ערשטע קאָנטאַקטן מיט דער אונטערגרונט־באַוועגונג

ווען מאַרקאָ איז נישט געווען אין דער היים בין איך געלעגן גאַנצע טעג, ביז איך האָב אָנגעהויבן אַראָפּ צו פאַרקויפן פון מיר, וואָס נאָר איך האָב געהאַט און פאַרמאָגט. אַזוי אַרום האָב איך זיך ווי עס איז געהאַלטן און די חדשים האָבן זיך דערוויל געריקט, איינער נאָכן אַנדערן.

אינצווישן איז מיר אונטערגעקומען אַ גאַנץ קליינע הילף אין דער פאָרם פון ברויט־קאַרטן.

דאָס איז געווען אַזוי: מאַדלען האָט אַמאָל אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און מיר איבערגעגעבן צוויי ברויט־קאַרטן, וואָס זי האָט באַקומען פון אַ יידישער פרוי, מיטן נאָמען פויגל, וועלכע פלעגט יעדן חודש צו איר קומען, כדי צו קויפן עפּעס אויף שוואַרץ. קענטיק אַז מאַדלען האָט מיט איר אי־בערגערעדט וועגן מיר, דעריבער האָט די פרוי איר געגעבן פאַר מיר יעדן חודש די צוויי ברויט־קאַרטן. און איך האָב זיי פאַרקויפט, כדי צו האָבן דערפאַר געלט, ווייל צו קויפן ברויט איז ביי מיר דעמאָלט געווען אַ לוקסוס און איך האָב דאָס מיר נישט געקענט דערלויבן.

איך בין געוואָרן מיט יעדן טאָג שוואַכער און שוואַכער; איך האָב געפילט ווי די כוחות גייען מיר אויס.

אין אַ געוויסן טאָג פון חודש אַפּריל 1943 איז מאַדלען ווידער אַראָפּ־געקומען, אָנגעקלאַפּט און ווידער מיר דערציילט, אַז ס׳געפינט זיך ביי איר אַ ייד, ווי דאָס פריערדיקע מאָל און ער וויל צו מיר אַראָפּקומען. זי האָט געפרעגט צי איך בין מסכים.

דאָס מאָל האָב איך געענטפערט, אַז איך בין מסכים, ער זאָל צו מיר אַראָפּקומען, ווייל ס׳איז מיר שוין גאָרנישט געווען ניחא. איך האָב גע־טראַכט, אַז עס איז שוין סיי ווי סיי אַלץ פאַרלוירן. איך האָב שוין געהאַט פאַרלוירן יעדע האָפענונג זיך צו קענען דאָ דערהאַלטן.

ווען דער ייד איז אַראָפּגעקומען האָב איך אים גלייך דערקענט, דעם אונטער־סאַניטאַר פונעם לאַגער, ווו איך בין געווען. ער האָט מיר גע־פרעגט, צי איך האָב עפּעס וואָס צו פאַרקויפן, ווייל ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן יידן, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אויפקויפן זאַכן, וואָס זיי האָבן געמוזט פאַרקויפן. איך האָב אים איבערגעגעבן מיין לאַגע.

ער האָט מיך געפרעגט, צי איך באַקום נישט קיין אונטערשטיצונג פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג. איך בין געבליבן דערשטוינט. דאָס ערשטע מאָל, ווי איך האָב געהערט פון אַזאַ זאַך. ער האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז ער וועט זיך שוין אינטערעסירן וועגן מיין ענין און וועט זיך באַמיען עפּעס טאָן פאַר מיר.

דעם אמת געזאָגט, האָב איך נישט געהאַט קיין צוטרוי צו זיין גאַנצער דערציילונג וועגן דער אונטערגרונט־באַוועגונג. איך האָב אויך נישט גע־גלויבט, אַז ער וועט זיך אינטערעסירן מיט מיר. אָבער אויף מאָרגן מיטאָג־צייט האָב איך דערהערט די אָפּגערעדטע דריי קלעפּ אין דער טיר, און דער ייד האָט זיך באַוויזן אין דער אָפענער טיר און געהאַלטן אונטערן רעקל אַ ברויט און אַ טעפּל מיט קאָנפיטורן אין דער האַנט. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט שוין וועגן מיין זאַך איבערגעגעבן צום געהיימען קאָמיטעט. אָבער איידער עס וועט ווערן עפּעס דערליידיקט ברענגט ער מיר דערווייל דאָס ביסל עסן. און מאָרגן וועט ער ווידער קומען.

כ׳האָב צוגעכאַפּט זיך צום ברויט, אָבער מורא געהאַט צופיל צו עסן, ווייל איך האָב נישט געגלויבט, אַז ער וועט מאָרגן ווידער קומען, אָבער אויף צו מאָרגנס איז ער ווידער אַריינגעקומען און ווידער מיר געברענגט אַ ברויט און קאָנפיטורן. דאָס מאָל האָב איך זיך שוין דערלויבט מערער צו עסן. אויפן דריטן טאָג איז ער ווידער געקומען מיט אַזאַ ענלעכע פּאָרציע.

מער האָב איך אים דערווייל נישט געזען. אויך פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג האָב איך גאָרנישט געהערט. ערשט צוויי וואָכן שפּעטער האָב איך דערהערט אַ באַקאַנטן קלאַפּ אין דער טיר. איך האָב געעפנט און דער־זען פאַר זיך אַ מאַן אין וועלכן עס איז געווען שווער צו דערקענען אַ ייד. ער האָט גלייך גענומען רעדן יידיש, און געזאָגט, אַז ער איז פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג, אַ קאָמוניסט, און מיר געברענגט — צו מיין

גרויסער איבערראַשונג — פּראָדוקטן־קאַרטן, וועלכע זיי באַקומען אין געהיים דורך זייערע מענטשן פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג.

דאָס איז שוין דערווייל פאַר מיר געווען אַ האַלבע ישועה. אויף מיין פראַגע מכוח געלט ווי מ׳האָט מיר דערציילט, אַז מען באַקומט פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג, האָט ער מיר געענטפערט, אַז עס איז ריכטיק, אָבער איך וועל קיין געלט נישט באַקומען, ווייל ביי זיי זיצן מיטגלידער פון יעדן אָרט. דער מיטגליד פון אַנטוועדפּן — אַ געוויסער מאָשקע, אַ שוסטער, וועלכער האָט שפּעטער געפירט ברויט — האָט געזאָגט, אַז איך בין געגנוג רייך, טאָר מען מיר נישט געבן קיין געלט. ס׳איז אַפילו געווען אַ פראַגע, צי מ׳זאָל מיר געבן די פּראָדוקטן־קאַרטן, אָבער אַזוי איז באַשלאָסן געוואָרן און ער קען גאָרנישט ענדערן.

איינמאָל איז מאַרקאָ אַריינגעקומען און געהאַלטן אין האַנט פיר פּעקלעך האָבערגריץ. ער האָט געזאָגט: „דאָס איז פאַר דיר"; ער האָט עס באַקומען פון דער אַזוי גערופענער „בלינדער מאַניע" — אַ יידישע פרוי. ווייזט זיך אויס, אַז די באַהאַלטענע יידן פון דער געגנט זענען דערווייל געוואָר געוואָרן וועגן מיין לאַגע. איך האָב עס נישט געקענט צונעמען פון זיינע הענט, ווייל עס איז גראָד געווען פּסח און דאָס איז דאָך חמץ. איך האָב זיך אויסגעדרייט פון מאַרקאָ מיט אַ תירוץ און ביי אים איבערגעלאָזט ביז נאָך פּסח.

די לאַגע האָט זיך ביי מיר באַדייטנדיק פאַרבעסערט, אָבער איז נאָך פאַרבליבן אַ געגנוג שלעכטע. איך האָב געמוזט אַלע פּראָדוקטן פאַרקויפן, כדי צו קענען איינהאַנדלען דעם אַלטן, ביטערן האָבערפלאָקן.

מאַרקאָ מיט זיין חודשלעכן געהאַלט איז געזיכערט, אָבער נישט איך. איך האָב פאַרקויפט די קאַרטע פון צוקער און פון פלייש, און אויך אַנדערע קאַרטן פאַר אַ האַלבן פּרייז, כדי קודם כל צו דעקן דאָס חודשלעכע דירה־געלט פאַר מאַרקאָן און אויך כדי צו קענען זיך איינשאַפן דאָס עלעמענטאַרסטע, אָן וועלכן אַ מענטש קען נישט עקזיסטירן, בפרט נאָך אין דער איצטיקער צייט. צי האָב איך געקענט זיך באַגיין — זייענדיק אַ גאַנצן טאָג אַליין אין שטוב, נישט האָבנדיק מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן —

אָן עטלעכע פּאַפּיראָסן ? אָדער אָן צו לייענען די בריסעלער צייטונג, טראָץ דעם, וואָס זי איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט גאַל און גיפט קעגן יידן ?

צוויי חדשים שפּעטער האָב איך ווידער באַמערקט, אַז עס ענדיקן זיך ביי מיר די מיטלען, און אַז איך וועל שוין ווידער נישט קענען אַזוי עקזיס־טירן. איך האָב שוין כמעט נישט געהאַט פון וואַנען נעמען אויף צו באַ־צאָלן מאַרקאָן. מיט יעדן טאָג האָט זיך מיין מצב פאַרערגערט, ווייל די קליינע פאַר פראַנק, וואָס איז מיר נאָך געהאַט פאַרבליבן אויף צו דעקן דעם דעפיציט פון יעדן חודש, וואָס איך האָב געהאַט ביים פאַרקויפן די פּראָדוקטן־קאַרטן אויף צו קענען זיך אויסהאַלטן, איז שוין אויך אַוועק, בין איך אַריין אין אַ שרעקלעכער פאַרצווייפלונג.

אין אַזאַ מאָמענט האָט זיך באַוויזן דער פאַרשטייער פון קאָמיטעט. ער האָט מיר ווידער געבראַכט די פּראָדוקטן־קאַרטן, און גלייך געוואָלט גיך אַוועקגיין, ווייל די אַלע ברענגערס האָבן זיך נישט געטאָרט לאַנג אויפ־האַלטן אין די ערטער וווּ זיי האָבן געבראַכט — צוליב זיכערקייטס־טעמים. צו אָפט פלעגט מען באַפאַלן די ערטער, וווּ יידן זענען געווען באַהאַלטן. אויב מען וואָלט דאָרט געכאַפּט וועמען פון קאָמיטעט, וואָלט עס באַדראָט דעם גאַנצן קאָמיטעט.

איך האָב אים געבעטן צוואַרטן כאָטש נאָך אַ מינוט, אַ פאַרצווייפל־טער האָב איך אים צוריקגעגעבן די פּראָדוקטן־קאַרטן און דערביי אים געזאָגט, ער זאָל דאָס בעסער איבערגעבן איינעם, וועלכער נויטיקט זיך אין דעם. פאַר מיר איז דאָס שוין מער נישט נויטיק.

ער האָט דערזען מיין פאַרצווייפלונג און האָט מיך געפרעגט: וואָס איז געשען ? איך האָב אים געזאָגט, אַז פאַר מיר איז אַלץ געענדיקט.

ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרוווּנדערטער: צי איז עס ווירקלעך שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט ? און דערביי האָט ער צו מיר געזאָגט מיט אויפרע־גונג: „איך וועל זיי שוין ווייזן די אידיאָטן, וואָס שפּילן זיך אַזוי מיט אַ מענטשלעך לעבן, באשר דער מענטש איז רייך, און האָט גענוג געלט, אפשר האָט ער איצט טאַקע נישט ?". „ליידער — האָט ער געזאָגט — בין איך נישט באַפולמעכטיקט אַליין עפּעס צו טאָן. דערווייל נעם ביי מיר 100 פראַנק, דאָס וואָס איך פאַרמאָג איצט ביי מיר". ער האָט מיר צוריקגעגעבן

די פּראָדוקטן־קאַרטן. און דערביי צוגעגעבן: „איך פאַרזיכער דיר, אַז די טעג וועל איך ווידער קומען צו דיר מיט אַ באַשלוס, צו צאָלן רעגלמעסיק חודש־געלט, דאָס וואָס עס באַקומען אַלע באַהאַלטענע מענטשן. אַנדערש וועל איך דעם גאַנצן קאָמיטעט אויפרייסן".

אויף צומאָרגנס איז ער ווידער געקומען צו לויפן צו מיר, און דאָס מאָל האָט ער מיר שוין געבראַכט גאַנצע 325 פראַנק, וואָס דער קאָמיטעט האָט מיר באַשטעטיקט צו געבן יעדן חודש. איך האָב אָפּגעאָטעמט. כאָטש אַראָפּגעפאַלן פון מיר די לאַסט און דאָס קאָפּ־ברעכעניש פון די געלט־זאָרגן.

עס זענען אַוועק אַן ערך צוויי חדשים און איך האָב ווידער דערהערט אין דער טיר דאָס באַקאַנטע קלאַפּן און דאָס מאָל האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל יענער ערשטער רעטער, וואָס האָט מיר צום ערשטן מאָל גע־ברענגט דאָס ברויט און קאָנפיטורן, און דאָס אַדאַנק אים האָב איך טאַקע אויך באַקומען די פּראָדוקטן־קאַרטן און די חודשלעכע פענסיע.

ווען ער האָט זיך דערוווּסט פון מיר, וויפל איך באַקום איז ער גע־וואָרן אין כעס, צוליב דעם קליינעם געהאַלט, וואָס גענוגנט נישט פאַר אַ מענטש צו עקזיסטירן. אין בריסעל, ווי עס געפינט זיך דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער יידישער סעקציע, באַקומט יעדער באַהאַלטענער ייד איבער 500 פראַנק אַ חודש. דערווייל האָט ער מיר אַריינגעשטופּט אין דער האַנט 100 פראַנק, וואָס ער האָט באַקומען פאַר מיר פון אַ געוויסער פרוי, די אַזוי גערופענע שוואַרצע חנה, וואָס איז אויך געווען באַהאַלטן אין דער סביבה. ער איז אַוועק מיטן צוזאָג, אַז ער וועט שוין זען עפּעס אין דעם ענין צו טאָן.

אויפן צווייטן חודש איז צו מיר אַריינגעקומען דער פאַרשטייער פו־נעם קאָמיטעט מיט אַ טענה, פאַרוואָס איך האָב זיך געוואָנדן קיין בריסעל איבער זייערע קעפּ. „אויב, — האָט ער געזאָגט צו מיר, — האָסט נישט גענוג, פאַרוואָס האָסטו דאָס מיר נישט געזאָגט, וואָלט דער אָרטיקער קאָמיטעט דיר דערליידיקט".

איך האָב אים דערציילט, אַז איך ווייס פון גאָרנישט, נאָר עס קען זיין, אַז דער מענטש האָט עס געטאָן אָן מיין וויסן. אָבער איצטער האָט

אַלטער קליימאַן

ער מיר שוין געבערענגט 425 פראַנק כסדר יעדן חודש. ווער קען זיך איצט צו מיר גלייכן? איך פיל זיך ווי די זון וואָלט אויפסניי פאַר מיר אויפגע־שיינט. און געשען איז עס אַזוי אומגעריכט, ממש אויף דער שוועל פון אונטערגאַנג.

די בעלגיער דערוואַכן

נאָוועמבער 1943. נצחונות פון די אַליאירטע אויף אַלע פראָנטן, באַזונדערס אויפן רוסישן פראָנט און אין איטאַליע. איטאַליע איז שוין אויך צוגעשטאַנען צו די אַליאירטע; אָבער די אַלגעמיינע לאַגע פון די באַהאַלטענע יידן ווערט וואָס אַמאָל ערגער און טרויעריקער. מען האַלט זיך אין איין יאָגן נאָך זיי. כמעט יעדן טאָג ווערן געכאַפּט יידן. עס זעט אויס ווי רויבפייגל וואָלטן זיך געיאָגט צונויפצוקלייבן די איבערגעבליבענע צעוואָרפענע קערנער, וועלכע זענען נאָך איבערגעבליבן דאָ און דאָרט.

אויך דער אונטער־סאַניטאַר, וואָס האָט מיר געברענגט דאָס ברויט און מיר געהאָלפן באַזאָרגן געלט און ברויט־קאַרטן, איז געכאַפּט געוואָרן אין זיין באַהעלטעניש ,צוזאַמען מיט זיין פרוי און פיר קינדער.

ווי מען גיט מיר איבער, ווערן מערסטנטייל געכאַפּט יידן, וועלכע דרייען זיך אַרום פון צייט צו צייט אין דרויסן, און דערנאָך ווערן מיט זיי מיטגעשלעפּט אויך זייערע פאַמיליעס. דאָס באַווייזט, אַז די יידן, וועלכע קענען נישט אויף זיך גוזר זיין אַ פרייוויליקן הויז־אַרעסט ווערן געכאַפּט אין דער גאַס. דער גרעסטער טייל פון זיי פאַרמאָגט מן הסתם נישט דעם נויטיקן גייסטיקן באַגאַזש, וואָס זאָל זיי דערמעגלעכן צו קענען זיך באַ־שעפטיקן מיט זיך אַליין.

אַ געוויסן טאָג האָב איך געהאַט אַ שפּאָר ביסל עגמת נפש פון אַ קלייניקייט: אינעם זעלבן הויז וווינט אַן אַרבעטער, וועלכער אַרבעט אין אַ גלאָז־פאַבריק און איז שוין אויך פאַרטרויט און ווייסט פון מיין באַ־העלטעניש. ווי עס ווייזט אויס, האָט שוין מאַדלען ביז איצט באַוויזן צו צעפּויקן אַלע אירע איינוווינער וועגן מיין זיין דאָ. אָבער דערווייל ווייסן זיי אָבער נישט, אַז איך בין אַ ייד, נאָר אַז איך בין מאַרקאָס אַ חבר אַ

יוגאָסלאַוו, וואָס באַהאַלט זיך פאַר די דייטשן. אויך דאָס איז אַ חסד פאַר אַ ייד אין דער היינטיקער צייט...

איצט האָט דער דאָזיקער אַרבעטער אורלויב און קומט אַראָפּ אַ ביסל צו רעדן מיט מיר. אַזוי ווי צופיל קען איך מיט אים נישט רעדן, ער רעדט וואַלאָניש (אַ פראַנצויזישן דיאַלעקט), האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן, אַז איך זאָל מיט אים שפּילן אין שאַך. ער האָט זיך באַרימט, אַז ער קען זייער גוט שפּילן אין שאַך. איך האָב זיך פאַרגעסן אין מיין לאַגע, און ביי אים געוווּנען די פּאַרטיע. די שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן פון דאָס ניי, און איך האָב ווידער ביי אים געוווּנען. מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעשטעלט, און מיט כעס אויסגערופן: „איצט ווייס איך ווער דו ביסט, דו ביסט אַ ייד. ווייל איך בין באַקאַנט צווישן די אַרבעטער פון מיין פאַבריק אַלס דער בעסטער שאַך־שפּילער, און אַזאַ סאָרט שפּילן ווי דו שפּילסט — שפּילט נאָר אַ ייד".

דאָס לשון איז ביי מיר געוואָרן מיט איינמאָל אַזוי ווי אָפּגענומען. דאָס האַרץ האָט גענומען קלאַפּן. אַ ציטער האָט זיך ביי מיר דורכגעטראָגן דורכן קערפּער; נאָך דאָס פעלט מיר, אַז אַנדרע זאָל וויסן, אַז איך בין „אַ ייד", אָבער דער זעלבסטדערהאַלטונגס־אינסטינקט האָט שנעל גובר געווען דעם נאַטירלעכן מענטשלעכן פּחד און עס איז מיר געלונגען זיך אָפּצושאָקלען פון דעם מיאוסן שקר־בלבול און אים איבערצייגן דערמיט, וואָס איך האָב מיט אים געשפּילט נאָך דריי פּאַרטיעס און ער אַנדרע, דער וואַלאָנישער אַרבעטער, האָט זיי ביי מיר דאָס מאָל גלענצנדיק געוווּנען. אין עטלעכע טעג אַרום איז אַנדרע ווידער צו מיר אַראָפּגעקומען און האָט מיט מיר אָנגעהויבן אַ שמועס ביז ער איז אַרויסגעקומען אויף דער טעמע פון יידן. אַנדרע זאָגט צו מיר: „הער! די יידן זענען טאַקע אַנדערש ווי אַלע אַנדערע פעלקער. איך זאָג דיר, אַז זיי זענען טאַקע נישט קיין מענטשן. קיינער האָט נישט די מידות פון זיי. איך וועל דיר עפּעס דערציילן פון אַ ייד: מיט צען־צוועלף יאָר צוריק האָב איך געהאַט אַ גוטן קאָלעגע אַ ייד פון פוילן מיטן נאָמען גאָלדשטיין. ביידע האָבן מיר געאַרבעט אין דער זעלבער גלאָז־פאַבריק ער פלעגט מיט מיר אָפט גיין טרינקען זונטיק אָדער אין

אַ פראַסטן טאָג נאָך דער אַרבעט אין קאַפע אַריין. אַ ביסל שפּעטער האָט דער ייד אויפגעהערט צו גיין טרינקען אַפילו זונטיק אויך נישט. וואָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען אַ היטלמאַכער. פלעגט ער נאָך דער אַרבעט, ווען אַלע אַנדערע אַרבעטער פלעגן נאָך דער אַרבעט זיך אָפּרוען און שפּעטער גיין אין קאַפע אַריין אַ ביסל טרינקען און זיך אַ ביסל דורכשמועסן מיט באַקאַנטע, האָט ער, דער ייד, זיך געזעצט אַרבעטן היטלען ביז אין דער נאַכט אַריין און זונטיק איז ער מיט די היטלען גע־שטאַנען אויפן מאַרק און זיי פאַרקויפט". איך ענטפער אים: „אַנדרע, דו ביסט גערעכט. דאָס איז זייער נישט שיין, אַז אַ מענטש זאָל אַרבעטן אַזוי ווי אַ פערד". אַנדרע זאָגט צו מיר: „ער איז אָבער קלוגער פון מיר. איך בין געבליבן אַן אָרעמער אַרבעטער, וואָס קומט קוים אויס מיט די עלע־מענטאַרסטע באַדערפעניש, און ער מיין קאָלעגע גאָלדשטיין האָט נאָכן אָפּאַרבעטן אַ פּאָר יאָר שווער שפּעטער אויפגעמאַכט אַ געשעפט אין שאַרלערואַ און היינט האָט ער שוין אַ געשעפט אין בריסעל. מען זאָגט, אַז ער איז זייער רייך". אָבער אַנדרע האָט גלייך צוגעגעבן: „מיר קענען זיך נישט מיט זיי פאַרגלייכן. דאָס קענען נאָר מאַכן יידן".

דער אויבנדערמאַנטער אַרבעטער האָט אַ שוואָגער, וועלכער איז פון די שוואַרצע; אַלע וואָך קומען זיי ביידע, דער שוואָגער מיט דער שוועס־טער זיינער דאָ אַהער אים באַזוכן. צוליב דעם בין איך כסדר אין פּחד, אַז ער, דער אַרבעטער, זאָל דעם שוואַרצן, אָדער זיין שוועסטער, ווען עס איז דערציילן וועגן מיר. איך האָב אָבער טראָץ דעם קיין אַנדערע ברירה ווי נאָר דאָ צו בלייבן.

איך האָב אַמאָל געמיינט, אַז די סיבה, וואָס אין פלאַנדערן (דער אַנ־דערער טייל פון בעלגיע) — איבערהויפּט אין אַנטווערפּן, — האָבן די דייטשן אַזויפיל אָנהענגער, מיטלויפערס, און פרייוויליקע אין ספּעציעלן שוואַרצן קאָרפּוס, — איז צוליב דער פלעמיגאַנטישער פּאַרטיי דאָרט. אָבער איצט זע איך, אַז אויך דאָ, אין וואַלאָניען (דער צווייטער טייל פון בעלגיע), האָבן זיי אויך אַ ריזיקע צאָל פרייוויליקע אין דעם שוואַרצן קאָרפּוס (זיי רופן זיך דאָ „רעקסיסטן"). און זייער אָנפירער איז אַ גע־וויסער דעגרעל, אַן אַמאָליקער יונגער אַדוואָקאַט. איך קען שוין נישט

פאַרשטיין די סיבה דערפון, סיידן דאָס, וואָס אויסוואורפן און דעגענערירטע עלעמענטן כאַפּן זיך אַרויף אויף יעדן וואָגן, וואָס זעט אויס צו לויפן שנעל, אָן אונטערשיד וווּהין ער פאָרט...

לויט ווי מען גיט איבער ציילן דאָ די פרייוויליקע פון דעם שוואַרצן קאָרפּוס ביי 20 טויזנט פערזאָן. און אין פלאַנדערן ביי 40 טויזנט, אַ חוץ געסטאַפּאָ, מיטלויפערס און סתם מוסרים. די דייטשן באַרימען זיך טאַקע אין זייערע צייטונגען מיט די העלדישקייטן פון דעם בעלגישן קאָרפּוס אויפן רוסישן פראָנט. אָבער איך בין זיי נישט מקנא, ווען זיי פאַלן אַריין לעבעדיק צו די רוסן אין די הענט.

נאָוועמבער 1943. די האָפענונג אויף אַ שנעלן ענדיקן פון דער מלחמה צוליבן צושטיין פון איטאַליע צו די אַליאירטע, האָט זיך ביז איצט נישט פאַרווירקלעכט. מוסאָליני איז צוריק באַפרייט געוואָרן פון איטאַליענישן אַרעסט און די דייטשן פאַרטיידיקן זיך אין איטאַליע עקשנותדיק.

אָבער דאָך האָבן די אַלע געשעענישן געבראַכט דאָ די ערשטע סימנים פון אַקטיווע אַרויסטרעטונגען קעגן די דייטשן. מען האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק אַריינגעשיט זאַמד אין דער היגער עלעקטרישער צענטראַלע און אַזוי אַרום אָפּגעשטעלט דאָס ליכט.

מיט עטלעכע וואָכן צוריק, אין דער מיטאָג־שעה, ווען מאַרקאָ איז ווי תמיד אין דערהיים, האָבן מיר געהאַט אַן אומאָנגענעמע איבעראַשונג. איידער וואָס ווען, האָב איך שוין נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך צו באַהאַלטן אין דער אַנדערער פינצטערער קעלער־שטוב. עס האָט זיך באַוויזן אין דער צופעליק האַלב־אָפענער טיר מאַרקאָסעס אַ חבר אַ יוגאָסלאַוו, פאַר וועלכן מאַרקאָ האָט זיך שטאַרק געהיטן, אַ געוויסער מ. מ. מאַרקאָ איז געוואָרן רויט איבער די אויערן. ווען ער איז שוין געווען אינעווייניק, האָט ער אין מיר גלייך דערקענט דעם ייִד. אָבער ער איז געווען זייער פריינדלעך. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז ער איז אַ גרויסער שונא פון די דייטשן, און אַז ביי אים איז נישט קיין אונטערשיד פון אַ ייִד ביז אַ נישט־ייִד. ער קען נאָר בלויז שונאים פון די דייטשן, און די אַלע, וועלכע זענען שונאים די דייטשן, די זענען זיינע פריינד.

דער יוגאָסלאַווישער חבר פון מאַרקאָ איז געווען אַ מאַן פון מיטעלן וווקס מיט ברייטע פעסטע פּלייצעס, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך אַ גרוילעכן און אַ פאַרהעלטנישמעסיק, אין פאַרגלייך מיט די פּלייצעס, קליינעם קאָפּ, אַ ווייס קיילעכדיק ברייט פּנים, אַרויסגעסטאַרטשעטע קינ־באַקן; אויפן פּנים — קליינע געדרייטע אויף אַרויף וואָנסעלעך, אַזאַ מין „קדמא־ואזלא״; פונעם קאָפּ האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר קליינע וואַ־סערדיקע אויגן, — אַן אויסזען פון אַן אַמאָליקן רוסישן טשינאָווניק.

נאָכן אַוועקגיין פון מאַרקאָס חבר האָט צו מיר מאַרקאָ געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין גרויס צוטרוי צו זיינע רייד, און פאַר געלט קען ער דינען אַלע געטער. און ווען אַפילו ער זאָל גאָרנישט טאָן, האָט ער אַ לאַנגע צונג.

דערווייל קומט ער צו אונדז זייער אָפט. ער זאָגט, אַז ער האָט גערן מיט מיר צו שמועסן אין פּאָליטיק. ער איז אַ דורכגעטריבענער. ביז איצט האָב איך פון אים נישט געהאַט קיין שלעכטס. איך האָף, אַז אויך ווייטער וועל איך פון אים נישט ליידן. נאָר מיט איין זאַך האָט זיך מאַרקאָ אַרויס־געוויזן פאַר גערעכט, מיט דעם וואָס ער האָט אַ לאַנגע צונג. ווייל נאָך זיין אַריינקומען צו מיר, זענען די אַלע יוגאָסלאַווישע אַרבעטער, וועלכע וווינען אין דער געגנט, געוואָר געוואָרן, אַז מאַרקאָ באַהאַלט ביי זיך אַ ייד.

ווי איך זע האָט מאַרקאָ דערפון גרויס עגמת נפש. נישט אַזוי ווייט צוליב מורא (ווייל ער איז זיכער אין זיינע יוגאָסלאַוון, אַז זיי וועלן נישט פאַרראַטן), ווי צוליב בושה, ווייל ער באַהאַלט ביי זיך אַ ייד. דאָס האָב איך פאַרשטאַנען פון האַלבע נישט דערזאָגטע ווערטער פון מאַרקאָן צו מיר.

דעצעמבער 1943. די סאַבאָטאַזש־אַקטן קעגן די דייטשן מערן זיך, און ווערן בולטער פון וואָך צו וואָך. מען שמועסט שוין דאָ וועגן אַ ווייי־סער אַרמיי (אין קעגנזאַץ צו דער שוואַרצער אַרמיי, וואָס דינט די דייטשן) וועלכע טרעט שוין אַרויס אַקטיוו אין פאַרשידענע פּלעצער, ווי למשל, ביים רויבן בענק און פּאָסט־אַמטן; זיי האָבן, דערציילט מען, אין יעדער באַנק אָדער פּאָסט־אַמט, זיצן זייערע מענטשן און ווען מען ברענגט אַהין געלט, ווערן די אַמטן באַפאַלן דורך באַוואָפנטע מענטשן און

אונטער דראָונגען ווערט דאָס געלט צוגענומען. דעסגלייכן ווערן אַרויסגע־לייגט געלט־קאָנטריבוציעס אויף גוט־באַזיצערס און סתם רייכע פּויערים. און ווער עס וויל די אַרויפגעלייגטע קאָנטריבוציעס נישט געבן ווערן זייערע הייזער און אינוועטאַר פאַרברענט. אויך ווערן באַפאַלן די שטאָט־ראַט־פאַרוואַלטונג און פון דאָרט ווערן אַרויסגענומען די פּראָדוקטן־קאַרטן. דאָס אַלץ ווערט פונאַנדערגעטיילט צווישן די, וועלכע קעמפן קעגן די דייטשן. אויך די באַהאַלטענע געניסן דערפון. אין דער ווייסער אַרמיי נעמען אָנטייל אַלע, פון קאָמוניסטן ביז קאַטאָליקן. אַלע זענען דאָ פאַר־אייניקט קעגן דעם אַלגעמיינעם שונא, די דייטשן.

די ווייטיקן פון צאָן־ווייטיק

שוין העכער אַ וואָך, ווי איך לייד פון שרעקלעכן צאָן־ווייטיק. מאַרקאָ האָט מיר געראָטן אַריינצוליגן צווישן די ציין טאַבאַק און דאָס זאָל אויס־ציען די ווייטיקן. אַז דאָס ערשטע מיטל האָט נישט געהאָלפן, האָט ער מיך געהייסן אַריינלייגן אַ טיכל מיט עסיק.

מ׳קען זיך פאָרשטעלן, ווי עס זעט אויס ביים היינטיקן מצב די לאַגע פון אַ ייד, אויב ער דאַרף גיין צו אַ דענטיסט. ערשטנס וווינען זיי אַלע אין די צענטערס פון די פאַרשטעטט אָדער שטאָט... און ווער קען וויסן, וועמען כ׳וועל באַגעגענען צווישן די פאַציענטן? און ווער וויסט, ווער דער דענטיסט אַליין איז? ווען איך גיי אַריין בלויז אָפּשערן זיך אין אָוונט, ווען עס זענען נישטאָ קיין מענטשן ביים שערער — ציטערט אויף מיר די הויט, ווער שמועסט נאָך גיין צו אַ דענטיסט? וואָס טוט מען אָבער פאַרט מיט מיינע ציין, וועלכע דערקוטשען, ביינאַכט און בייטאָג. דו קענסט זיך גאַרנישט העלפן, אַפילו ווען דו ווייסט, אַז דאָס קען אַמאָל קאָסטן דאָס גאַנצע לעבן.

מאַרקאָ האָט געפונען אַן עצה: ער האָט אַ דענטיסט, וואָס מען זאָגט אויף אים, אַז ער שטאַמט פון יידן. נישט אַלע ווייסן פון דעם, אויסער אַ פּאָר פון זייערע חברים. ער וווינט אָבער זייער ווייט, עטלעכע קילאָמעטער פון דאַנען און דערצו נאָך מוזן מיר אַדורכגיין ביז צו אַ געוויסן באַלעבטן צענטער, אין וועלכן עס דרייען זיך אַרום אַ גרעסערע צאָל דייטשן און בעלגישע געסטאַפּאָ אָדער סתם מוסרים. אויך דערצו האָט מאַרקאָ אַן עצה: איך זאָל מיר אָנטאָן מיין אַרבעטס־אַנצוג, און ער וועט מיט מיר מיטגיין, און מיר וועלן רעדן אויפן וועג יוגאָסלאַוויש. (יוגאָסלאַוויש איז זייער ענלעך צו פויליש, אַזוי אַז מיר ביידע קענען זיך פאַרשטענדיקן; מאַרקאָ פאַרשטייט פויליש).

ווען מיר זענען אַריינגעקומען צום דענטיסט, טרעפן מיר דאָרט הענ־גען אויף דער וואַנט אין וואַרטע צימער אַ גרויסן צלם. אַ סימן פון אַ ייד... ער אַליין — דער דענטיסט — האָט אַ קריסטלעכן פאַמיליע־נאָמען. מיר האָבן דאָרט געטראָפן אַ גרעסערע צאָל וואַרטנדיקע פּאַציענטן. ווער ווייסט, ווער זיי זענען? אויף יעדן איינעם, האָב איך געקוקט מיט חשד.

ענדלעך איז אָנגעקומען מיין רייע אַריינצוגיין. מאַרקאָ איז מיט מיר אַריינגעגאַנגען און געזאָגט דעם דענטיסט, אַז איך רעד נישט קיין פראַנ־צויזיש. ווען דער דענטיסט האָט געענדיקט זיין באַהאַנדלונג און איך האָב געוואָלט אים באַצאָלן, האָט ער נישט געוואָלט נעמען קיין געלט. ער האָט געזאָגט, אַז ביים צווייטן מאָל זאָל איך אים באַצאָלן און דערביי צוגעגעבן, אַז ווען איך וועל קומען דאָס צווייטע מאָל, זאָל איך נישט בלייבן וואַרטן אויף מיין רייע, נאָר גלייך אָנקלאַפּן אין טיר, וועט ער מיך גלייך אַריינעמען אויסער דער רייע... דער סוף איז געווען, אַז ער האָט בכלל נישט געוואָלט נעמען ביי מיר קיין געלט.

באַמערקונג: שפּעטער נאָך דער מלחמה האָט ער מיר דערציילט, אַז זיין מוטער איז געווען אַ יידישע פון פראַנקפורט און ער געדענקט נאָך ווי זי פלעגט צינדן שבת־ליכט. אָבער זיין פאָטער איז אַ קריסט און ער און זיין פאַמיליע זענען קריסטן און ער שפּענדעט שטענדיק אויף יידישע צוועקן.

דעצעמבער 1943. טאָג־טעגלעך, אין די פאַרנאַכט־שעהען, פליען דאָ פאַרביי אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען. מען רופט זיי אָן פעסטונגען, דאָס הייסט, שווערע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען. זיי באַוועגן זיך טאַקע זייער פּאַ־מעלעך און שווער ווי פעסטונגען. מען פילט אין דער לופט, ביי זייער פליען, ווי זיי וואָלטן אַראָפּגעדריקט די לופט. דערביי פליען זיי נישט גאַנץ הויך. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן זיך שוין דאָ נישט פאַר וועמען צו שרעקן. מען זעט נישט קיין שום דייטשן עראָפּלאַן זאָל קעגן זיי אויפשטייגן. מען הערט אַפילו נישט קיין אַפּוועהר, וואָס זאָל כאָטש אַמאָל קעגן זיי שיסן.

אָבער אויף „איין פראָנט" זענען די דייטשן נאָך געווען שטאַרק, אויף דעם יידן־פראָנט. עס ווערן נאָך ווייטער געשיקט טראַנספּאָרטן קיין

מאַלין און שפּעטער נאָך אָסטן. אויך די סאַבאָטאַזש־אַקטן פאַרשטאַרקן זיך דאָ, מען געפינט שוין דאָ אַפילו געהרגעטע דייטשע געסטאַפּאָ־לייט, איבערהויפּט — בעלגישע אַגענטן.

אַנטלויף! דײַטשן...

אין אײנעם אַ פֿאַרטאָג, האָט מיך מאַרקאָ פּלוצלינג אויפֿגעריסן פֿון שלאָף, מיט דעם בהלהדיקן אויסרוף „אוטשעק! (אַנטלויף), די דײַטשן זענען דאָ אין הויז, זײ זענען אויפֿן אויבערשטן שטאָק".

איך האָב קוים באַוויזן צו כאַפּן די שיך און זאָקן, אין אײן האַנט און דעם רעגנמאַנטל אין דער צווייטער האַנט, און אַרויסגעלאָפֿן אויפֿן הויף. דער הויף איז אַן אָפֿענער און פֿירט צו דער גאַס. טאָמער וואָלטן זײ גע־שטאַנען אויפֿן גאַס, וואָלטן זײ מיר געקענט ביים לויפֿן נאָכשיסן אַ קויל. אָבער אין דעם מאָמענט האָב איך נישט געהאַט קײן אַנדער אויסוועג, נאָר פּרוּוון זיך אַרויסכאַפּן פֿונעם הויז, כדי צו קענען זיך אַרײַנבאַקומען אין דעם שמאָלן געסעלע־קאָרידאָר, — און פֿון דאָרט אַרויס אויף אַן אַנדערער גאַס.

קודם כל בין איך אַרײַנגעלאָפֿן אינעם אַלגעמײנעם קלאָזעט. אפֿשר, האָב איך געקלערט, דאָרטן איבערוואַרטן, ביז זײ וועלן פֿון דאַנען אַוועק. אָבער שוין זײַענדיק דאָרט, האָב איך געטראַכט, אַז דאָס איז נאַריש, מחמת זײ וועלן זיכער קומען אַהער זוכן.

דערווײַל האָב איך אָנגעטאָן אויף שנעל די שיך און זאָקן, אַרויפֿגע־וואָרפֿן אויף זיך דעם רעגנמאַנטל, כדי אין דרויסן, זאָל מען מיך נישט זען אַ האַלב נאַקעטן (ווײַל איך בין נאָך געווען אין דער פּידזשאַמע) און אַרויס שנעל אין דעם שמאָלן קאָרידאָר־געסל. זײַענדיק שוין דאָרט האָב איך אָנגעהויבן לאַנגזאַם גײן באַרג אַרויף.

אין דרויסן איז געגאַנגען אַ דראָבנער רעגן, געמישט מיט שנײ. איך האָב געטראַכט, אַז דערווײַל וועלן זײ פֿון דאָרט אַוועק. מיט אַמאָל האָב איך דערהערט די טריט פֿון זײערע שטיוול, וועלכע גײען מיר נאָך. איך האָב אָנגעהויבן צו שפּרײַזן שנעלער אַלץ העכער באַרג־אַרויף, ביז איך

בין צוגעקומען צו אַ קרייציקונג פון אַ לאַבירינט פון פאַרשידענע גאַסן, וועלכע פירן אין פאַרשידענע ריכטונגען. מיך איז באַפאַלן אַ מורא אַריינצוגיין אין איינער פון די גאַסן, וועלכע זענען פאַר מיר אומבאַקאַנט, פון וועלכע איך וועל שפעטער נישט געפינען דעם וועג צוריק אין מיין וווינונג. אין גרויס פאַרצווייפלונג בין איך שטיין געבליבן און נישט גע־ווּסט, וואָס איך האָב ווייטער צו טאָן.

איך הער שוין אָבער ווי זיי דערנענטערן זיך צו מיר. מיין געדאַנק האָט אָנגעהויבן פיבערהאַפט צו אַרבעטן. לינקס האָב איך באַמערקט אַ ריזיקע פאַבריקס־געביידע מיט אַ הויכן קוימען. נישט טראַכטנדיק אַ סך, בין איך אַריין אין דעם דאָזיקן פאַבריק־הויף, געמיינט צו געפינען דאָרט עפּעס אַ וועג אַרויסצוגיין און קענען לייכטער אומקערן זיך צוריק, צו מיין וווינונג. דער הויף איז אָבער געווען אַ „בלינדער", אָן אַן אַרויס־גאַנג. איך האָב נישט געזען מער קיין וועג פאַר מיר ווו נעלם צו ווערן. איך האָב זיך דערווייל באַהאַלטן אונטערן פאַבריקס־קוימען און אַזוי אָפּ־געוואַרט מיט האַרץ־קלאַפּן עטלעכע מינוט.

פּלוצלינג האָב איך דערהערט — נישט ווייט פון מיר — אַן אויס־געשריי, וועלכער איז געקומען פונעם געסל אין דרויסן: „אויפּעפּענען! דייטשע פעלד־זשאַנדאַרמען". דאָס געשריי האָט אָפּגעהילכט אין דער פאַרטאָגיקער שטילקייט און איידער עס איז געקומען פון אינעווייניק אַן ענטפער, האָב איך שוין געהערט אַ געוואַלדיקן שטויס אין דער טיר, וועלכע האָט זיך מיט רעש אויפגעבראָכן.

אינצווישן האָב איך באַמערקט ווי אינעם פאַבריקס־הויף האָט זיך אָנ־געצונדן אַ לאָמפּ אינעם שטיבל פון וועכטער. איך האָב געטראַכט, טאָמער קומט ער אַרויס, און דערזעט מיך דאָ שטיין, וועט ער מיך אין בעסטן פאַל אָננעמען פאַר אַ גנבֿ.

איך האָב באַשלאָסן דערווייל אויסצונוצן דעם מאָמענט, וואָס די זשאַנדאַרמען זענען פאַרנומען מיט יענער שטוב און זיך געלאָזט גיין אויף צוריק. איך האָב אויך דערביי געטראַכט, טאָמער איז עמעצער פון די זשאַנדאַרמען געבליבן שטיין אין דרויסן, איז נישט גוט. אָבער איך זע נישט קיין אַנדערן אויסוועג ווי נאָר צו ריזיקירן. איך בין טאַקע

פאַרבייגעגאַנגען פאַר זיי, כמעט אונטער דער נאָז און זיך צוריק אַריינגע־קריגן צווישן די ענג צונויפגעדריקטע הייזלעך און אַריין אין מיין וווינונג.

אַריינקומענדיק צוריק אין שטוב, האָב איך געטראָפן מאַרקאָן שטיין אַ בלאַסן ווי קרייד. דערזעענדיק מיך האָט ער זיך דערפרייט און גע־זאָגט: „גאָט צו דאַנקען, אַז איך זע דיך צוריק. איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין ביי זיי אין די הענט... איך האָב דיך אַרומגעזוכט אין דער גאַנ־צער געגנט".

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די זשאַנדאַרמען האָבן נישט געזוכט מיך, נאָר מאַדלענס שוואָגער, וועלכן זיי האָבן פאַרדעכטיקט אין אָנטיילנעמען אין אַ סאַבאָטאַזש־אַקט, וואָס איז ערגעץ פאָרגעקומען אין דער היינטיקער נאַכט. דערווייל איז מאַדלענס שוואָגער שוין געזעסן פון פריער אין טורמע פאַר אַנדערע מעשים טובים, פאַר אַ גניבה גאָר. אָבער ווען זיי וואָלטן מיך גע־טראָפן, וואָלט עס פאַר זיי געווען אַן אומגעריכטע מציאה.

יאַנואַר 1944. צוזאַמען מיטן געלט און פראָדוקטן־קאַרטן האָט מיר דער שליח פונעם קאָמיטעט אויך געבראַכט אַ זייער טרויעריקע ידיעה. בעת ער האָט מיר דאָס דערציילט, האָב איך גערעכנט, אַז דאָס איז בלויז קאָמוניסטישע פראָפּאַגאַנדע, אָבער איצט, נאָך זיין אַוועקגיין, קלער איך, אויב עס איז נישט אַפילו אינגאַנצן אמת, איז עס צום גרעסטן טייל אמת.

ער האָט מיר געבראַכט אַ געדרוקטן אַפיש, אין וועלכן עס ווערט דער־ציילט (עס איז מיר שווער דאָס נאָך צו רעדן), אַז מען האָט אויפגעשטעלט קרעמאַטאָריומס און דאָרטן פאַרברענען די דייטשן נישט קיין טויטע קער־פּערס, נאָר לעבעדיקע יידן, זקנים, פרויען און קינדער. אויף די דייטשן קען מען אַלץ גלויבן.

פון דעסט וועגן טליעט נאָך ביי מיר אַ האָפענונג, אַז אפשר געשעט דאָס נישט מיט אַלע, און אפשר וועט מיין פאַמיליע דאָך זיין צווישן די געראַטעוועטע. נאָר איין זאַך, וואָס פאַרבלייבט מיר איצט צו טאָן, איז נאָר נקמה, צו דערלעבן צו זען אין זיי אַ נקמה. אין מיין פאָרשטעלונג זע איך ווי די גאַנצע וועלט נעמט אין זיי נקמה. איך אַליין זע מיך אויך ווי איך נעם נקמה אין מיינע לאַגער־אָנפירערס, דערמיט וואָס מיר אָרדענען איין

אויך פאַר זיי דעם זעלבן לאַגער, וואָס זיי האָבן איינגעאָרדנט פאַר אונדז. זאָלן זיי אויך פאַרזוכן דעם טעם, וואָס מיר האָבן ביי זיי פאַרזוכט. אויך איצט הויב איך שוין אָן צו פילן דעם טעם פון נקמה.

זייערע צייטונגען זענען ביים סוף פון פריערדיקן חודש געווען אָנגעזאַפּט מיט קראָקאָדיל־טרערן. זיי האָבן זיך דערמאָנט אין זייער צייטונג, ווי אַזוי זיי האָבן אַמאָל געפייערט זייערע ווייַנאַכטן, אין ניי־יאָר. ווי אַלע זענען געווען פאַרזאַמלט מיט זייערע פאַמיליעס צוזאַמען, ביי געדעקטע טישן און אין אַ פייערלעכער שטימונג ביים קריסטוס־בוים. און היינט איז דאָס דייטשע פאָלק פונאַנדערגעוואָרפן און דער גרעסטער טייל פון זיי ליגן און ווערן געפרוירן אויפן מזרח־פראָנט, אין די אָקאָפּעס, אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן. דערצו נאָך קומען די ענגלענדער און אַמעריקאַנער און באָמבאַרדירן זייערע היימען, זייערע פרויען און קינדער. די שילדערונג דאָרט איז געווען אין אַן אמתן פּאָעטישן האַרצרייסנדיקן טאָן. איך האָב זייער שילדערונג געטרונקען ווי דעם בעסטן וויין. הלוואי זאָלן זיי שטענדיק האָבן נאָר אַזעלכע שילדערונגען.

וואָס מער מען הערט פון די דייטשע מפּלות אויף די פראָנטן, אַלץ מערן זיך די סאַבאָטאַזש־אַקטן קעגן זיי; מען ווייסט אויך, אַז ענגלישע עראָפּלאַנען וואַרפן אין די נעכט אַראָפּ אין פאַרשידענע ערטער געווער און אויפרייס־מאַטעריאַל פאַר די פּאַרטיזאַנער. אין דער צייטונג לייענען מיר איצט כמעט טאָג־טעגלעך, אַז עס ווערן געכאַפּט פּאַרטיזאַנער. פון צייט צו צייט ווערט דאָרט דערציילט וועגן פּראָצעסן, וועלכע פאַרענדיקן זיך מיט טויט־אורטיילן. די אורטיילן ווערן באַשטעטיקט דורך דעם אויבער־בעפעלסהאָבער פון בעלגיע, גענעראַל פאָן פאַלקענהאַוזען.

עס איז נישטאָ קיין איין ליסטע פון פאַרמשפּטע אויף וועלכע עס זאָלן זיך נישט געפינען קיין יידן. אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס זיי ברענגען די יידישע נעמען, אָבער גיבן דערביי נישט אָן, אַז דאָס זענען יידן, ווייל לויט זייער פּראָפּאַגאַנדע, איז שוין נישט איבערגעבליבן קיין איין ייד. און יידן זענען בכלל נישט פעאיק צו קעמפן. ווי־זשע קומט עס, אַז עס זאָל זיך פלוצים באַווייזן יידישע פּאַרטיזאַנער?

אויף איינער פון די ליסטעס, האָב איך צווישן די צום טויט פאַרמש־

פטע געפונען אַ באַקאַנטן בחור, מיינס אַ שכן פון אַנטווערפּן. מיטן נאָמען ווייזער. די אַלע אויסגערעכנטע אויף די ליסטעס זענען געמשפּט געוואָרן פאַר סאַבאָטאַזש־אַקטן, אין די אָפיציעלע דייטשע מעלדונגען ווערט נישט געזאָגט, וואָס זיי האָבן געטאָן און אין וואָס עס זענען באַשטאַנען די דאָזיקע סאַבאָטאַזש־אַקטן.

פעברואַר 1944. קענטיק, אַז די מפּלות אויף די פראָנטן ווערן אַלץ גרעסער. עס קומען אָן ידיעות פון די איטאַליענישע פראָנטן, און גאָר באַזונדערס פון רוסישן פראָנט, וועלכע דערציילן שוין וועגן טרויעריקן מצב פון די דייטשן. אַפילו די בריסעלער צייטונג קען זיי שוין נישט פאַרדעקן. די ידיעות און איבערזיכטן, וואָס זיי ברענגען פון די פראָנטן, ווערן טיילמאָל ענלעך צו די ענגליש־אַמעריקאַנישע מעלדונגען.

די קעגנער פון די דייטשן ווערן מיט יעדן טאָג אַלץ דרייסטער. מען גנבעט שוין אַרויס פון די קוילנגרובנס רוסישע געפאַנגענע, וועלכע גייען מחנותווייז איבער צו די פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן מיט אַ קורצער צייט צוריק דורכגעפירט אַ גאָר געוואַגטע אַקציע ביי מאַלין, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט דער הילף פון דייטשע מאַשיניסטן.

ביים טראַנספּאָרטירן אַ באַן מיט יידישע געפאַנגענע, וועלכע מען האָט געפירט נאָך אָסטן, זענען אָפּגעטשעפּעט געוואָרן דער לאָקאָמאָטיוו מיטן ערשטן וואַגאָן, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די דייטשע וועכטער. די איבעריקע וואַגאָנען האָט מען געעפנט און עס זענען פון דאָרט אַרויסגעשפּרונגען הונדערטער יידן, וועלכע האָבן זיך צעשפּרייט און זענען זיך צעלאָפן אין פאַרשידענע ריכטונגען. פיל פון זיי זענען דערשאָסן געוואָרן. עס זענען געווען אַ סך פאַרוווּנדעטע, אָבער זייער פיל איז געלונגען צו אַנטלויפן.

דאָס הויז ווו איך וווין איצט, געפינט זיך אין דער נאָענט פון אַ קליינער באַן־סטאַציע, פון וועלכער עס פאָרן נאָר אָפּ אַרבעטער אין פאַרשידענע געביטן צו זייער אַרבעט. אָבער דער עיקר איז עס אַ קוילן־באַן־סטאַציע. פון דאַנעט ווערן זיי טראַנספּאָרטירט איבערן לאַנד.

געוויינטלעך שטייען דאָרט שטענדיק הונדערטער וואַגאָנען מיט קוילן, אָבער לעצטנס צוליב דער היינטיקער סיטואַציע ווערט די סטאַציע באַלאַגערט פון הונדערטער און הונדערטער מענטשן, וועלכע ברעכן פשוט אויף די וואַגאָנען און נעמען פון דאָרט אַרויס די קוילן. ביז איצט האָבן עס נאָר געטאָן ביינאַכט איינצלנע מענטשן, אָדער קליינע גרופּן; היינט טוען עס שוין פריי אין מיטן טאָג אַ גרעסערע צאָל מענטשן.

עס איז שוין געקומען אַזוי ווייט, אַז מען האָט אַראָפּגעברענגט בעלגישע זשאַנדאַרמען, כדי צו היטן. בעת די זשאַנדאַרמען געפינען זיך דאָרט איז שטיל, קוים אָבער גייען זיי אַוועק, קומען אָן די מענטשן מיט זעק און נעמען אַרויס וויפל זיי קענען נאָר טראָגן. די זשאַנדאַרמען האָבן שוין פיל מאָל געדראָט מיט שיסן, אָבער די מענטשן לאַכן זיך דערפון אויס. זיי ווייסן, אַז בעלגישע זשאַנדאַרמען וועלן נישט שיסן אויף קיין בעלגיער.

אין פיל פאַלן מאַכן זיך די זשאַנדאַרמען נישט זעענדיק, ווען אַפילו זיי האָבן געטראָפן טראָגן קוילן. די מענטשן, וועלכע נעמען די קוילן, האַלטן עס פאַר אַ מצווה, ווייל זיי זאָגן, אַז דערמיט שעדיקן זיי דעם כוח פון די דייטשן, ווייל קוילן ווערן אויך אַרויסגעשיקט קיין דייטשלאַנד, און אויך די בעלגישע פאַבריקן, וועלכע אַרבעטן פאַר די דייטשן, מוזן אויך בלייבן שטיין אָן קוילן. איך מיין, אַז מער ווי שעדיקן די דייטשן מיינען זיי זייערע אייגענע בייטלען.

קוילן קאָסט דאָ איצט זייער טייער, און בכלל איז עס נישט בנמצא — אַפילו פאַר געלט. אַלע קוילן ווערן אַרויסטראַנספּאָרטירט פון דאַנען קיין דייטשלאַנד.

האָפענונגען און צרות

מערץ 1944. היינט האָב איך דערהערט דעם באַקאַנטן קלאַפּ אין טיר. עס האָט זיך באַוויזן אַן עלטערער מאַן אַ הויכער אַ דאַרער, מיט צוויי לאַנגע גרויע אַראָפּגעלאָזטע וואָנצעס. איך וואָלט געשווירן, אַז ס׳איז אַן אמתער פּאָליאַק. (ווי איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, איז אויך זיין נאָמען אַן עכט פּוילישער — אָלעשניצקי). אין דער ערשטער מינוט האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן, אָבער דער מאַן האָט גלייך אָנגעהויבן רעדן אין אַ ריינעם יידיש „שרעקט אייך נישט, איך בין אַ ייד. איך האָב באַקומען די אויפגאַבע צו באַזאָרגן אייך דאָס חודש־געלט און די פּראָדוקטן־קאַרטן״.

ווען איך האָב אים געפרעגט מיט שרעק, וואָס מען הערט מכוח דעם פריערדיקן שליח, האָט ער מיך באַרויקט, אַז מען האָט נאָר בלויז געטוישט די שליחים. מען צאָלט שוין היינט אַ הויכן פּרייז פאַר אַ יידישן קאָפּ — טויזנט פראַנק. יעדער וואָס וועט אָנווייזן ווו עס געפינט זיך אַ ייד, באַקומט די אויבן־דערמאָנטע פּרעמיע. ווייזט אויס, אַז זיי, די דייטשן, האַלטן שוין איצט ביי „תמות נפשי עם פלישתים״, דעם אָמאָליקן אויסרוף פונעם יידישן שמשון הגבור, ווען ער איז געווען אין קלעם, אָפּגענאַרט, אויסגעלאַכט און איז געוואָרן צו שאַנד און שפּאָט.

אַלע רעדן שוין איצט וועגן דער נאָענטער לאַנדונג פון די אַליאירטע אין פראַנקרייך. די דייטשן שרייבן אין זייער בריסעלער צייטונג, אַז זיי ווילן ראַטעווען די מערב־קולטור פון די באַרבאַרישע באָלשעוויקעס. און אין דער אַרטיקער בעלגישער פּרעסע דראָען זיי, אויב זיי וועלן מוזן פאַרלאָזן בעלגיע, וועלן זיי נישט איבערלאָזן אַ שטיין אויף אַ שטיין, אַלץ וועלן זיי פאַרניכטן, כדי אָנצוואַרפן אַ שרעק אויף די בעלגיער, איבער־הויפּט אויף די, וועלכע האַלטן מיט די אַליאירטע.

ס׳רוקן זיך אויף מיר אַן נייע צרות, עטלעכע אויף אַ מאָל: דאָס הויז, ווו איך געפין זיך ליגט ביי אַ הונדערט מעטער פון דער באַן־סטאַציע, און נאָך נעענטער צו דער באַן־ליניע, ווו עס איז אַ הויפּט־צענטער פון קוילן־טראַנספּאָרט. די פּאַרמעגלעכע איינוווינער ציען זיך אַרויס פון דאַנען, ווייל זיי האָבן מורא, אַז דער פּונקט וועט באָמבאַרדירט ווערן.

דאָ קומען אויך פּאָר אָפּטע סאַבאָטאַזש־אַקטן אויף דער ליניע. מען האָט אויף דער באַן־ליניע נישט לאַנג צוריק געפונען אַ געהרגעטן דייטש. די געגנט ווערט אָפט אַרומגערינגלט דורך געסטאַפּאָ־לייט און בעלגישע מיטהעלפער, וועלכע זוכן פּאַרדעכטיקטע. מען האָט אויך מורא, אַז די דייטשן וועלן סוף כל סוף נעמען זיך דאָ צו זוכן די געגנבעטע קוילן, וואָס ליגן דאָ פול אין די מאַגאַזינען און אין די שטובן. איך קען אַזוי אַרום דאָ צופעליק אַנטדעקט ווערן.

אַפּריל 1944. דער נייער שליח, וואָס האָט מיר געברענגט מיין חודש־לעכן געהאַלט האָט מיר געפרעגט צי איך וואָלט מסכים געווען צו נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו טאָן די זעלבע שליחות, וואָס ער טוט, פאַר אַ פאַמיליע פון פיר פערזאָן, וועלכע וווינט אויף דער גאַס גראַנד רי, וועלכע געפינט זיך אינעם צענטרום פון דער שטאָט העכער אַ קילאָמעטער פון דאַנען. אַלע האָבן איצט מורא אַהין צו גיין, און איך אַלס פרעמדער, האָב מער שאַנסן דורכצומאַכן דעם וועג, מיט קלענערער געפאַר.

אויך איז איצט צוגעקומען צו ברענגען — אויסער די פּראָדוקטן־קאַרטן און דאָס געלט, אויך פּעקלעך, וועלכע באַשטייען פון פּראָדוקטן פאַר די באַהאַלטענע.

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין דאָס גרייט צו טאָן. אין אַזאַ צייט בין איך גליקלעך, אַז איך קען אויך עפּעס העלפן און נישט נאָר בלויז נעמען און געניסן. איך האָב אים אויך געזאָגט, אַז דאָס וועל איך טאָן אין נאָענטסטן זונטיק. לויט מיין אויסרעכענונג, איז אין זונטיק־טאָג די געפאַר אַ קלענערע.

מאַרקאָ ווייסט וועגן מיין אונטערנעמונג, אָבער איך זאָג אים נישט ווו אַהין איך גיי און ער וויל עס אויך נישט וויסן.

זונטיק האָב איך מיך אָנגעטאָן אין מיין בלויען אַרבעטס־אַנצוג, מיט־גענומען די אַלע זאַכן, וועלכע איך האָב געדאַרפן ברענגען פאַר דער פאַ־מיליע. דער וועג אַהין האָט געדויערט ביי אַ שעה און איז אַדורך בשלום. שפעטער מאַך איך דורך דעם זעלבן גאַנג יעדן חודש אין אַ זונטיק.

מאַי 1944. דאָס אויפברעכן די קוילן־וואַגאָנען האָט זיך פאַרשטאַרקט. עס האָבן אָנגעהויבן קומען מאַסן מענטשן אויך פון אַנדערע מקומות. זיי ציילן שוין אין די טויזנטער. ווען איך שטעל זיך אַרויף אויף אַ שטול ביים פענצטער, זע איך פאַרביימאַרשירן אַן אַ שיעור פיס (די קעפ זע איך ביי זיי נישט אַרויס), וואָס שלעפן אויף די פלייצעס זעק מיט קוילן.

אויך מיין מאַרקאָ קען זיך נישט איינהאַלטן און פילט אָן זיין קאַמער מיט די געגנבעטע קוילן. ביי מיר קלאַפּט דאָס האַרץ, ווען איך זע אים טאָן דאָס. אָבער איך קען קעגן דעם גאָרנישט העלפן. ער ווערט מיטגעשלעפּט מיט אַלע.

אין דעם זעלבן חודש מאַי 1944. די ענגלישע עראָפּלאַנען הייבן אָן גרינטלעך זייער אַרבעט. טאָג־טעגלעך ווערן באָמבאַרדירט די באַן־ליניעס און די פאַבריקן, איבערהויפּט אין דער געגנט. אָפטמאָל באַווייזן זיך די עראָפּלאַנען צען מאָל אַ טאָג. ביים דערהערן די אַלאַרם־סיגנאַלן צעלויפט זיך די באַפעלקערונג איבער די אַרומיקע אָפענע פעלצער. ביים לויפן מיש איך זיך אויס מיט דער איבעריקער בעלגישער באַפעלקערונג, קיינער האָט דעמאָלט נישט אין זינען און קיין צייט צו טראַכטן, אַז איך בין דאָ אַ פרעמדער.

ערגער און געפערלעכער פאַר מיר איז דער צוריקגאַנג. איינער מיטן אַנדערן פאַרבינדן שמועסן, רעדן וועגן די רעזולטאַטן פון דער באָמבאַר־דירונג. ווו עס האָט געטראָפן אַ באָמבע און וועמען עס איז געלונגען אויס־צומיידן. דעמאָלט הייבט מען זיך אָן צו שושקען וועגן מיר. קיינער קען מיך נישט דאָ, און מען וויל וויסן ווער איך בין... אויך מיין שפּראַך פאַרראַט מיך...

אָבער איך מיין, אַז צום גונסטן פאַר מיר ווירקט דאָס, וואָס איך בין הויך, דאַר און בלאָנד, און זע נישט אויס צו זיין אַ ייד. ווי איך פאַרשטיי —

נעמען מיך די בעלגיער אָן פאַר אַן ענגלישן פּאַראַשוטיסט... אַזעלכע געפינען זיך שוין היינט דאָ אין אַ געוויסער צאָל. זיי לערנען די פּאַרטיזאַנער ווי אַזוי צו באַנוצן זיך מיט אויפרייס־מאַטעריאַלן און אַנדער געווער.

איינמאָל ביי אַזאַ אַלאַרם, ווען איך האָב שוין נישט באַוויזן אַרויסצו־לויפן פון מיין הויז, איז אין דער נאָענט געפאַלן אַ ריזיקע באָמבע, וועלכע האָט צעשמעטערט עטלעכע הייזלעך און אויפן הויף אָפּגעהאַקט אַ שטיק פון מיין הויז. פון אַלע הייזלעך, וועלכע זענען אויפן הויף, זענען פון אומע־טום אַרויסגעפאַלן די שויבן, ציגל אויסגעמישט מיט שטויב פון דעם אַראָפּ־געפאַלענעם טינק פון די הייזער.

איך גיב זיך אָפּ אַ חשבון, אַז איך מוז פון דאַנען אַרויסלויפן. איך ווייס, אַז מיט דער באָמבאַרדירונג איז נאָך נישט געענדיקט. עס קענען באַלד פאַלן נאָך באָמבעס. נישט געקוקט אויף דער גרויסער געפאַר פון די אַראָפּפאַ־לנדיקע שטיקער פון די הייזער, בין איך אַרויסגעלאָפן אויפן פרייען פעלד. ווען מען האָט שוין ביז איצט אַזויפיל דורכגעמאַכט, איז נישט כדאי, איצט צו פאַלן דורך אַ באָמבע. אפשר וועט געשען אַ נס, און איך וועל בלייבן לעבן, און דערלעבן צו זען מיין נקמה אין זיי... און אפשר אויך דערלעבן זיך ווידער צו זען זיך מיט מיין משפחה.

גלייכצייטיק האָב איך זיך אָבער געפרייט מיט די באָמבעס. איך האָב זיך געפרייט, אַז איך האָב דערלעבט צו זען ווי איצט זענען מיר אַלע גלייך.

אומקערנדיק זיך פון פעלד, האָב איך געזען ווי דער וועג צו מיין וווינונג איז פאַרשפּאַרט דורך דער פּאָליציי און פייערלעשער. וואָס איז געשען? נישט ווייט פון דאַנען איז געפאַלן אַ באָמבע אין אַ גלאָז פאַבריק. און עס זענען פאַראַן ביי אַ צוויי הונדערט געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע. פיל פון זיי ליגן נאָך אין די חורבות, און מען לאָזט נישט קיינעם צו.

פאַר מיר איז קלאָר, אַז איך טאָר זיך נישט געפינען אין דרויסן. איך מוז פאַר יעדן פּרייז צוקריגן זיך צו מיין וווינונג. איך דערנענטער זיך צו אַן עלטסטן פון די פייערלעשער. ער פרעגט מיך, וואָס איך טו דאָ, וואָהין איך גיי, אָבער איידער איך באַוויז אים שטאַמלענדיק צו ענטפערן,

נעמט ער מיך פאַר דער האַנט און ווייזט מיר דורך וועלכן וועג איך קען צוריק אַריין אין מיין וווינונג.

1944. דעם ערשטן יוני. נעכטן פאַרמיטאָג, ווען מאַרקאָ איז צוריקגעקומען פון דער גאַס, אָדער פון מאַדלען — אַזוי ווי תמיד, אָפּצועסן מיטאָג און דערנאָך גיין צו זיין אַרבעט, — האָב איך געזען אַז מאַרקאָ איז אויפגערעגט און שטאַרק צערודערט. אין זיין צערודערטקייט האָב איך דערקענט, אַז עס איז עפּעס זייער וויכטיקעס געשען. דאָס מאָל האָט ער זיך נישט לאַנג געוואַקלט און אויך זיך נישט געשעמט. ער איז צוגעטרעטן גלייך צום ענין...

ער האָט מיר געזאָגט: „הער! דער שכן אַנדרע, דער אַרבעטער פון דער גלאָז־פאַבריק, האָט זיך היינט אין דער פרי מיט מיר געקריגט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז מען האָט אים אין דער פריערדיקער נאַכט אַרויסגעגנבעט פון זיין קאַמער די קוילן. און אַז איך בין דער גנב. דו ווייסט דאָך, האָט מאַרקאָ מיר געזאָגט, אַז זיין שוואָגער איז פון די שוואַרצע אוניפאָרמען, איך האָב מורא, אַז דאַסמאָל וועט ער זיך וועלן אין מיר נוקם זיין, און וועט דיך אויסגעבן".

אויך האָט מאַרקאָ צו מיר געזאָגט: „יוזעף (נאָך אַן אַרבעטער פונעם זעלבן הויף) ווייסט ווער דו ביסט, מאַדלען האָט אים דערציילט, אַז דו ביסט אַ ייד". דאָס וואָרט ייד האָט מאַרקאָ אַזוי ווי ספּעציעל אונטערגעשטראָכן; אַזוי ווי מען שטרייכט אונטער עפּעס מיט אַ דיקער שוואַרצער פאַרב.

„דער יוזעף, בין איך איצט געוואויר געוואָרן, — האָט מיר מאַרקאָ ווייטער דערציילט — איז געוואָרן אַ מוסר, ער אַרבעט ביי די דייטשן פאַר געלט, ווייל די דייטשן צאָלן איצט פאַר אויסגעבן יידן אַ גוטן פּרייז און איך בין זיכער, אַז היינט מאָרגן וועסטו פאַלן דורך זיינע הענט אַ קרבן".

איך קען גוט מאַרקאָן און ווייס, אַז דאָס, וואָס ער האָט מיר דערציילט איז נישט אויסגעטראַכט, כדי בלויז פּטור צו ווערן פון מיר. (איין זאַך, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען, אויב יוזעף איז טאַקע אַ „מוסר", און איך האָב נישט קיין ספק אין מאַרקאָס רייד, פאַרוואָס האָט ער מיך ביז איצט

נ"שט אויסגעגעבן?). מאַרקאָ האָט מיר אויך געזאָגט, אַז צוליב דעם אַלעמען מוז איך גלייך פאַרלאָזן דאָס אָרט.

איך האָב אים געפרעגט וואָהין?

מאַרקאָ האָט גלייך אַ רפואה צו דער מכה, אַז איך זאָל גיין אויף דעם אָרט, וואָהין איך טראָג אַלע חודש דאָס געלט און פּראָדוקטן־קאַרטן. דאָס הייסט צו יענער יידישער פאַמיליע.

מיר איז די זאַך פון גיין אַהין צו דער יידישער פאַמיליע, נישט געווען אַזוי אָנגענעם מחמת כ'וויס נישט צי זיי וועלן דערויף מסכים זיין. דאָס הייסט זיי צווינגען מיט כוח.

איך האָב אַמאָל געהאַט איבערגערעדט מיט דעם עלטערן שליח פון געהיימען קאָמיטעט, ווען איך האָב דערפילט, אַז דער באָדן אונטער מיינע פיס הויבט אָן צו ווערן הייס, מכוח אָן אַנדער פלאַץ. דעמאָלט האָט ער — דער שליח — מיר דערקלערט, אַז אומעטום, ווו די יידן זענען באַהאַלטן, זענען זיי יעדן טאָג אויסגעשטעלט אויף סכנות. און ער, דער אַלטער קאָמוניסט, האָט צוגעגעבן, מיט אַ שמייכל: מען מוז דאָך גלויבן אין מזל. ווען עס איז דיר אַזוי לאַנג געלונגען זיך דאָ אויפצוהאַלטן, איז אַ סימן, אַז דאָס אָרט איז מזלדיק.

אָבער באַין ברירה האָב איך פאַרפאַקט מיינע זאַכן און בין אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. מאַרקאָ האָט מיר נאָכגעטראָגן די זאַכן. איך בין געגאַנגען אָפּגערוקט פון מאַרקאָן פאָרויס.

אַריינקומענדיק אין זייער באַהעלטעניש, האָב איך זיי דערקלערט: אַז צי זיי ווילן אָדער נישט, איך האָב קיין אַנדערע ברירה נישט, און מוז דערווייל בלייבן ביי זיי.

אמת, עס איז זיי נישט געווען אָנגענעם. ערשטנס: אַ ייד ברענגט מיט זיך מיט היינט נאָר צרות, ווי ער וואָלט צוגעגאָסן נאָך אַ ביסל גיפט צו דער אַזוי אויך גרויסער דאגה. צווייטנס: זיי האָבן זיך געשראָקן דערפאַר, וואָס אויך מאַרקאָ ווייסט שוין פון זייער וווינונג.

איך האָב זיי באַרויקט, סיי מיטן ערשטן, און אויך מיטן אַנדערן. איך האָב זיי דערקלערט, אַז איך בין נישט פון די יידן, וועלכע האָבן נישט קיין זיך־פּלייש. אַזוי ווי איך בין אַריינגעקומען, אַזוי וועל איך בלייבן אין

דער װוינונג און נישט דרייען זיך איבער דער גאַס, ביזן סוף. (אויסער חלילה, עפּעס אַ סכנה). און װעגן מאַרקאַן, זאָלן זיי זיך נישט זאָרגן, ווייל איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אים, ווי פאַר מיר אַליין, אַפילו מען וועט אים צעשניידן אויף שטיקער — האָב איך צוגעגעבן — וועט ער אונדז נישט אויסגעבן.

אין דעם זעלבן טאָג האָב איך ביים ווירט פון הויז — מיטן נאָמען פּריייער — אָפּגעדונגען אַ שטאָק העכער, אַ פּריי צימער. אין פּאַרטער ווױנען קריסטן, עלטערע מענטשן. אין איין װוינונג אַן עלטער פּאָרפּאָלק, און אין דער אַנדערער װוינונג אַן עלטערע פרוי, מיטן נאָמען זשילבערט; זיי זע־נען זייער גוטע מענטשן; איבערהויפּט די פרוי זשילבערט. זיי באַזאָרגן אַלע פּראָדוקטן און אַנדערע נויטבאַדערפטיקע זאַכן, פאַר דער יידישער פאַ־מיליע מיטן נאָמען ב., װעלכע װוינען אויפן ערשטן שטאָק.

דער שליח, וואָס ברענגט איצטער דאָס געלט און פּראָדוקטן־קאַרטן פאַר דער יידישער פאַמיליע און פאַר מיר איז איצט אַ פרוי. אַזוי אַרום האָט מיך דער בלינדער גורל צוריקגעברענגט אויף דער זעלבער גאַס גראַן רי, ווי ביים אָנהויב, בעת איך האָב מיך אויפגעהאַלטן און באַהאַלטן זיך ביי דער יידישער פאַמיליע מיטן נאָמען ר., נאָר בלויז דער נומער פון הויז איז אַן אַנדערער. איך דענק, אַז דעמאָלט איז עס געווען אין מיטן פון מיינע צרות, און דער אָנהויב פון צרות שאַרלערואַ. און איך האָף: אַז דאָס איצ־טיקע װוינען אויף דער זעלבער גאַס, וועט שוין זיין די ענדע פון מיינע עינויים.

קעגנאיבער מיין צימער געפינט זיך דאָ נאָך אַ צימער, אין וועלכן עס וווינט אַ ברודער פון דעם הער ב., דאָס הייסט, אַ חוץ דער פיר־קעפּי־קער יידישער פאַמיליע, וועלכע וווינען דאָ, וווינט נאָך אַ ייד, אָבער ער נעמט נישט קיין שום אונטערשטיצונג פונעם געהיימען קאָמיטעט, נאָר ער גייט טאָג־טעגלעך אין די געשעפטן פאַרקויפן פאַרשידענע אַרטיקלען, וועלכע ער קויפט אין די אַנגראָ־געשעפטן, און דערפון דערנערט ער זיך. היינט ,אין אַזאַ צייט, ביי אַזאַ לאַגע פאַר אַ ייד צו גיין אַרום אין די גע־שעפטן פאַרקויפן מיט אַ שלעכטן פראַנצויזיש, איז מער ווי נאַריש. ער קען נאָך מיטשלעפּן מיט זיך אויך צרות פאַר די אַנדערע יידישע איינוווינער,

וועלכע געפינען זיך דאָ. דעריבער, מיין איך, איז זיין ברודער ברוגז מיט אים.

פון דעם קעגנאיבערדיקן יידישן איינוווינער בין איך געוווירגעוואָרן וועגן דעם מצב, וואָס ס׳איז געוואָרן אין דעם לאַגער נאָך מיין אַוועקפאָרן פון דאָרט, ווייל אויך ער איז געווען אין דעם זעלבן לאַגער וואָס איך.

ער האָט מיר דערציילט, אַז אַ חודש נאָך מיין אַרויסרייסן זיך פון דאָרט, האָט מען צוזאַמענגענומען אַלע יידן פון לאַגער, און זיי אַוועקגעשיקט קיין אָסטן. נאָר אויפן וועג ביי דער גרענעץ בעלגיע—דייטשלאַנד, ווען די באַן האָט אָנגעהויבן צו גיין לאַנגזאַמער — צוליב דעם טאָפּאָגראַפיש שווערן וועג, האָבן אַ געוויסע צאָל יידן באַוויזן אַראָפּצושפּרינגען פון דער באַן, בערך אַ צוויי הונדערט מענטשן און אפשר מער; ער איז אויך געווען צווישן די אַראָפּשפּרינגער. ווי ער האָט מיר דערציילט איז נאָר געבליבן אין לאַגער אויף זייער פּלאַץ „האַלב־יידן", וועלכע מען האָט שפּעטער גענומען אין לאַגער אַריין.

יידן־פאַרפאָלגונגען — די לעצטע „העלדישקייט" פון די דייטשן

יוני 1944. עס האָט זיך אָנגעהויבן — די פון אַזוי לאַנג אויסגעבעבנקטע האָפענונג — די לאַנדונג פון די אַמעריקאַנער און ענגלענדער אויף די פראַנצויזישע ברעגן. איצט איז אָן שום ספק, אַז מיר וועלן פטור ווערן פון די סאַדיסטן און מטורפים, וועלכע האָבן פאַרסמט גאַנץ אייראָפּע מיט זייער גיפטיקן סם.

יולי 1944. די לאַנדונג פון די אַליאירטע ביי נאָרמאַנדיע אין פראַנקרייך איז הונדערט פראָצענט געלונגען, און עס איז נישט ווי די דייטשן האָבן זיך פריער באַרימט, אַז זיי וועלן די לאַנדונגס־סאָלדאַטן אין ים אַריין וואַרפן.

מיר האָבן אָבער געמיינט, אַז במשך פון דער צייט וועלן זיי שוין זיין ביי אונדז. טראָץ דעם, וואָס מיר קענען די שטאַרקע באַפעסטיקונג דאָרט ביים ים. מיר פאַרשטייען אָבער אויך, אַז ווען די אַמעריקאַנער האָבן באַשלאָסן צו לאַנדן, זענען זיי — מן הסתם — געווען זיכער, גאַנץ זיכער. עס ווייזט אויס, אַז עס גייט נישט ווי מיר האָבן געהאָפט, עס גייען אָן זייער שווערע און פאַרביסענע קאַמפן.

אין מיין נייער וווינונג ווער איך געוואָר פאַרשידענע זאַכן, וועלכע דאָרט ביי מאַרקאָן האָב איך דערפון נישט געוווסט. איך ווער דאָ געוואָר, אַז טראָץ דעם, וואָס די דייטשן האַלטן שוין ביי גסיסה, לאָזן זיי נאָך נישט אָפּ די יידישע קרבנות. אויך ביז איצט געפינען זיי נאָך צייט און מעגלעכקייטן, און עס ליגט זיי נאָך אין קאָפּ צו טראַנספּאָרטירן יידן קיין אָסטן.

איך בין אויך געוואָר געוואָרן, אַז מיין השערה, אַז אין וואַלאַנישן טייל פון בעלגיע זענען זיך די דייטשן ביז איצט באַגאַנגען עפּעס מילדער מיט דער יידישער באַפעלקערונג, ווי זיי זענען זיך באַגאַנגען אין פלעמישן טייל

בעלגיע — אין אַנטווערפּן איז ריכטיק. דאָס זאָל האָבן געווען אַ רעזולטאַט פון רעכענען זיך מיט די געפילן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג.

איצטער האָב איך געהערט, וואָס מען האָט מיר דערציילט פון צוויי פאַקטן, וועלכע האָבן באַשטעטיקט מיין פריערדיקע השערה. ערשטנס, די פאַמיליע ב., וואָס איך געפין זיך איצט מיט זיי. זיי האָבן מיר דערציילט ווי אַזוי זיי איז געלונגען ביז איצט צו בלייבן דאָ.

כמעט מיט צוויי יאָר צוריק זענען געקומען די געסטאַפּאָ נאָך זיי, האָט דער הער ב. באַוויזן אַראָפּצושפּרינגען דורכן ערשטן שטאָק אין הויף אַריין און זיי האָבן בלויז די פרוי מיטגענומען מיטן קינד אין פאַרזאַמ־לונגס־פּלאַץ, כדי פון דאָרט צו שיקן זיי ווייטער. אַזוי ווי אַלע יידן, האָט די פרוי ב. אָנגעהויבן צו קנייפּן איר קינד, כדי דאָס קינד זאָל שרייען און וויינען. און דאָס קינד האָט אַזוי לאַנג געשריגן ביז זיי איז נמאס געוואָרן און זיי האָבן אַ געשריי געטאָן צו איר: „צום טייוול, פאַרשווינד מיט דיין קינד, מיר וועלן דיך שוין געפינען אַן אַנדערש מאָל". אַזוי אַרום האָט זי זיך אַרויסגעדרייט פון זייערע הענט.

נאָך אַ פאַל האָבן זיי מיר דערציילט. עס וווינט דאָ אויף דער גאַס אַן אַלטער ייד מיטן נאָמען מענדל אורבאַך, וועלכער דרייט זיך אַפילו אַרום מיט זיין באָרד אין דער גאַס. זיי האָבן אים שוין אַ פּאָר מאָל געוואָלט מיטנעמען, אָבער יעדעס מאָל ווען די געסטאַפּאָ וויל אים נעמען, וואַרפט ער זיך אויף דער ערד, מאַכט קולות, און ווייזט זיי זיין ריזן־ברוך, און די באַפעלקערונג הויבט אָן זיך צו פאַרזאַמלען, און פאַר בושה לאָזן זיי אים אָפּ. אַזעלכע זאַכן, ווייס איך, קענען אין אַנטווערפּן נישט פּאַסירן.

אונדזער חודש־לוין איז דערווייל געשטיגן, פון 425 פראַנק, וועלכע איך האָב באַקומען ביז איצט, איז אַרויף אויף איבער טויזנט פראַנק אַ חודש. אָבער דער פּרייז פאַר כאַפּן יידן איז אויך געשטיגן. מען צאָלט שוין פאַר אַ יידישן קאָפּ 1500 פראַנק.

מאַרקאָ איז צו מיר געקומען, און האָט מיר געוויזן, אַז זיין אַרבעטס־אָנצוג איז ביי אים צעריסן געוואָרן. איך האָב אויסגעטאָן מיין נייעם אַר־בעטס־אָנצוג און אים אוועקגעגעבן. איך ווייס, אַז די אַרבעטער וועלן אים

מקנא זיין מיט אַט דעם אַרבעטס־אַנצוג, וועלכן עס איז היינט נישט מעגלעך צו באַקומען. אויך האָב איך אים געגעבן אַ פּאָר הונדערט פראַנק.

אויגוסט 1944. מען פילט שוין אַ געוואַלטיקע שפּאַנונג. מיר באַקומען שוין צוויי טויזנט פראַנק און פּראָדוקטן, ווייל עס איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז מען וועט נישט קענען גיין פון איין גאַס אין דער אַנדערער.

ווי עס זעט אויס, איז די אַליאירטע געלונגען צו לאַנדן מיט אַלע זייערע שווערע כוחות, און עס איז איצט שוין נישטאָ קיין געפאַר, אַז די דייטשן זאָלן קענען חלילה זיי צוריק אַרויסשטופּן איבערן ים.

עס פליען פאַרביי יעדן טאָג אין די הונדערטער עראָפּלאַנען פון די אַליאירטע. זיי פליען אַזוי נידעריק און זיכער גלייך ווי זיי וואָלטן שוין געווען ביי זיך אינדערהיים.

מען דערציילט, אַז אין אַלע דייטשע אַמטן ווערן פאַרברענט זייערע פּאַפּירן; פרויען און קינדער פון די דייטשע באַאַמטע ווערן עוואַקויִרט. די דייטשע און בעלגישע געסטאַפּאָ ווערן שוין אויך עוואַקויִרט; מען זעט דורך די פענצטער, ווי די דייטשע כוחות טרעטן אָפּ, צווישן זיי זעט מען אויך פאָרן אַ סך ציווילע דייטשן אָדער בעלגיער, וועלכע האָבן מיט־געאַרבעט מיט די דייטשן, ווייזט אויס, אַז זיי אַנטלויפן קיין דייטשלאַנד.

פאַר אונדז יידן איז נאָך דאָ די געפאַר, אַז מען זאָל אונדז נאָך אַרויס־נעמען, אין לעצטן מאָמענט. באַזונדער איז דאָ אַ געפאַר פון די אָפּטרע־טנדיקע דייטשע טרופּן, וועלכע קענען נאָך אַריינקומען ראַבירן און דער־ווייל דערקענען יידן...

מיר קענען באַמערקן דורך די פענצטער ווי עס לויפן דייטשע אָפי־צירן מיט ליידיקע פּאַסאַזשיר־אויטאָס און ווילן נישט אויפנעמען דייטשע סאָלדאַטן, וועלכע גייען צופוס, הינקנדיק און מיט שווער באַלאָדענע רוק־זעק אויף זייערע פּלייצעס. אָט אַזוי זעט אויס די „העלדישע דייטשע אַר־מיי" ביי איר צוריקצוג.

דעם צווייטן סעפּטעמבער 1944. עס גייט אָן אַ געראַנגל צווישן פאַר־טיזאַנער און די לעצטע דייטשע אָפּטיילונגען. זיי ווילן אויפרייסן די בריק

איבערן טייך, נישט ווייט פון וואָקזאַל. די פּאַרטיזאַנער דערלאָזן עס נישט, אָבער צום סוף, רייסן די דייטשן אויף די בריק.

עס איז געוואָרן שטיל, און מען זעט שוין נישט מער קיין שפּור פון אַ דייטש. די בעלגיער הענגען שוין אַרויס די נאַציאָנאַלע פענער, וועלכע פלאַטערן איבער די הייזער. עס הויבן זיך אָן באַווייזן אין די גאַסן בעלגישע גרופּן, מיט געווער און סתם בעלגיער, וועלכע זענען אַרויס אויף די גאַסן מיט שמחה.

מיר געפינען אויך צוויי אַלטע זיידענע בלוזן, — אַ בלויע און אַ ווייסע. מיר שאַפן פון ערגעץ אַ שטעקן און מיר הענגען אויך אַרויס אונ־דזער ווייס־בלויע פאָן.

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ דייטשער טאַנק, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעשטעקט אַ קאָפּ פון אַ יונגן בלאָנדן דייטש, דאָס פּנים רויט פון רציחה. ער האָט אויסגעשריען, אַז אויב מען וועט נישט צוריק אַראָפּנעמען די פענער וועט ער באָמבאַרדירן די הייזער.

די בעלגיער האָבן זיך שנעל אַראָפּגעשאַרט פון דער גאַס, און אויך די פענער זענען פאַרשוווּנדן פון די הייזער.

אויך אונדזער פאָן האָבן מיר בחפזון אַראָפּגענומען פונעם הויז. מיר האָבן דערווייל מורא געקריגן פאַר אונדזער פּריצייטיקער אויפדעקונג פון אונדזער באַהעלטעניש.

דער דייטשער טאַנק איז גלייך פאַרשוווּנדן, אָבער מען זעט דערווייל קיינעם נישט, נישט קיין דייטשן און נישט קיין אַמעריקאַנער.

דעם דריטן סעפּטעמבער 1944. דער אַריינמאַרש פון די אַמעריקאַ־נער טרופּן איז אויפגענומען געוואָרן מיט אַ געוואַלדיקער באַגייסטערונג. אַלע האָבן געטאַנצט און געווען שיכור פון התלהבות. די זעלבע בעלגישע מיידלעך, וועלכע זענען ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק געלעגן אין די אָרעמס פון די דייטשן, האָבן זיך איצט געקושט מיט די אַמעריקאַנער. פון דער קעגנאיבערדיקער קאַפע האָט זיך שוין געהערט געוואַלדן און דאָס שלאָגן איינעם, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן, איצט שלאָגן אים די פּאַרטיזאַנער. מען זעט טאַקע ווי מען שלעפּט אים אַרויס פון דער קאַפע ביי די פיס און דער קאָפּ שלעפּט זיך נאָך אויף די שטיינער

פון דער גאַס און עס רינט פון אים בלוט. איך דריי מיך שנעל אַוועק, ווייל איך קען דאָס נישט צוזען.

דאָ און דאָרט האָבן פּאַרטיזאַנער דערווייל — ווי מען דערציילט — געשאָסן פאַרשידענע בעלגיער, ווייל יענע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן.

די שמחה איז ביי אַלעמען זייער גרויס. די אַמעריקאַנער טרופּן האַלטן אין איין אַריינמאַרשירן, און דער עולם הערט נישט אויף צו באַגריסן זיי מיט הילכיקע אָוואַציעס.

איצט האָב איך ערשט דערפילט ווי עלנט איך בין. איך האָב נישט זוכה געווען צו זען די באַפרייונג צוזאַמען מיט מיין פאַמיליע. צי האָב איך נאָך עפּעס אַ פאַמיליע? צי לעבט נאָך ווער פון מיין פאַמיליע? איך האָב דעמאָלט זיך צעוויינט...

דערווייל שלאָגן זיך נאָך גרופּן איבערגעבליבענע פּאַרטיזאַנער מיט דייטשן אויף די וועגן און אין די וועלדער.

די דייטשן ווילן זיך נישט אונטערגעבן צו די פּאַרטיזאַנער, מורא האָבנדיק, אַז נאָכן אונטערגעבן זיך וועלן די פּאַרטיזאַנער זיי דערשיסן, דעריבער גיבן זיי זיך בעסער איבער צו די אַמעריקאַנער.

מיט מיינע אויגן האָב איך געזען ווי די פּאַרטיזאַנער פירן בעלגישע רעדאַקטאָרן פון דער אָרטיקער פּרעסע, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן און אויך פאַרשידענע אַנדערע „פּערזענלעכקייטן" פון יענער ציים. מען האָט זיי געפירט מיט די הענט אין דער הויך, און אָנגעהאָנגען אויף זיי שילדן מיט דער אויפשריפט: „איך בין אַ פאַררעטער". ווען מען האָט זיי פאַרבייגעפירט איבער די גאַסן, האָט דער עולם געשריען פאַר־שידענע זידל־ווערטער.

איך האָב געזען ווי דער המון האָט געשלאָגן געפאַנגענע דייטשע אָפיצירן, און זיי געשפּיגן אין פּנים אַריין. די אַמעריקאַנער האָבן זיי באַלד אַוועקגענומען פון המון און זיי אַוועקגעפירט מיט זייערע אויטאָס.

גייענדיק אין גאַס האָב איך געזען, ווי מען פירט אַ גרופּע אַרעסטירטע בעלגיער. איך בין אַ ביסל מיטגעגאַנגען, זען וואוהין מען פירט זיי. איינער

פון די פּאַרטיזאַנער האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר און געפרעגט ווער איך בין.

איידער וואָס ווען, האָבן זיי מיך אַריינגעשטופּט צווישן דער חברה אַרעסטירטע. קענטיק זיי האָבן מיך אָנגענומען פאַר אַ באַהאַלטענעם דייטש. דאָס איז שוין געווען נאָענט ביים טויער פון זאַמל־פּלאַץ.

צום גליק האָט זיך דאָרט געפונען אַ יידישער פּאַרטיזאַנער משה רעדליך, וועלכער האָט מיך צופעליק נאָך געקענט פון דער צייט, ווען מיר זענען ביידע געווען אין לאַגער. ער האָט אָנגעהויבן שרייען, אַז מען זאָל מיך אָפּלאָזן, ווייל איך בין אַ ייד. אַזוי אַרום האָב איך איינגעשפּאָרט אַ שפּאָר ביסל צרות.

עס דויערט נאָך דער אַריינמאַרש פון די אַמעריקאַנער טרופּן, וועלכע פירן מיט זיך שווערע טאַנקן, גרויס ווי הייזער, וואָס מיר האָבן נאָך ביז איצט נישט געזען — די „שערמאַן־טאַנקן". אויך אַ ריזיקע צאָל פּראָוויאַנט און אַמוניציע. פון צייט צו צייט, באַוואַרפן זיי דעם דרויסן שטייענדיקן עולם מיט שטיקער שאָקאָלאַד, וואָס איצט איז עס אַ גרויס נייעס.

שאַטנס פון יענער וועלט...

אויך די איבערגעבליבענע יידן זענען אַרויס פון זייערע לעכער — ווו זיי האָבן זיך ביז איצט געהאַט באַהאַלטן. מען זעט בלויז בלייכע אויסגעדאַרטע פּנימער און צעשראָקענע אויגן. איינער דעם אַנדערן גיבן זיי זיך איבער די צרות און שרעק, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין אין זייערע באַהעלטענישן.

איך האָב אויך געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען אַ יידישע פרוי פון שאַרלערואַ, וועלכע איז געווען פון די אַנטלאָפענע פון די וואַגאָנען, וועלכע זענען געוואָרן אָפּגעטשעפּעט ביי דעם לאַגער מאַלין. די פרוי האָט מיר געוויזן די ווונדן, וועלכע זענען ביי איר פאַרבליבן בעת די דייטשן האָבן זיי נאָכגעשאָסן ביי זייער אַנטלויפן.

מיר האָבן פּלוצלינג דערזען איינעם, וועלכער איז צוריקגעקומען פון יענער וועלט, אָדער אַרויס פון קבר. דאָס איז דער בחור ווייזער, וועלכער איז געווען צווישן די טויט־פאַראורטיילטע פון די דייטשן.

וועגן אים האָב איך פריער געשריבן. וואָס האָט פּאַסירט? ער דערציילט אַן אויסערגעוויינלעכע סענסאַציע — אַ נס? מער ווי אַ נס. נאָך דעם ווי מען האָט אים פאַראורטיילט, האָט מען אים, אַנשטאָט צו שיקן אים מיט דער גאַנצער פאַראורטיילטער גרופּע צום דערשיסן, האָט מען אים אָפּגעטיילט פון די אַנדערע און צוריקגעשיקט אין דער טורמע מיט אַ כוונה, אַז ער זאָל אַרויסבאַקומען סודות פון אַ געוויסער בעלגישער פּערזענלעכקייט. אַלס ייד וועט יענער האָבן אפשר צו אים צוטרוי, אַזוי האָבן זיי גערעכנט.

דערנאָך אַזוי ווי זיין גרופּע איז שוין געווען דערשאָסן און זיינע פּאַפּירן זענען שוין פאַרמישט, האָבן זיי אים געשיקט קיין דייטשלאַנד, אַז דאָרט זאָל מען אויספירן זיין טויט־אורטייל. אויפן וועג האָט ער זיך באַקענט מיט די דייטשע באַן־אַרבעטער, און זיין באַוואַכונג איז געוואָרן

שוואַכער. ווען די באַן איז צוגעקומען צו דער דייטש־בעלגישער גרענעץ האָט זי דאַן אָנגעהויבן צו פאַרלאַנגזאַמערן איר טעמפּאָ — צוליב דער טאָפּאָגראַפישער אָרטיקער שווערקייט. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען און איז צוגעקומען צו די פאַרטיזאַנער און אַזוי אַרום איז ער ניצול געוואָרן פון די דייטשע הענט.

אַ קאַטוילישער גלח, וואָס ראַטעוועט יידן און באַזאָרגט די קינדער מיט יידישקייט

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט בייצוווינען איין אויפנאַמע, וואָס יידן אין שאַרלערואַ האָבן געמאַכט פאַר אַ יונגן גלח פון דער וואַלאָנישער שטאָט נאַמיר מיטן נאָמען אַנדרע. איך האָב געזען ווי יידן האָבן זיך געפרייט מיטן גלח, און ער מיט זיי, גלייך ווי אייגענע. אָט דער לאַכנדיקער עקזאַלטיר־טער יונגער מענטש, וועלכער האָט אויף זיך געטראָגן גלחישע קליידער, האָט זיך אַרויסגעוויזן אונטער דער בעסטיאַלישער דייטשער אָקופּאַציע, און אין דער גרעסטער נויט פאַרן יידישן פאָלק, אַלס איינער פון די גרעסטע



פון רעכטס: דער גלח אַנדרע און דער אַמעריקאַנער ראַבינער הרב סאַפּירשטיין פון עמנואל־טעמפּל אין ניו־יאָרק

איידלסטע כאַראַקטערן, וואָס די מענטשהייט האָט ביז איצט פאַרמאָגט, אַ דאַנק אַזעלכע און נאָך ענלעכע זעלטענע פערזאָנען ווי דער גלח אַנדרע, האָבן די מענטשן נאָך דעם זכות צו קאָנען ווערן אָנגערופן מענטשן.

ביים יידישן פאָלק ווערט אַזאַ איינער ווי דער גלח אַנדרע באַשאָנקען מיטן טיטל פון די גרעסטע יידישע מדריגות — חסידי־אומות־העולם.

דער גלח אַנדרע האָט געשאַפן די מקומות פאַר מידע פאַרצווייפלטע יידן, וואָס זענען אַרומגעלאָפן זוכן אַ לאָקאַל־נאַרע, אַבי צו קאָנען כאָטש צייטווייליק זיך אויסבאַהאַלטן פון דעם געיעג פון בעסטיאַלישן שונא.

פאַר קינדער האָט ער געפונען אַ באַזונדער הויז, וווּ ער האָט צונויפגעזאַ־מענגעקליבן ביי אַ 30—40 קינדער. דאָרטן האָבן זיי באַקומען עסן און אַנדערע נויטיקע זאַכן. דאָרטן פלעגן די קינדער זיין אַ פּאָר מאָנאַטן ביז דער גלח אַנדרע האָט באַוויזן פאַר זיי צו באַקומען אַ זיכערן פּלאַץ ווי אַ קריסטלעך יתומים־הויז אָדער אַ קלויסטער.

ווען די גרופּע קינדער זענען אַוועק, האָט דער גלח אַנדרע, ווידער צוזאַמענגעקליבן אַ פרישע גרופּע ווי די ערשטע און זיי אויסגעהאַלטן ביז ער האָט פאַר זיי ווידער עפּעס געפונען אַ פרישע המצאה.

געלט פאַר זייער אויסהאַלטונג האָט דער גלח אַנדרע טיילוויז באַקומען פון דער אונטערגרונט־באַוועגונג און אויך פון נדבות פון קריסטלעכע אינסטיטוציעס און סתם רייכע פויערים אָדער געשעפטס־לייט אונטערן נאָמען „פאַר ווידערשטאַנד־צוועקן קעגן די דייטשן".

צווישן די אַלע קינדער, וואָס דער גלח אַנדרע האָט אויסבאַהאַלטן האָט זיך געפונען דאָס יידישע ייִנגל מיטן נאָמען בערנאַרד טאַפּאַרעק מיט זיין שוועסטער, וואָס זענען נישט לאַנג פריער געקומען פון דייטשלאַנד און עס איז געווען אַ געפאַר צו האַלטן זיי אין אַ יתומים־הויז, צוליב זייער דייטשן אַקצענט. האָט דער גלח אַנדרע פאַר דעם ייִנגל בערנאַרד געפונען אַ תירוץ: אַזוי ווי דעם ייִנגל האָט מען אַמאָל געמאַכט אַן אָפּעראַציע אויף דער בלינדער קישקע און עס איז אים איבערגעבליבן נאָכווייענישן פון דעם, האָט ער דאָס ייִנגל אַריינגעלייגט אינעם שפּיטאָל פון נאַמיר.

בלויז די שוועסטער פונעם שפּיטאָל האָט געוווּסט, אַז דאָס ייִנגל איז אַ ייד. די שוועסטער פונעם ייִנגל בערנאַרד טאַפּאַרעק האָט ער איינגעאָרדנט ביי דער קראַנקן־שוועסטער צו לערנען אַ קורס אַלס קראַנקן־שוועסטער.

אָבער נאָך מער אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט די יידישע קינדער אויסגעהאַלטן מיט עסן, שלאָפן און אַנדערע נויטיקע זאַכן, האָט זיי דער גלח אויסגעהאַלטן אויך מיט יידישקייט. דהיינו, ער האָט די יידישע קינדער באַזאָרגט מיט טליתים־קטנים און סידורים...

איך נעם טראַכטן, וואָס האָבן געקענט זיין די סיבות, וואָס ער, אַלס גלח, האָט אויך געזאָרגט פאַר דער נשמה פון די יידישע קינדער? אָדער ער האָט דערמיט געוואָלט פון זיך אַראָפוואַרפן דעם מינדעסטן חשד, וואָס מען קען האָבן, ווען אַ גלח באַהאַלט יידישע קינדער... אָדער ער האָט געהאָט פאַר זיינע אויגן נאָך אַ גרעסערן מענטשלעכן, איידעלן זשעסט. נישט נאָר באַזאָרגן די קינדער פיזיש מיטן עלעמענטאַרסטן נויטיקן, נאָר אויך גייסטיק צו וועלכן די קינדער זענען צוגעוווינט. באַזונדערס אין אַ נויט, ווען אַלע קלאַמערן זיך אין גאָט.

מען רעכנט, אַז דער גלח האָט געראַטעוועט פון צווי ביז דריי הונדערט יידן. ביי אַ מסיבה פאַרן גלח אין ישראל, האָב איך געזען ביי 50 אָפּגעראַטעוועטע.

דאָס יידישע מיידל פון שאַרלערואַ מיטן נאָמען ליזאַ קירשנצווייג, די טאָכטער פון חיים קירשנצווייג איז געווען אַ קוריערין, ד. ה. אַ פאַרבינדונגס־מענטש ביי דעם פאַרטיזאַנען־אָנפירער מיטן פסעוודאָנים אַנדרע, וואָס אין זיין טעטיקייט־געביט איז געווען די שטאָט נאַמיר און אומגעגנט. דער פאַרטיזאַנער־אָנפירער מיטן נאָמען אַנדרע, וועמען איך האָב איצט דערמאָנט איז געוואָרן געכאַפּט און פאַרשיקט אין דעם באַרימטן פייניקונגס־לאַגער ברענדאָנג, הינטער אַנטווערפּן.

דאָס שאַרלערואַ יידישע מיידל הילדאַ ווישניאַ די טאָכטער פון שמערל ווישניאַ, האָט געאַרבעט אינעם הויפּט־ביוראָ פון דער וואַלאָנישער אונטערגרונט־באַוועגונג אין דער שטאָט שומע ביי דער פראַנצויזישער גרענעץ, ביי די בעלגישע פאַרטיזאַנער־אָנפירערס ליזע און מיסיע דעלפּאַרט.

די מיסיע פונעם מיידל הילדא איז געווען אויפצוכאַפּן פרעמדע געהיימע ראַדיאָ־זענדערס.

דאָס יידישע שאַרלערוא־מיידל מיטן נאָמען זשוליעט פּאַטישעוויץ, האָט געאַרבעט צוזאַמען מיטן באַוווסטן יידישן טוער אין שאַרלערוא מאַקס

קאַץ. זייער אויפגאַבע איז געווען צו באַזאָרגן יידן, ווי אויך קריסטן, וואָס זענען געווען אונטערן חשד, מיט פאַלשע קאַרט־אינדיטעס, ד. ה. פעסער און אַנדערע פאַלשע פאַפּירן. ביז מען האָט זיי ביידע צוזאַמען געכאַפּט.

דאָס מיידל זשוליעט האָט פונקט ביי זיך געהאַט אַ גרעסערע סומע געלט, וואָס מען האָט געדאַרפן אויסצאָלן פאַר באַהאַלטענע מענטשן, ווי אויך פאַרן גלות אַנדרע. נאָך ערגער איז געווען וואָס זי האָט געהאַט ביי זיך אַ גרויס פעקל מיט פּאַס־בילדער פאַר די פאַלשע פעסער. אַ טייל פון די פּאַס־בילדער האָט דאָס מיידל זשוליעט באַוויזן אויפצועסן. אָבער נישט אַלץ האָט זי געקאָנט אויפעסן. איז איר געלונגען שטייענדיק אויפן הויף די רעשט אַריינצורוקן אין אַ לאָך פון אַ וואַנט. עס איז איר אויך געלונגען זיך אָפּצוזונדערן פון מאַקס קאַצן, ווייל זי האָט באַהערשט גוט די שפּראַך און געהאַט מכלומרשטע עכטע אַרישע דאָקומענטן. אַזוי האָט מען זי שוין געוואָלט באַפרייען. האָט אָבער דער גורל געוואָלט אַנדערש, ווען מען האָט זיך געפּאָרעט ביי איר באַפרייען, האָט מען דערוויל געשיקט פרויען צו רייניקן דעם הויף און די רייניקונגס־פרויען האָבן געפונען אין דער וואַנט דאָס פעקל פּאַס־בילדער, וואָס זשוליעט האָט דאָרט אַריינגעטאָן. זשוליעט האָט געקריגן שטאַרק געשלאָגן און מען האָט זי אַוועקגעשיקט קיין אוי־שוויץ. אָבער זי האָט באַוויזן צוריקצוקומען.

מאַקס קאַץ איז ליידער נישט צוריקגעקומען.

מיר האָבן זיך אויך דערוווסט פון אַ יידיש מיידל מיטן נאָמען פאַני רויטבלאַט פון שאַרלערואַ, די טאָכטער פון חיים שלמה רויטבלאַט. זי איז געווען די סעקרעטאַרין פון דעם הויפּט־אָנפירער פון די פּאַרטיזאַנער פון וואַלאָניע, רישאַר. זי פלעגט פירן דינאַמיט, געהיימע דאָקומענטן און אויך פאַרבינדן די פאַרשידענע פּאַרטיזאַנער־גרופּן.

פון דער אַמאָליקער יידישער קהילה אין שאַרלערואַ, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געציילט העכער 350 משפחות, איז היינט איבערגעבליבן ביי 250 פערזאָן, כמעט אַלע איבערגעבליבענע איינציקע גלידער פון זייערע משפחות. און דאָס ווערט דאָ נאָך גערעכנט פאַר אַ הויכן פּראָצענט פון אי־בערגעבליבענע, לויט אַנדערע מקומות.

דער הער ר. איז אויך צוריקגעקומען פון פראַנקרייך מיט זיין זון. די

יידן האָבן אים געוואָלט פאַרשטיינען, אַלס אַזעלכער, וואָס האָט מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן. זיי זענען געווויר געוואָרן, אַז ער האָט געטראָגן דייטשע מיליטערישע קליידער, ווען ער איז געקומען באַזוכן זיינע צוויי טעכטער, וועלכע זענען געווען באַהאַלטן אין שאַרלערואַ.

איך האָב אים פאַרטיידיקט מיט אַלע מעגלעכקייטן, אַנווייזנדיק, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ מיטל צו ראַטעווען זיך און זיין זון, וועלכן ער האָט געהאַט מיט זיך. זיי האָבן אָבער נישט געשוויגן, און נישט געוואָלט הערן מיינע אַרגומענטן און זיי האָבן אים איבערגעגעבן דעם בעלגישן געריכט. ער האָט אין געריכט באַוויזן מיט דאָקומענטן זיין אומשולד און איז באַפרייט געוואָרן.

דאָס זיין פון דעם הער ר. דאָרט, ביי די דייטשן, איז אויך געווען אַ גרויסע סענסאַציע. פון אָנהויב איז ער מיט זיין זון מיטגעפאָרן מיט די בעלגישע פרייוויליקע אַרבעטער צו אַרבעטן אין פראַנקרייך פשוטע אַרבעט. און אין צווישן האָט מען דאָרט אין פראַנקרייך געפרעגט, אפשר איז ווער פון זיי פון פאַך אַ שניידער, און אַזוי ווי ער איז אַ שניידער, האָט ער זיך געמאָלדן, און אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס שניידער ביי זיין פאַך ביי די דייטשן. שפּעטער איז ער דערהויבן געוואָרן אַלס שניידער־מייסטער, ווייל ער האָט זיך אָנגעגעבן אַלס פאָלקס־דייטש פון רומעניע. אַזוי אַרום האָט ער באַקומען די מיליטערישע קליידער. ער איז געוואָרן דער אָנפירער פון אַ פאַבריק אין וועלכער עס האָבן געאַרבעט אַ פּאָר הונדערט פראַנצויזישע שניידער־אַרבעטער פאַר די דייטשן.

ער איז געוואָרן געמסרט דורך אַ שווייצער דייטש, וועלכער איז געווען אַ מיטלויפער מיט די דייטשן, און האָט אין אים דערקענט אַ ייד. ער איז געבראַכט געוואָרן דורך אַ געסטאַפּאָ־אָנפירער צום דאָקטאָר אים אונטערזוכן. צו זיין מזל איז גראָד דער דאָקטאָר נישט געווען. האָט ער אים דערווייל איבערגעגעבן צו אַן אָרטיקן וואַך־סאָלדאַט, וועלכער האָט געוואַכט ביים דאָקטאָר. ווען די וואַך־סאָלדאַטן האָבן זיך געטוישט, האָט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט און געזאָגט צום אַנדערן וואַך־סאָלדאַט, אַז ער מוז שנעל זיין ביים הויפּט־אָנפירער. און אַזוי ווי אַלע האָבן אים דאָרט געקענט אַלס שניידער־מייסטער, האָט ער אים דערלויבט אַוועקצוגיין, אויף אַ פּאָר

מינוט. ער האָט עס אויסגענוצט און איז אַנטלאָפן קיין באָרדאָ, אַ שטאָט אין דרום־פראַנקרייך. אויך דאָרט איז ער געוואָרן שניידער־מייסטער ביי די דייטשן ביזן סוף פון דער מלחמה.

די מיטגליד־קאַרטע פון אַלטער קליימאַן, אַרויסגעגעבן פונעם פאַרבאַנד פון די געפאַנגענע אין לאַגער דאַן

דאָס לעבן מוז גיין ווייטער...

יידן הייבן אָן צו גיין אָפּנעמען די באַהאַלטענע זאַכן, וואָס זיי האָבן באַהאַלטן ביי די בעלגיער. אין אַלגעמיין גיבן דאָ די בעלגיער אָפּ די אַלע באַהאַלטענע סחורות. אויסער איינצלנע פאַלן, ווו די אייגנטימער, וואָס האָבן געגעבן צו באַהאַלטן זענען נישטאָ. די יידן מיינען, אַז זיי דאַרפן זיך צו־איילןביים אָפּנעמען די באַהאַלטענע זאַכן, ווייל זיי דאַרפן זיך צוריק איינ־אָרדענען צו קענען ווייטער עקזיסטירן.

דאָס לעבן מוז זיך ווייטער ציען, טראָץ דעם, וואָס פון די פאַרשיקטע משפחות ווייסט מען נאָך דערווייל גאָרנישט, ווייל אין פוילן און אין דייטשלאַנד שלאָגט מען זיך דערווייל נאָך. אויך איילן זיך די יידן אָפּצו־נעמען זייערע זאַכן, ווייל זיי האַלטן פון דעם כלל: שמיד דאָס אייזן, ווי לאַנג עס איז נאָך הייס. ווייל שפּעטער וועלן זיי דאַרפן אפשר פירן פראָצעסן.

איך טראַכט, אַז אויך איך דאַרף טאָן דאָס זעלבע, וואָס די יידן טוען דאָ און איך פאַר אַריבער קיין אַנטווערפּן אָפּצונעמען מיינע זאַכן, וואָס איך האָב געגעבן צו באַהאַלטן ביי די אָרטיקע קריסטלעכע משפחות. קודם בין איך אַוועק צו מיין בעלגישן פריינד אַלבערט און געפרעגט אים מכוח דעם גאַז־אויוון און קאַנאַפּע, וועלכע איך האָב אים געגעבן צו באַהאַלטן. ער האָט מיר דערציילט, אַז די דייטשן האָבן עס ביי אים צוגענומען. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל מיר געבן אַ צעטל מיט זיין אונטערשריפט, אַז זיי האָבן דאָס ביי אים צוגענומען. איך דאַרף עס „מכלומרשט” האָבן אַלס באַ־ווייז פאַר דעם דזשאַינט, זיי זאָלן מיר דערפאַר געבן אַנדערע זאַכן.

ער האָט מיר אַזאַ צעטל געגעבן מיט זיין אונטערשריפט. מיט דעם צעטל בין איך געגאַנגען צו דער געהיים־פּאָליציי. אַ העכערער אָפיציר פון זיי איז מיט מיר געגאַנגען און געמאַכט ביי אים אַ הויז־זוכונג און ביי אים

אין קעלער געפונען די ביידע זאַכן. די פּאָליציי האָט אים געמאַכט אַ פּראָצעס. אויפן סמך פון זיין אונטערשריפט האָב איך געטענהט, אַז איך האָב אין דער קאַנאַפּע געהאַט באַהאַלטן מיין געלט און צירונג און גאָלד־זאַכן. איך האָב איבערגעגעבן די גאַנצע זאַך, וואָס ער האָט מיט מיר געטאָן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע.

עס איז געקומען צו אַ געריכטלעכן פּראָצעס און עס איז געוואָרן אַרויסגעגעבן אַן אורטייל: אַז דאָס וואָס איך האָב געפונען ביי אים געהערט צו מיר, אָבער אויף די רעשט זאַכן וואָס איך טענה, אַז ער האָט ביי מיר צוגענומען, מוז איך דאָס איבערגעבן צו אַ ציווילן פּראָצעס. איך האָב פון דעם פּראָצעס רעזיגנירט, ווייל עס איז מיר נישט דער קאָפּ צו פירן היינט פּראָצעסן. באַלד נאָך דעם איז אַלבערט געשטאָרבן.

אויך ביי דער אַנדערער פרומער קאַטוילישער משפחה, ביי וועלכער כ׳האָב באַהאַלטן מיינע וועש, מלבושים און זילבערוואַרג, ווי אויך דעם גרויסן ראַדיאָ־קאַסטן, האָב איך נישט בעסער אָפּגעשניטן. איך האָב דאָרט געפונען דעם ראַדיאָ. בעת איך האָב אים אַרויסגענומען, האָבן זיי געוויינט, פאַרוואָס איך נעם אים צוריק אָפּ. פון זעקס אָנצוגן, וואָס איך האָב דאָרט באַהאַלטן, האָבן זיי מיר צוריקגעגעבן נאָר איינעם, דעם ערגסטן. זיי האָבן נישט געטענהט, אַז די דייטשן האָבן עס צוגענומען, נאָר סתם — זיי האָבן גאָרנישט.

איך בין געגאַנגען זיך אויף זיי באַקלאָגן צו דער פּאָליציי פון באָר־געהאָט (אַ פאָרשטאָט פון אַנטווערפּן, ווייל זיי האָבן געוווינט אין דעם קוואַרטאַל). דער פּאָליציי־אָפיציר האָט מיר געזאָגט אין זייער אַנוועזנהייט אַז די יידן ווילן איצט אויסנוצן די בעלגיער און צונעמען ביי זיי, דאָס, וואָס זיי האָבן פאַרלוירן ביי די דייטשן. פון די רייד פון דעם פּאָליציי־אָפיציר, האָב איך אַרויסגעפילט נישט אַזוי וויט זיין זאָרג פאַר די בעלגיער, וואָס ווילן מיט געוואַלד ירשענען יידיש פאַרמעגן, נאָר שנאה און כעס דערפאַר, וואָס פון יידן איז נאָך איבערגעבליבן אַ גלאָוניע...

אין אַנטווערפּן האָב איך זיך אויך דערוווּסט, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט מיט די טערקישע יידן, וועלכע האָבן געהאַט אַ זייער שיינע שול, אויף די שיב סטראַט, וועלעכ מען האָט גערופן די טערקישע שול. די

צאָל פון טערקישע יידן אין אַנטווערפּן איז געווען אַ פּאָר הונדערט פאַמי־ליעס. אַלע זענען זיי געווען טערקישע בירגער. די דייטשן האָבן זיי צוזאַ־מענגענומען און מכלומרשט זיי געזאָגט, אַז זיי ווערן אָפּגעשיקט אַהיים קיין טערקיי אונטער דייטשער שוץ און אחריות. אָבער ווי מען ווייסט איצטער, זענען זיי קיין טערקיי בכלל נישט אָנגעקומען און קיינער ווייסט נישט עד היום ווו זיי זענען אַהין געקומען.

אין אַנטווערפּן האָב איך אויך געהערט פון אַ געוויסן ייד מיטן נאָמען משה וואָל, וועלכער איז געווען צווישן די אַנטווערפּענער פּאַרטיזאַנער. ער זאָל האָבן זייער אַ סך אויפגעטאָן; ער האָט זיך באַטייליקט אין געוואַלדיקע געוואַגטע אונטערנעמונגען.

איין מאָל האָבן די אָנפירער פון די פּאַרטיזאַנער געפרעגט ווער עס וויל זיך מעלדן פרייוויליק צו גיין מיט אַ געוויסן בריוו אין דער דייטשער קאָמענדאַטור. ער, משה וואָל, האָט זיך געמאָלדן צו דער אונטערנעמונג און אין דעם בריוו איז געווען געשריבן, אַז אין אַ געוויסן פרימאָרגן פאַר־זאַמלען זיך אויף אַ געוויסן אָרט, ביי דער באַן־ליניע, דער גאַנצער קאָמי־טעט פון די פּאַרטיזאַנער און מיט זיי אַ גרעסערע גרופּע פון פּאַרטיזאַנער.

די דייטשן האָבן אַהין אַרויסגעשיקט זייערע געסטאַפּאָ־לייט — דייי־טשע און בעלגישע — מיט פעלד־זשאַנדאַרמען. דאָרט איז פאַר זיי געווען צוגעגרייט אַ מינירונג, וואָס האָט אויפגעריסן אַ גרעסערע צאָל פון זייערע לייט און זיי זענען דערביי אומגעקומען.

צופעליק האָב איך דעם משה וואָל זייער גוט געקענט, אים מיט זיינע ברידער, וועלכע זענען געווען פון די פרומסטע און אָנגעזעענסטע משפּחות פון אַנטווערפּן אין דער דיאַמאַנטן־בראַנזשע.

ווען איך האָב זיך באַגעגנט מיט דעם משה וואָל און ווען איך האָב אים געפרעגט וועגן די ענינים, האָט ער מיר געזאָגט, אַז די זאַך וואָס מען דערציילט וועגן אים איז אמת. ער האָט נאָך געטאָן גרעסערע זאַכן. אָבער, האָט ער צוגעגעבן, אַז ער טאָר נאָך איצט נישט רעדן דערפון. איך האָב אים געפרעגט, פאַר וועמען ער האָט נאָך איצט, נאָך דער באַפרייונג, מורא? האָט ער מיר געענטפערט, „עס לעבן נאָך גענוג בעלגישע פאַשיסטן און איך האָב נאָך אויך היינט מורא פאַר זיי״.

ער האָט מיר בלויז דערציילט, אַז ביי זיינע אונטערנעמונגען איז ער געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ טלית קטן. ערשטנס, האָט ער עס געהאַלטן פאַר אַ סגולה, אַז דאָס וועט אים אָפּהיטן און אויב טאָמער וועט מען אים ווען עס איז כאַפּן, זאָלן זיי גלייך זען, אַז ער איז אַ ייד און זאָלן זיי זען, וואָס יידן זענען פעיִק אויפצוטאָן.

אויף מיין פראַגע, פון וואַנעט שטאַמט זיין ווילן אַזוי זיך מפקיר צו זיין? האָט ער מיר דערציילט: ווען ער איז צוריקגעקומען פון לאַגער אין פראַנקרייך (ער איז אויך געווען אין זעלבן לאַגער ווי איך, ער איז געווען פון די אַרויסגעשפרונגענע פון באַן), און אַז ער האָט דערזען, אַז זיין פרוי און קינדער און אויך זיינע אַלע ברידער האָט מען צוגענומען, איז אים מער נישט איבערגעבליבן צו טאָן ווי בלויז צו נעמען אין זיי נקמה. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער פּאַרטיזאַנער־אַרבעט מיט אַלע זיינע חושים, אָן שום אויסרעכענונג.

אויך האָט ער דערציילט, אַז ער פלעגט פון צייט צו צייט, צווישן איין אַרבעט און דער אַנדערער, זיך גיין אָפּרוען אין זיין ברודערס וווינונג, אין וועלכע עס איז איבערגעבליבן בלויז די אַמאָליקע קריסטלעכע דינסט. די דינסט האָט באַקומען אַ חשד אויף אים, אַז אויסער דעם, וואָס ער איז אַ ייד, איז ער אויך עפּעס פאַרבונדן מיט אַנדערע זאַכן און זי האָט אים אויס־געגעבן צו דער געסטאַפּאָ. ווען זיי זענען געקומען אים נעמען, האָט ער נאָר באַוויזן צו באַהאַלטן די פאַרשידענע געהיימע פּאַפּירן אין קעמערל צווישן די קוילן. אים האָט מען אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין דער בעלגישער טורמע, אויף באַגיינע סטראַט. דאָרט איז ער געוואָרן שרעק־לעך געפייניקט, ער זאָל אויסגעבן דעם פּאַרטיזאַנער־קאָמיטעט.

זעקס וואָכן איז ער דאָרט געזעסן און געליטן שרעקלעכע עינויים, ביז דער באַפרייונג פון בעלגיע. ער האָט קיינעם נישט אויסגעגעבן, ער האָט געטענהט, אַז ער איז בלויז אַ פּשוטער ייד. אָבער זיי האָבן אים נישט געגלויבט.

איצט שרייבנדיק דאָס, וויל איך צוגעבן אַ באַמערקונג, אַז אומגעפער מיט 15 יאָר שפּעטער, נאָך דער באַפרייונג פון בעלגיע, האָט מען אים געלאָזט רופן פון אַ געוויסער אינסטאַנץ אין בעלגיע און דער שעף פון

דער אינסטאַנץ האָט אים איבערגעגעבן אין געהיים, אַז ער זאָל וויסן, אַז די בעלגישע נאַציס גרייטן צו אויף אים אַן אַטענטאַט, און ער ראָט אים צו פאַרלאָזן בעלגיע. ער איז טאַקע אַוועק קיין ישראל.

אָפּזייענדיק אַ שטיקל צייט, איז ער בערך אין אַ יאָר שפּעטער צוריק־געפאָרן קיין בעלגיע. אויך אין בעלגיע איז ער נישט לאַנג פאַרבליבן. ער איז קראַנק געוואָרן און געמוזט גיין אין שפּיטאָל אַריין אויף אַן אָפּעראַ־ציע. ער איז אַ פּאָר טעג שפּעטער געשטאָרבן.

דער חסידישער פּאַרטיזאַן משה וואַל

איך האָב אויך באַגעגנט אין אַנטווערפּן איינעם פון די צווי ברידער גאָלדבערג. מיטן נאָמען מענדל. איך האָב זיי אַמאָל געהאַט אויפגענומען אויף מיין אויטאָ, בעת איך בין אַנטלאָפן פון דער שטאָט קאַלע (אין פראַנקרייך) אין אַ דאָרף אַריין נאָך אין יאָר 1940. ווען איך האָב אים

געפרעגט, וואָס מען הערט מיט זיין ברודער שמואל, האָט ער מיר דער־ציילט, אַז זיין ברודער האָט נעבעך געהאַט אַ מיאוסן טויט דורך די דייטשן... זיי, די דייטשן, האָבן אים איבערגעגעבן לעבעדיקערהייט צו די הינט, אַז זיי זאָלן אים צערייסן... איך האָב מער אים נישט געוואָלט און נישט געקאָנט פרעגן פּרטים.

אין אַנטווערפּן האָב איך געזען אַ מיידעלע, וואָס איז שוין געווען אין מאַלין אין דעם זאַמל־לאַגער, פון וועלכן מען איז מער נישט אַרויס־געקומען. פון דאָרט האָט מען אָפּגעשיקט די טראַנספּאָרטן קיין אָסטן. דאָס מיידעלע איז געווען צוזאַמען מיט נאָך 34 יידישע קינדער באַהאַלטן אין אַ קלויסטער אויפן נאָמען פון דער בעלגישער קעניגין־מוטער עליזאַבעט. ווען די דייטשן האָבן אַנטדעקט די יידישע קינדער, צווישן די אַלע קריסט־לעכע קינדער, האָבן זיי זיי אַרויסגענומען און אַוועקגעשיקט קיין מאַלין. ווען די קעניגין־מוטער האָט זיך דערפון דערוווּסט, האָט זי אינטערוועניִרט ביי דער דייטשער מאַכט, און אַלס זשעסט פאַר איר, האָט מען אַרויסגע־געבן פון די אַלע יידישע קינדערלעך בלויז פיר, וועלכע זענען געווען שטאַרק קראַנק און דאָס מיידעלע איז איינע פון די פיר.

אין אַנטווערפּן האָט מען דערווייל נאָך נישט געוווּסט פון דעם גורל פון די פאַרשיקטע מענטשן, צוליב דער נאָך דויערנדיקער מלחמה. דער־פאַר האָט דייטשלאַנד מכבד געווען אַנטווערפּן מיט די ווע (1) און ווע (2) באָמבעס, וואָס זיי האָבן געשאָסן אויף אַנטווערפּן און אויף לאָנדאָן. זיי האָבן געשאָסן פון האָלאַנד, וואָס איז נאָך דערווייל געווען באַזעצט דורך די דייטשן. די באָמבעס האָבן אָנגעמאַכט גרויסע שאָדנס אין אַנטווערפּן. פּשוט זיי גראָבן אויס מיט זייער פאַלן ריזן־קראַטערס, פון 15 ביז 20 מע־טער טיף אין דער ערד.

ביי אַזאַ באָמבאַרדירונג האָב איך זיך גראָד געפונען ביים וואָקזאַל אין אַנטווערפּן. איך האָב געטאָן דאָס זעלבע, וואָס די ענגלישע סאָלדאַטן טוען: זיך פּשוט אויסציִען אויף דער ערד, ווייל די באָמבע קומט אַזוי אומגע־ריכט, אַז עס איז פּשוט נישט מעגלעך צו אַנטלויפן. און ווען יאָ איז אויך גאָרנישטאָ קעגן איר וואָס אויפצוטאָן, ווייל זיי צעברעכן הייזער אין איין רגע.

אלטער קליימאַן

אַ גלח האַלט אַ דרשה פאַר מוסף

אַזוי ווי פון מיין פאַמיליע איז נאָך דערוייל אוממעגלעך וואָס געוואָר צו ווערן און דאָס באַמבאַרדירן האַלט אָן, האָב איך זיך גענומען געצווונגען צוריקצופאָרן, נאָך שאַרלערואַ. איך בין אַהין אָנגעקומען ערב ראש־השנה.

3 סעפּטעמבער. שאַרלערואַ. עס איז אָנגעקומען די ערשטע אַמעריקאַ־נער אַרמיי.

די אַמעריקאַנער האָבן רעקוויזירט אַ סינעמאַ און דאָרט איינגעאָרדנט אַ „מנין" פאַר די אַמעריקאַנער יידישע סאָלדאַטן — אומגעפער ביי 500 פּערזאָן. אויך די יידן פון שאַרלערואַ, וועלכע האָבן געוואָלט דאַווענען, האָבן זיי געהייסן מיט זיי מיטדאַווענען. דער חזן און בעל קורא זייערער איז געווען אַ געוויסער ראַבינער קאָלאָנעל מאַרקוס. ער איז אויך געווען זייער בעל־תוקע. ער איז געווען אָבער־טשעפּלעין פון דער ערשטער אַמע־ריקאַנער אַרמיי.



ראש־השנה. אַמעריקאַנער יידישע סאָלדאַטן דאַווענען צוזאַמען מיט שאַרלערוער יידן אין סינעמאַ „גאַנסען עדען". פון רעכטס אויף לינקס: אַלטער קליימאַן, דער שוחט לעווינבראָן, ד"ר מאַרקוס, הויפּטשאַפּלעין פון די יידישע סאָלדאַטן און ש. ווישניאַ

נאָכן באַפרייען פון דער שטאָט שאַרלערואַ דורך דער אַמעריקאַנער ארמיי אַ מנין אינעם אָרטיקן סינעמאַ „נאַנסען עדען", איינגעאָרדנט דורך די יידישע סאָלדאַטן צוזאַמען מיט די שאַרלערוער יידן אין ראש־השנה. פון רעכטס אויף לינקס: אַלטער קליימאַן, דער שוחט הערשל לעוועגבראָן, דער אויבער־טשאַפּלעין ד"ר מאַרקוס און ש. ווישניאַ

אויף יום כיפּור האָבן די אַמעריקאַנער איינגעאָרדנט אַ מנין פאַר זייערע סאָלדאַטן. דאָס מאָל איז שוין ראַבינער מאַרקוס נישט געווען ביי אונדז, ער האָט געמוזט גיין מיט דער אַרמיי ווייטער.

אגב זענען מיר געוואָר געוואָרן פון די יידישע אַמעריקאַנער סאָלדאַטן אַז פון די ערשטע יידישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן מיט אונדז געדאַוונט ראש השנה, זענען פיל געפאַלן ביי אַ שלאַכט מיט די דייטשן.

דאָס מאָל איז אויפן פּלאַץ פון ראַבינער געווען אַ קריסטלעכער רעווערענד, וועלכער האָט געהאַלטן אַ דרשה פאַר מוסף און ער האָט געזאָגט צו די יידישע סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן אין זייער יידישער רעליגיע און זאָלן נישט זיין קיין שבת־גויים. דאָס וואָרט האָט ער געזאָגט אין העברעיש.

דער לעצטער גסיסה־צאַפּל פון היטלערס אַרמיי

דעם זעקסטן אָקטאָבער פון יאָר 1944, האָט דער גענעראַל פאָן רונדשטעט אַדורכגעבראָכן דעם אַמעריקאַנער פראָנט, ביי די אַרדענען, ביז צום טייך מאַאַס, מיט דעם ציל צו קענען זיך דורכרייסן ביז אַנטווערפּן און אַזוי אַרום אָפּשניידן די אַליאירטע טרופּן פון יענער געגנט. איך האָב שוין מורא געהאַט צו וואַרטן אויף גליקן און תיכף ווידער גענומען מיין וואַנדערשטעקן און אַוועק קיין טורנע, אַ בעלגישע שטאָט ביי דער פראַנ־צויזישער גרענעץ.

דאָרט האָבן מיר אויך אָנגעטראָפן טויזנטער בעלגישע פליכטלינגען, וועלכע זענען אַנטלאָפן פאַר די דייטשן. אין טורנע האָט געהערשט אַ מוסטערהאַפטע אָרדענונג ביים איינאָרדענען די פליטים. יעדער האָט באַ־קומען זיין געלעגער און עסן, וואָס איינער האָט נאָר געוואָלט. מיר זענען דאָרט באַהאַנדלט געוואָרן אַזוי ווי „בנים־יחידים".

ווי עס ווייזט אויס איז דער פּרוּוו פון די דייטשן דורכצוברעכן דעם אַמעריקאַנישן פראָנט איבער דעם טייך מאַאַס געווען דער לעצטער גסיסה־צאַפּל פון דעם דייטש. מען האָט זיי צוריקגעשטויסן. דאָס האָט אָבער געקאָסט פרישע קרבנות פון די אַמעריקאַנער.

איך בין צוריקגעפאָרן קיין שאַרלערואַ, אָבער איך האָב דאָרט נישט געקענט מערער בלייבן. די אומרויקייט האָט מיך צוריק געטריבן קיין אַנטווערפּן. אפשר וועל איך זיך פאָרט דערוויסן עפּעס וואָס וועגן מיין פאַמיליע.

עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שאָטנס פון די אַמאָליקע מענטשן, וועלכע זענען צוריקגעקומען פון היטלערס לאַגערן. זיי זענען געווען אַזוי צעבראָכן און אָנגעזאַפּט מיט צרות און פּיין, אַז זיי האָבן בכלל נישט געקענט עפּעס וואָס דערציילן, וואָס עס איז מיט זיי געשען. ביסלעכווייז

זענען מיר געוואָר געוואָרן די שרעקלעכע טראַגעדיעס, וואָס האָבן געטראָפן מיט יעדן איינעם, בפרט, און בכלל מיטן גאַנצן יידישן פאָלק.


Administration Communale
de Tournai
N° 37

Service des Evacués

Nom
Prénoms
Commune de
Rue N° 40
Profession Nationalité
N° carte d'identité Validée le
Etat-civil
Lieu d'hébergement
Evacué sur

Tournai, le
(signature)

דער דאָקומענט פון דער שטאָט טורנע בעתן צווייטן מאָל אַנטלויפן פאַר די דייטשן

איך בין געוואָר געוואָרן, אַז אויף מיין פרוי האָב איך שוין ליידער נישט צו האָפן. אָבער אויף מיין טאָכטער קען איך זיכער וואַרטן. דאָס האָבן מיר איבערגעגעבן אַנטווערפענער פרויען, וועלכע זענען געווען צוזאַמען מיט מיין טאָכטער אין לאַגער. זיי האָבן מיין טאָכטער שטאַרק געלויבט. זי האָט איינגעשטעלט איר לעבן, כדי צו ראַטעווען אומגליקלעכע. זי איז דאָרט געוואָרן די אויפזעערין ביי דער קיך (אַזאַ יונג קינד) און בעת די געפאַנגענע יידן פלעגן גיין צו דער אַרבעט, האָט זי זיי אין געהיים אַרויס־געגעבן עסן. וואָס זי האָט געקענט האָט זי פאַר זיי געטאָן. אַזוי האָבן מיר איבערגעגעבן פאַרשידענע אַנטווערפּענער יידישע יונגע פרויען, וועלכע

זענען פון דאָרט צוריקגעקומען. זיי האָבן מיר אויך דערציילט, אַז זיי האָבן זי געזען אויפן וועג מאַרשירן מיט אַלע מחנות צוזאַמען.

ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז אויך זי לײדער נישט צו־ריקגעקומען. וואַרשײנלעך איז זי נעבעך אומגעקומען אויפן וועג.

נאָך דעם בין איך נאָך געבליבן אַ געוויסע צייט אין אַנטווערפּן, אָבער איך האָב זיך נישט געקענט מער אויפהאַלטן אין אַנטווערפּן, ווייל יעדער שטיין האָט גערעדט צו מיר און מיר דערמאָנט מיין אומגליק. אויך איז מיר פאַרמיאוסט געוואָרן אַנטווערפּן.

אַ ייד האָט נישט מער וואָס צו טאָן אין דער פרעמד און איך בין געפאָרן קיין ישראל.